וקראת לשבת ענג, ולקדוש ה' מכבד



קונטרס

# עונג שבת

מלאים זיו ומפיקים נוגה

## בראשית

נתנדב ונתפרסם לכבוד שב"ק ע"י
מו"ה חנני' יו"ט ליפא גרויס הי"ו
לע"נ זקינו רבי ישעי' ב"ר משה זיעוכי"א

צו סובסקרייבען שיקט אן אימעיל צו:
onegshabbos+subscribe@googlegroups.com
איר וועט באקומען אן אויטאמאטישע אימעיל,
ריפלייט צוריק מיט א ליידיגען אימעיל.

בס"ד

# מיין שבת אוצר

מיט ווערטעלעך שיינע, פאר גרויס און קליינע.

פ. מאזעסזאהן - "המחנה החרדי"





## פערל ווערטער - פ' בראשית תשפ"ו

### בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. (בראשית א:א)

צדיקים האבן געזאגט: "בראשית,"—דער ערשטער כלל וואס א איד דארף וויסן איז, "ברא אלקים את השמים ואת הארץ,"—אז דער באשעפער האט באשאפן הימל און ערד, און אלע באשעפענישן וואס געפינען זיך אין איר, ער איז דער וואס פיהרט די גאנצע וועלט מיט זיין השגחה פרטית.

### בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א)

בראשי**ת** בר**א** אלקי**ם**, איז סופי תיבות **אמ"ת**, (נישט לויט'ן סדר נאר ת.א.מ.), ווייטער שטייט בר**א** אלקי**ם** א**ת**, איז די סופי תיבות **אמ"ת** לויט'ן סדר. אפילו ס'איז אין אנהויב שווער צוצוקומען צום אמת, אבער אז מ'מיינט אמת'דיג, העלפט דער באשעפער, און ס'וועט שוין גיין לייכט אין א סדר.

*(עי' דברי יחזקאל)*

### בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א)

דער מדרש זאגט "**בראשית**", 'בשביל התורה שנקראת ראשית.' די גמרא (ברכות ה:) זאגט: "כל העוסק בתורה לשמה יסורין בטלין ממנו,"—דער וואס לערנט תורה לשמה, ווערט אויסגעהיילט פון אלע יסורים רח"ל. דער פסוק באטאנט: "**בראשית**,"—אויב דו וועסט לערנען די תורה וואס ווערט אנגערופן "ראשית,"—"**ברא**", וועסט דו זיין געזונט און מער נישט האבן קיין יסורים.

*("תשובות חן" מליניץ)*

### בראשית ברא אלקים... והארץ היתה תהו... (בראשית א:א-ב)

ווען א מענטש טראכט אריין אז "בראשית ברא אלקים", דעמאלט זעהט ער איין "והארץ,"—אז אלע עניני ארציות, די גשמיות'דיגע געברויכן, "תוהו ובוהו", זענען פוסט און האבן נישט קיין שום ממשות.

*(הרה"ק רבי חנוך הענך מאלעקסאנדער זי"ע)*

### ויאמר אלוקים יהי אור ויהי אור. (בראשית א:ג)

ביי אלע טעג פון די בריאה שטייט "ויהי כן", און ביי די ליכטיגקייט שטייט "ויהי אור", פארוואס? ווייל ס'איז געבליבן אזוי ווי דער באשעפער האט געזאגט. ביי "אור", שטייט (איוב לח:טו) "וימנע מרשעים אורם", דער באשעפער האט פארמיטן פון די רשעים זייער ליכטיגקייט ווייל ער האט דאס באהאלטן פאר די צדיקים לעתיד לבא, און ס'איז געבליבן נאר א דמיון פון אור, דערפאר שטייט נישט ויהי כן, נאר "ויהי אור".

*(קומץ המנחה)*

### ויאמר אלקים יהי אור ויהי אור. (בראשית א:ג)

"**ויאמר**,"—ווען א איד בעהט ביים באשעפער "יהי אור,"—ס'זאל אים זיין ליכטיג, "ויהי אור,"—באלד הערט אים דער באשעפער אויס זיין תפילה און ס'ווערט אים ליכטיג.

*(הרה"ק רבי נח מלעכעוויטש זי"ע)*

המשך בעמוד הבא >->->->->-



**שבת פ' בראשית • שבת מבה"ח מר-חשון**

הפטורה: כה אמר - לא יהיה (ישעי' מ"ב)

• ר"ח מר חשון, ביום הרביעי וביום החמישי פ' נח •

המולד: ליל ד' בשעה 12:54 עם 8 חלקים •

• א"א אב הרחמים וצדקתך • ברכי נפשי

• ז' שלמים קידוש לבנה: ליל ד', לך. ז' בו. • סו"ז קידוש לבנה: ליל ה' וירא, ט"ו בו. •

## מיין אוצר...מתורת רבותינו הק'

### בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א)

**דעם ערשטן שבת האבן די מלאכים געזאגט שירה מיט אדם הראשון**

ס'שטייט אין ילקוט "הכל יודוך והכל ישבחוך, זו שבת בראשית". האט כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע ערקלעהרט די כוונה דערפון לויט די ווערטער פון תוספות (סנהדרין לז: ד"ה מכנף) אויפ'ן פסוק (ישעי' כד:טז) "מכנף הארץ זמירות שמענו". שטייט אין תשובת הגאונים אז די בני ארץ ישראל זאגן קדושה נאר שבת, אזוי ווי ס'שטייט (ישעי' ו:ב) 'שש כנפים לאחד,'—אז די מלאכים האבן זעקס פליגל, און יעדן טאג פון די זעקס טעג פון די וואך, זאגן זיי שירה מיט אן אנדערע פליגל, און ווען ס'קומט שבת, זאגן די מלאכים פאר'ן באשעפער, מיר האבן נישט נאך א פליגל צו זאגן שירה, ענטפערט זיי דער באשעפער, אז שבת וועלן די איינוואוינער פון די ערד זאגן שירה, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (ישעי' כד:טז) "מכנף 'הארץ' זמירות שמענו", ע"כ.

דאס איז רעכט אויף שבת פון נאך בריאת העולם, אבער שבת בראשית, דער ערשטער שבת פון די בריאה, האבן די מלאכים געקענט זאגן שירה, ווייל זיי זענען דאך באשאפן אינעם צווייטן טאג, [אזוי ווי רש"י אנהייב פרשה ברענגט "יום אחד. אז לויט'ן סדר וואלט געדארפט שטיין יום ראשון... און ס'שטייט "יום אחד", ווייל דער באשעפער איז דעמאלט געווען יחיד בעולמו, (בראשית רבא ג, ח-ט.) איז דאך זיי פארבליבן איין פליגל פאר שבת. האבן די מלאכים צוזאמען מיט אדם הראשון געזאגט שירה און געלויבט דעם באשעפער. און דאס באדייט דער מדרש "הכל יודוך והכל ישבחוך זו שבת בראשית", ווען אלע זאגן שירה צוזאמען די מאלכים מיט אדם הראשון. *(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע אמר תורה זו בשבת בראשית בשם ספרים הק')*

*ס'איז מקובל ביי חסידים אז די תורה האט מרן מהרי"ד זי"ע געזאגט שבת בראשית תרע"ג, ווען שמיני עצרת איז יענעם יאהר געפאלן דאנערשטאג, און אויפצומארגן פרייטאג, איז געווען שמחת תורה. מרן מהרי"ד זי"ע האט דעמאלט געזאגט דברי תורה, אויף א פיוט, און נישט אויף א פסוק פון חומש כדרכו בקודש. אינמיטן טיש האט ער זיך צוגעבויגן צום איידעם הרה"ק רבי פיני'עלע אוסטילא זצוק"ל, און אים שטילערהייט געזאגט: אזוי ווי אין די טעג איז ער געווען זייער פארנומען און ער האט נישט געקענט לערנען חומש מיט רש"י, דעריבער פארכט ער צוזאגן דברי תורה פונעם פסוק, האט ער דעריבער געזאגט דברי תורה אויפ'ן פיוט. און ביים טיש פרייטאג צו נאכט'ס פ' בראשית [מוצאי שמחת תורה] ווען מרן זי"ע האט אנגעהויבן זאגן 'תורה' האט ער פריער געזאגט אזוי: וויבאלד ער האט נאכנישט אנגעיאגט צו לערנען חומש מיט רש"י פון די וואכע'דיגע סדרה פ' בראשית, [ווייל ערש"ק איז געווען שמחת תורה און מ'האט דעמאלט געענדיגט פרשת "וזאת הברכה]", דעריבער זאגט ער נישט 'תורה' אויף די סדרה פון די וואך נאר אויפ'ן מדרש פליאה פון "הכל יודיך זו שבת בראשית".*

המשך בעמוד הבא >->->->->-



## פערל ווערטער - פ' בראשית תשפ"ו

<<<<<<

### ויהי ערב ויהי בקר יום אחד... (בראשית א:ח)

ביי אידן געהער די נאכט צום מארגנ'דיגן טאג. און ביי די גוים, געהער די נאכט צום פריער'דיגן טאג. ווייל נאכט ווייזט אויף דינים,—יסורים און פינסטערניש. אידן ליידן פריער יסורים, דערפאר וועט דערנאך קומען זייער טאג, די ליכטיגקייט און די הילף. אבער ביי די פעלקער, איז פריער דער טאג, און דער סוף זייערער וועט זיין נאכט. אזוי ווי חז"ל זאגן: "צדיקים תחלתן יסורים וסופן שלוה והרשעים תחלתן שלוה וסופן יסורים".

*(אמרי שפר)*

### ויאמר אלקים נעשה אדם בצלמנו (בראשית א:כו)

מיט'ן דיבור פון "נעשה אדם בצלמנו", האט דער באשעפער זיך געוואנדן צו די גאנצע בריאה: צוזאמען וועלן מיר מאכן דעם מענטש. יעדער זאל געבן זיין חלק. צניעות זיך לערנען פונעם חתול, זהירות פון גזל פון די מארישקע, עזות פונעם טיגער, גבורה פונעם לייב, זריזות פונעם אדלער וכו'.

*(הגאון מווילנא זצ"ל)*

### את כל עשב...לכם לאכלה ...ויהי כן (בראשית א:כט-ל)

ס'שטייט "ויהי כן" איז דען דא באשאפן געווארן א נייע באשעפעניש? נאר ווען דער באשעפער האט געזאגט "הנה נתתי לכם..." זענען די גראזן און די פרוכט געוועזן הארט, נישט צו קענען זיי עסן, אבער אצינד ווען דער באשעפער האט געזאגט "**לכם לאכלה**", אז מ'זאל דאס עסן, איז דא נתחדש געווארן א פרישע ברי', אז ס'איז געווארן פאסיג צו קענען דאס עסן!

*(קול שמחה)*

### ויכל אלהים ביום השביעי. (בראשית ב:ב)

"ויכל", פונעם לשון 'כלתה נפשי'. דער באשעפער גליסט אין זיבעטן טאג דער שבת קודש, צו מעשה בראשית. און דער וואס גליסט צו א זאך, איז דאס זיכער חשוב ביי אים און ס'ווערט דערהויבן. דאס איז דער ענין וואס אלע וועלטן האבן ווערן דערהויבן אין שבת קודש, ווייל דער באשעפער גליסט אין דעם טאג צו אלע מעשה בראשית.

*(אוהב ישראל)*

### והבל הביא גם הוא...וישע ד' אל הבל ואל מנחתו... (בראשית ד:ד)

הבל האט זיך אליין אויך מיטגעברענגט אלס א קרבן, ער האט זיין אייגענעם 'איך' מקריב געווען פאר'ן באשעפער דעריבער, "**וישע ד' אל הבל ואל מנחתו**", —האט דער באשעפער אהנגענומען זיין קרבן.

*(שפת אמת)*

### ויחר לקין מאד ויפלו פניו... (בראשית ד:ה)

ווען א מענטש ווערט אין כעס גייט אוועק פון אים זיין הייליגע נשמה, (אריז"ל שער רוה"ק י): אזוי ווי ס'שטייט (איוב יח:ד) "טורף נפשו בכפו",— דורך כעס פארליהרט ער די נשמה (עיין זוה"ק ח"ב קפ"ד). "**ויחר לקין מאד**",—קין איז געווארן אין כעס, "**ויפלו פניו**",—איז דער "אור הפנים",— דער צלם אלוקים פון די נשמה אוועקגעפאלן פון אים.

*("קומץ המנחה" - קרח דרוש יג:ח)*

המשך בעמוד הבא <-<-<-<-<-

## מַיין אוֹצָר...מִתּוֹרַת רַבּוֹתֵינוּ הַקְ'

<<<<<<

### בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ (בראשית א:א)

***ס'שטייט אין תקוני זוהר: "בראשית",—'ב' ראשית'.***

מ'קען דאס מפרש זיין לויט'ן מדרש (ב"ר א:ד) "רב הונא בשם רב מתנה אמר: אין זכות פון דריי זאכן איז די וועלט באשאפן געווארן, אין זכות פון חלה, פון מעשרות און פון בכורים. איז דער טעם, ווייל ס'שטייט 'בראשית ברא אלקים', און ראשית מיינט מען 'חלה', אזוי ווי ס'שטייט (שלח טו:כ) 'ראשית ערסתיכם'. ראשית מיינט אויך 'מעשרות', אזוי ווי ס'שטייט (שופטים יח:ד) 'ראשית דגנך" און ראשית מיינט אויך 'בכורים', אזוי ווי ס'שטייט (משפטים כג:ד) 'ראשית בכורי אדמתך'. קען מען זאגן דעם ענין, בהקדם פונעם טאטע ז"ל [מרן מהרי"ד זי"ע] וואס האט געזאגט אין נאמען פונעם עלטער זיידן ז"ל [מרן מהר"י זי"ע] אויפ'ן פסוק פרשת (נשא ה:י) "ואיש את קדשיו לו יהיו איש אשר יתן לכהן לו יהיה". זאגט רש"י: "איש אשר יתן לכהן", מתנות הראויות לו. לו יהיה, ממון הרבה". ד.מ. ווען א איד איז מפריש תרומה אדער מעשר, איז אויסער וואס ס'איז חל א קדושה אויפ'ן חלק וואס ער האט מפריש געווען, הערשט אויך א קדושה אויפ'ן חלק החולין וואס בלייבט ביי אים, ווייל מ'קען נישט מפריש זיין א צענטל נאר ווען ס'בלייבט ניין חלקים חולין, אזוי אויך קען מען נישט מאכן א גאנצן שייער תרומה, ווייל מ'דארף דערקענען דאס וואס ס'בלייבט (עי' פסחים לג.), דעריבער ווען מ'איז מפריש איינס פון פערציג אדער איינס פון פופציג, באקומען אויך די חלקים פון חולין וואס בלייבן א קדושה פונעם חלק וואס ער האט מפריש געווען, (עי' "קדושת לוי" פ' ראה ד"ה עשר תעשר). דאס איז דער פסוק מרמז: "איש אשר יתן לכהן", זאגט רש"י: "מתנות הראויות לו", ד.מ. ווען מ'איז מפריש פאר'ן כהן די מתנות וואס מ'דארף אים געבן, "לו יהיה", זאגט רש"י: "ממון הרבה", אז אויך אינעם חלק החולין וואס ס'בלייבט אים באקומט פון די קדושה וואס איז חל אויפ'ן חלק וואס ער האט מפריש געווען. **עכד"ק ז"ל**. אזוי אויך ביי הפרשת חלה מן העיסה, וואס דורכ'ן מפריש זיין איינס פון פיהר און צוואנציג אדער איינס פון אכט און פערציג, וואס די חכמים האבן געגעבן א שיעור (חלה פ"ב מ"ז), איז אויך חל אין די געבליבענע טייג פון די קדושה וואס ער האט מפריש געווען חלה. אזוי אויך ביי בכורים, וואס מדברי סופרים דארף מען מפריש זיין איינס פון זעכציג (רמב"ם פ"ב מהלכות ביכורים הי"ז), און דורכ'ן מפריש זיין פון פירות ביכורים, גייט אריין אין די אנדערע פירות פון די זעלבע קדושה וואס איז חל אויף די בכורים. דאס איז די כוונת המדרש: "אין זכות פון דריי זאכן איז די וועלט באשאפן געווארן, אין זכות פון חלה, פון מעשרות און פון בכורים". וויבאלד דער תכלית הבריאה איז, אויף צו הייבן אלע ענינים ארציים צום הימל און אריינברענגען אין זיי א קדושה, אזוי ווי חז"ל (אבות ו: יא) זאגן: "כל מה שברא הקב"ה בעולמו, לא בראו אלא לכבודו". דעריבער אין זכות פון די דריי זאכן איז די וועלט באשעפן געווארן, ווייל דורכ'ן מקיין זיין די מצוות, באקומען אויך די עניני ארציים א קדושה, וואס דאס איז דער חלק חולין וואס בלייבט ביים בעל הבית, כאמור. דאס זאגט דער 'תקוני זוהר' "בראשית', - ב' ראשית", אז די דריי מצוות, חלה מעשרות און בכורים וואס ווערן גערופן "ראשית", וואס אין זייער זכות איז די וועלט באשאפן געווארן, אזוי ווי ס'איז מרומז אינעם ווארט "בראשית", איז דא צוויי חלקים פון "ראשית", איינס דער חלק וואס מ'איז מפריש לגבוה, און דער צווייטע חלק וואס בלייבט וואס איז חולין, וואס אין דעם חלק איז אויך דא פון די קדושת "ראשית", און אין זכות פון די דאזיגע צוויי בחינות פון "ראשית" איז די

המשך בעמוד הבא <-<-<-<-<-



## מַעיין אוֹצָר...מתורת רבותינו הק'

‹‹‹‹‹‹

וועלט באשאפן געווארן. כאמור

*(כ"ק מרן מהר"ם מבילגורייא זי"ע)*

### וכל שיח השדה טרם יהיה בארץ... ואדם אין לעבוד את האדמה, ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה...(בראשית ב: ה-ו)

מ'קען זאגן בדרך רמז, אזוי ווי צו יעדער זאך דארף דער מענטש אנקומען צו די הילף פון אויבן, אזוי אויך ביי הכנת הלב צו תפילה דארף א מענטש אנקומען צום הילף פון הימל, און אהן דעם, קען זיך א מענטש וואס האט אן אומריינעם גוף און חומר נישט גרייטן דאס הארץ צו קענען דאווענען פאר'ן באשעפער ווי ס'דארף צו זיין. "שיח' איז פון לשון תפילה (ב"ר י"ג). דאס איז דער רמז: "וכל **שיח** השדה טרם יהיה בארץ". ד.מ. ס'איז נאכנישט געווען א תפילה אז דער צמח השדה זאל וואקסן. דערפאר: "**וכל עשב השדה טרם יצמח**",—איז די גראז נאכנישט געוואקסן, און דער טעם פארוואס דער מענטש האט נאכנישט געדאוונט, איז '"כי לא המטיר ה' אלקים על הארץ",—ס'איז נאכנישט געקומען קיין השפעה פון הימל אויפ'ן מענטש ער זאל קענען דאווענען, און "**ואדם אין לעבוד את האדמה**",—ד.מ. דער מענטש מצד עצמו איז נישט אומשטאנד אויסצואיידלן זיין חומר, וואס איז עפר מן האדמה, און זיך גרייטן צו תפילה אהן די הילף פון הימל. ס'שטייט דאס זאגט דער פסוק "**והשקה את כל פני האדמה**".

*(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

### הֲלוֹא אִם תֵּיטִיב שְׂאֵת וְאִם לֹא תֵיטִיב לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ וְאֵלֶיךָ תְּשׁוּקָתוֹ וְאַתָּה תִּמְשָׁל בּוֹ (בראשית ד:ז)

***תרגום: "הֲלָא אִם תּוֹטִיב עוֹבָדָךְ יִשְׁתְּבֵק לָךְ וְאִם לָא תוֹטִיב עוֹבָדָךְ לְיוֹם דִּינָא חֶטְאָךְ נְטִיר דַּעֲתִיד לְאִתְפְּרָעָא מִנָּךְ אִם לָא תְתוּב וְאִם תְּתוּב יִשְׁתְּבֵק לָךְ".***

מ'דארף פארשטיין, דאס דאָפלט לשון פונעם תרגום, וואס נאכ'ן זאגן "הֲלָא אִם תּוֹטִיב עוֹבָדָךְ יִשְׁתְּבֵק לָךְ" חזר'ט ער נאכאמאהל איבער "וְאִם תְּתוּב יִשְׁתְּבֵק לָךְ".

נאר דער תרגום איז מרמז אויף צוויי סארט תשובה. אין אנהויב פסוק שטייט דאס לשון "אִם תֵּיטִיב שְׂאֵת", ד. מ. אז דער מענטש פארבעסערט זיינע מעשים, דאס איז פאסיג אויב דער מענטש טוהט תשובה מיראה, וואס אויף דעם זאגט די גמרא (יומא פו:) 'זדונות נעשו שגגות,'—פריער זענען זיינע זינד געוועהן מזיד, און אצינד האט ער זיך פארבעסערט, און זיי זענען געווארן שוגג. דערפאר זאגט אויך דער תרגום "אִם תּוֹטִיב עוֹבָדָךְ", אבער אין די ענדע פונעם פסוק, לייגט צו דער פסוק "וְאַתָּה תִּמְשָׁל בּוֹ",—ד. מ. אז דער מענטש וועט געוועלטיגן איבער'ן יצה"ר, לויט דעם רעדט דא דער פסוק פון תשובה מאהבה, וואס "זדונות נעשו זכיות",—וייל אויף אזא תשובה איז פאסיג צו זאגן אז דער מענטש געוועלטיגט אינגאנצן אויף זיין יצה"ר, ער האט שוין אינגאנצן נישט קיין זינד, דערפאר דא דרוקט זיך דער תרגום נישט אויס מיט א לשון פון "פארבעסערן", נאר ער זאגט "ואם תתוב ישתבק לך",—א תשובה וואס איז שטארקער ווי סתם זיך פארבעסערן, דאס איז מרמז אויף תשובה מאהבה. און דאס איז אויך מרומז אין רש"י "**ואתה תמשל בו**",—אם תרצה תתגבר עליו,—דער ענין פון זיך שטארקן אויפ'ן יצה"ר מיינט, אז ער איז שוין אינגאנצן ריין פון זינד, ער איז שוין געהויבן

המשך בעמוד הבא ->->->->->

## מַעיין אוֹצָר...מתורת רבותינו הק'

‹‹‹‹‹‹

געווארן איבער דער יצה"ר.

*(כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע)*

### הלוא אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רובץ... (בראשית ד:ז)

מ'קען אפשר ערקלעהרן פשט אזוי: "**הלוא אם תיטיב שאת**",—באדייט תשובה טוען, וואס איז א תיקון אויף זיינע זינד. אבער ווען א איד טוהט תשובה כאטש מיט די תשובה טוהט ער פארעכטן זיינע זינד וואס ער האט געטוען, אבער אויב ער האט ח"ו מבטל געווען א מצות עשה, און ער האט דערויף תשובה געטוען, פעהלט אים אבער די קדושה און טהרה וואס ווערט נשפע אויפ'ן מענטש, ווען ער איז מקיים א מצוה. איז וויאזוי קען א מענטש זוכה זיין צו די קדושה וטהרה וואס ס'פעהלט אים? נאר ווען א איד טוהט תשובה מאהבה העלפט אים **יעצט** דער באשעפער, און ער איז אויף אים משפיע די אלע טהרות און קדושות, וואס ער האט דערלייגט מיט דעם וואס ער האט נישט מקיים געווען די מצוה, און דורכדעם וואס ער טוהט **יעצט** תשובה מאהבה ווערט אויף אים **יעצט** נשפע די טהרה וקדושה. דאס איז פשט וואס חז"ל (יומא פו:) זאגן: אז דורך תשובה מאהבה, "**זדונות נעשות כזכיות**",—דאס מיינט אז ווען א איד טוהט תשובה מאהבה אויף זיינע זינד, "**נעשות כזכיות**",—איז אזוי ווי ער איז יעצט מקיים די אלע מצות, און ס'ווערט אויף אים יעצט נשפע די טהרה וקדושה פון די מצוה. דאס איז פשט "**הלא אם תיטיב**",—אז דו וועסט יעצט תשובה טוען בבחינת עשה טוב, "**שאת**",—וועט די תשובה ווערן דערהויבן און דער באשעפער וועט משפיע זיין די טהרה און קדושה, וואס דו האסט פארפעהלט.

*(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מבעלזא - סעודה ב' שבת בראשית תשע"ו)*

### ויתהלך חנוך את האלהים ואיננו (בראשית ה:כד).

***מדרש (ראה זוה"ק פ' בראשית ח"א נו:ב) דער באשעפער האט געמאכט חנוך פאר א מלאך צו היטן אויף די אידן. אזוי שטייט אויך אין פסוק (שמות כג:כ-כא) "הנה אנכי שולח מלאך לפניך לשמרך בדרך... כי שמי בקרבו". זאגט רש"י אז דאס איז דער מלאך מטטרו"ן שמו כשם רבו.***

דער טאטע ז"ל [כ"ק מרן מהר"ש זי"ע] האט ערקלעהרט דעם פסוק (תהליט קיט:ט) "במה יזכה נער את ארחו לשמור כדברך", מיט וואס קען דער מלאך מט"ט וואס ווערט גערופן 'נער' זיך משלים זיין? "לשמור כדבריך", אויב ער וועט היטן אויף אידישע קינדער, אזי ווי דער באשעפער האט אים באפוילן. **אד"ק ז"ל**. דארף מען פארשטיין פארוואס האט דער באשעפער באלד נישט גענומען א מלאך וואס זאל היטן און ממליץ טוב זיין אויף אידן, נאר געמאכט א מלאך דוקא פון א מענטש? קען מען זאגן ווייל א געוועהנליכער מלאך, פארשטייט נישט ווי גרויס דער כח פונעם יצר הרע וואס ברענט אינעם מענטש איז, און דערפאר קען א געוועהנליכער מלאך נישט ממליץ טוב זיין אויף די אידן, אבער א מענטש וואס איז געווען אויף די וועלט, און ווייסט דעם כח פונעם יצר הרע, נאר ער קען ממליץ טוב זיין ווען ער ווערט א מלאך, ווייל ער פארשטייט די שווערע נסיונות פונעם יצר הרע, דערפאר האט דער באשעפער געמאכט דוקא חנוך וואס האט געלעבט אויף די וועלט פאר א מלאך.

*(כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע)*



## מיין שיינער רמז אויף די פרשה

### בראשית ברא אלקים את השמים... (בראשית א:א)

רש"י: אין המקרא הזה אומר אלא דרשני.

די תורה האט שוין ביים ערשטן פסוק געשריבן א לשון וואס מ'קען נישט לערנען בדרך פשטות, נאר מ'מוז דאס דרש'ענען. מרמז צו זיין אז אזוי איז די גאנצע תורה, אין יעדער פסוק איז דא פיהל פשטים וואס מ'קען דרש'ענען עד אין חקר.

*("אור יצחק" ראדזוויל זי"ע)*

### בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ... (בראשית א:א)

תורה שבכתב הויבט זיך אהן פונעם אות 'ב' בראשית. און תורה שבעל פה מיט'ן אות 'מ' "מאימתי קורין את שמע". דער פסוק איז מרמז 'ודברת בם', דרש'נען חז"ל (יומא יט), "ולא בדברים אחרים",—דו זאלסט נאר רעדן די ווערטער פון "תורה שבכתב" און "תורה שבעל פה", וואס הויבן זיך אהן מיט די אותיות "**בם**" און נישט אין אנדערע זאכן וואס זענען דברים בטלים...

*("מגיד תעלומה")*

### בראשית... (בראשית א:א)

הרה"ק רבי שלומק'ע זוויהלער זצוק"ל האט געזאגט, אז דער בארדיטשובער רב, דער סניגורן של ישראל, (יומא דהילולא כ"ה תשרי) איז מרומז גלייך אין אנהויב פון די הייליגע תורה. ווייל "**בראשית**" איז די נוטריקון "**ב**'ארדיטשובער **ר**'ב **א**'ומר **ש**'בחי **י**'שראל **ת**'מיד"...

### בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א)

די ערשטע זאך וואס א איד דארף האבן איז "בני חיי ומזוני", וואס זענען מרומז אין **ברא**, ווי פאלגענד: ברא איז אויף לשון ארמי זוהן, וואס ווייזט אויף 'בני'. ברא מלשון בריאות, געזונט, דאס ווייזט אויף 'חיי', לעבן. בר איז א לשון פון תבואה, (אזוי ווי "ויצברו בר") וואס דאס ווייזט אויף 'מזוני', שפייז. דאס איז פשט, בראשית, די ערשטע זאך איז בר"א, בני חיי ומזוני.

*("דברי שלום" להגה"ק מקוידינוב זצוק"ל)*

### בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א)

**בראשי"ת** איז נוטריקון **ב**'אהבה **ר**'בה **א**'ומרים **ש**'מע **י**'שראל **ת**'מיד.

מרמז צו זיין אז אידן זאגן שטענדיג מיט גרויס ליבשאפט שמע ישראל.

*("דברי חנה" הגה"ק רבי חנה מקאלשיץ זצוק"ל הי"ד)*

### תדשא הארץ דש"א... (בראשית א:יא).

דאס ווארט **דש"א** איז ר"ת **ד**'ין, **ש**'לום, **א**'מת. וואס דאס די דריי זאכן אויף וואס די וועלט שטייט (אבות א:יח). דאס איז דער רמז, "**תדשא הארץ**"—די וועלט זאל האבן א קיום, בזכות **דש"א ד**'ין, **ש**'לום, **א**'מת.

*(דודאים בשדה)*

### ויאמר אלקים יהי אור ויהי אור. (בראשית א:ג)

פון אנהייב די פרשה ביז צו "ויהי אור", איז דא גענוי אכציג 'פ' (80) אותיות. מרמז צו זיין אז ווען מ'נוצט דעם 'פ', דעם מויל צום לערנען, מ'זאגט ארויס וואס מ'לערנט, דעמאלט ווערט לעכטיג, אזוי אויך געפונען מיר (תהלים קי"ט) "פתח דבריך יאיר", ביים אות 'פ', ווייל נאר דעמאלט ווערט לעכטיג.

*(ספרים הק')*

## מיין אוצר... מוסר השכל פון די פרשה

### א איד האט קיינמאל נישט געענדיגט

### בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א)

מ'קען אריין טייטשן בדרך רמז אינעם ווארט 'בראשית', אז א איד זאל שטענדיג טראכטן אז ער האלט נאך אין אָנְפַאנְג'. ווייל ווען מ'טוהט מצוות ומעשים טובים דארף מען זיין געהיטן אז מ'זאל חלילה נישט צוקומען צו 'גאוה' און זיין צופרידן פון זיך, אז מ'איז שוין א צדיק און מ'טוהט שוין גענוג. פארקעהרט, א איד דארף זיך אלעמאהל האלטן קליין און וויסן אז ער האלט נאך ביי 'בראשית' און ער האט נאך א לאנגער וועג צו גיין ביז ער וועט אנקומען צום שלימות.

*(ספה"ק 'ישמח ישראל' אות א')*

### א דאנק די אמונה איז די וועלט באשאפן געווארן

### בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א)

רש"י: "בראשית", בשביל ישראל שנקראו ראשית', די וועלט איז באשאפן געווארן אין זכות פון די אידן וואס ווערן אנגערופן "ראשית".

הרה"ק בעל "יסוד העבודה" זי"ע האט געזאגט א רמז דערצו אז די עיקר בריאה איז צוליעב אידן וואס חזר'ן שטענדיג אז "ברא אלקים את השמים ואת הארץ",—און א דאנק די אמונה וואס אידן גלייבן אז דער באשעפער האלט זיין השגחה פרטית אויף די וועלט, איז די וועלט באשאפן געווארן.

### וואס פארא זיסער טעם האט די הייליגע תורה

### בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א)

דער הייליגער בארדיטשוב'ער זי"ע האט געזאגט אויף די ווערטער פון רש"י הק' אנהייב סדרה, "מה טעם פתח בבראשית", בדרך מליצה: "**מה טעם**",—וואס פאר א זיסער טעם האט די הייליגע תורה, "פתח מבראשית",—ווען דער מענטש זאגט, "בראשית", באלד ביים אנהייב, אז דער באשעפער האט באשאפן הימל און ערד, און ער טוהט אלעס אויף דער וועלט.

### אלעס טוען מיט אן אמת נישט פאר'ן אייגענעם כבוד

### הלוא אם תיטיב שאת (בראשית ד:ז)

אמאהל טוהט א איד גוטע זאכן, ער איז עוסק אין תורה ומצוות, אבער ער טוהט דאס נישט מיט אן אמת' פאר'ן באשעפער'ס וועגן, נאר מיט זייטיגע חשבונות ווי למשל צו פארדינען כבוד וכדו'. דערפאר זאגט אונז דא די תורה "הל**א** א**ם** תיטי**ב** שא**ת**" וואס די סופי תיבות זענען "באמת", אונז צו לערנען אז ווען מ'פארבעסערט זיך און מ'קומט טוען גוטס, זאל מען דאס טוען מיט אן אמת.

*(אגרא דכלה)*

### וואס טוהט דיר באמת וויי?

### למה חרה לך ולמה נפלו פניך... (בראשית ד:ו)

טראכט גוט אריין, צי ס'טוהט דיר וויי אז דו ביסט דערוויטערט פון מיר, אדער ס'טוהט דיר גאר וויי אז דער קרבן פון דיין ברודער הבל איז אנגענומען געווארן, די קנאה עסט דיך אויף.

*("חידושי הרי"ם")*



## מיין געדאנק אויף די פרשה

### בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א)

דאס ווארט "**ברא**" באדייט אין אראמיש קינדער, ווי די גמרא (סנהדרין קד.) זאגט: "ברא מזכי אבא",—"**ברא**" מיינט אויך "בריאות",—געזונט, "**ברא**" מיינט אויך תבואה,—עסן, ווי דער פסוק (בראשית מב:ג) זאגט: "לשבר בר". דאס באטאנט דער פסוק, "**בראשית**",—צום ערשט דארף יעדער איד זוכה זיין, "**ברא**",—ער זאל האבן קינדער, "**ברא**",—ער זאל זיין געזונט, "**ברא**",—ער זאל האבן פרנסה בשפע. און אלע דריי זאכן זענען טאקע מרומז אין דאס ווארט "**ברא**" וואס באטרעפט פונקט ווי די ווערטער "**בני חיי מזוני**",—וואס דאס מיינט קינדער, לעבן און שפייז.

***(הגה"ק רבי יחיאל מאיר פון אוסטראווצא זצוק"ל)***

### וירא אלקים את האור כי טוב ויבדל... (בראשית א:ג-ד)

**רש"י: דער באשעפער האט געזעהן אז די רשעים זענען נישט ווערד זיך צו באנוצן מיט דעם ליכטיגקייט, האט ער דאס באהאלטן פאר די צדיקים לעתיד לבוא.**

דער דאזיגער מאמר פון רש"י איז מרומז אין פסוק אליין. ווייל "יהי אור" איז א לשון עתיד,—ס'זאל שטענדיג זיין לעכטיג. דערנאך שטייט באלד "ויהי אור" (נישט "ויעש" אדער "ויברא") און א 'ויו' אין אנהויב ווארט, דרייט איבער דעם לשון עתיד (ס'גייט זיין) אויף א לשון עבר (ס'איז שוין געווען). דער אור,—די לעכטיגקייט, איז באלד געווען אן עבר, ס'געהער צו די פארגאנגענהייט, ס'איז געווען און ס'איז מער נישטא, ווייל מ'האט אים אפגעטיילט און באהאלטן פאר די צדיקים לעתיד לבוא.

***(הגר"א מווילנא זי"ע)***

### ויהי מבדיל בין מים למים. (בראשית א:ו)

דער מדרש זאגט, אז ביים צווייטן טאג שטייט נישט "כי טוב", וויבאלד ס'איז דעמאלט באשאפן געווארן די מדה פון 'מחלוקת', ווען די וואסערן זענען צוטיילט געווארן. דארף מען פארשטיין, דער פערטער טאג איז דאך אויך צוטיילט געווארן צווישן טאג און נאכט, פארוואס שטייט דארט יא "כי טוב"? נאר וויבאלד טאג און נאכט זענען צוויי קעגן זייטיגע זאכן, האט דער באשעפער זיי געדארפט צוטיילן אז זיי זאלן זיך אויסמישן, דעריבער שטייט דארט "כי טוב". אבער וואסער מיט וואסער זענען איין זאך, און ווען מען צוטיילט איין זאך אין צוויי, איז דאס נישט גוט, דעריכער שטייט נישט ביים צוטיילן די וואסערן "כי טוב". פון דא זעהט מען, אז ווען מ'מאכט א מחלוקת צווישן צדיקים, איז דאס זייער נישט גוט. אבער ווען צדיקים טיילן זיך אפ פון רשעים, איז דאס זייער א גוטע זאך.

***(הרה"ק רבי יעקב פון הוסיאטין זי"ע)***

### ויהי ערב ויהי בקר יום אחד... (בראשית א:ח)

ביים ערשט'ן טאג שטייט "יום אחד", און ביים צווייטן טאג שטייט "יום שני", פארוואס שטייט נישט ביים ערשטן טאג "יום ראשון"? ווייל "ראשון" באדייט אז דער ערשטער טאג האט געהאט א שייכות צו די אנדערע טעג. אבער באמת איז דער טאג דעמאלט געווען א גאנץ באזונדערע אין זיין מדרגה און נישט געהאט קיין שום שייכות מיט די אנדערע טעג, ווייל אינעם ערשטן טאג איז געווען דער "אור", וואס איז שפעטער באהאלטן געווארן

<<<<<

## מיין געדאנק אויף די פרשה

<<<<<

אויף לעתיד לבוא, ווייל די וועלט איז נישט געווען ווערט צו האבן אזא גרויס ליכטיגקייט (זעה פסוק ג') דעריבער איז ער געווען אן "אחד",—איינציג אין זיין סארט און מדריגה...

***(משך חכמה)***

### ויתהלך חנוך...ואיננו כי לקח אותו אלקים". (בראשית ה:כד)

**רש"י: צדיק היה וקל בדעתו לשוב להרשיע לפיכך מיהר הקב"ה וסילקו"**

אויב חנוך איז געווען א צדיק, פארוואס "קל בדעתו להרשיע"? נאר "להרשיע", האט מיינט דא באשולדיג'ן, אזוי ווי ס'שטייט "הלל מחייב עשירים". דעריבער, וואס חנוך איז געווען א צדיק און געלעבט אין א דור פון רשעים, האט ער מיט זיינע גוטע מעשים געקענט באשולדיגן און דינען אלס א קטרוג פאר די וועלט, אזוי ווי די צרפתית האט געזאגט צו אליהו הנביא (מלכים א' יח): "באת להזכיר את עוניי...",—אנטקעגן דיר קוק איך אויס ווי א זינדיגע, און ווייל דער באשעפער האט נאך געוואלטווארטן מיט'ן שטראף פון מבול, "מיהר הקב"ה וסילקו",—כדי פון זיין צדקות זאל זיך נישט צופיהל ארויסזעהן דאס רשעות פון זיין דור.

***(הרה"ק רבי מאיר'ל מפרימישלאן זצוק"ל)***

## מיין טיעפער געדאנק אויף די פרשה

### בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א)

**רש"י: 'בראשית' איז א רמז, בשביל התורה שנקרא ראשית און בשביל ישראל שנקראו ראשית.**

די כונה פון רש"י ז"ל איז, צו ארויסווייזן די איינציקייט פון באשעפער, וואס איז איינציג מיט זיינע וואונדער וואס ער טוהט, און ער איז דער אמת'ער באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט. דער **ערשטער** באוויז דערצו, קען מען זעהן פון די אידישע קינדער. אז מיר זענען זיך מתבונן אין די גרויסקייט פון אידישע קינדער, זייער לויטערער שכל און פארשטאנד, זייער הארץ וואס איז גרויס און פיהל מיט מעלות און מידות טובות אהן א סוף. און מ'זעהט דעם חילוק פון אידישע קינדער און די גוי'אישע פעלקער, פון דעם גלייבן מיר און אנערקענען די גרויסקייט און איינציגקייט פון באשעפער. די **צווייטע** באווייז איז פון די תורה הקדושה. די תורה וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן מיט זיין פוהלע רחמנות. ווען מיר טראכטן אריין די גרויסקייט פון די תורה, בכמות ובאיכות, דאס שטארקט די אמונה און זאגט עדות אז דער באשעפער אליין האט באשאפן די גאנצע בריאה, וואס איז פיהל מיט וואונדער, אלעס אליין אהן קיין שום הילף. ווי חז"ל (תוס' חגיגה ג: בשם המדרש) זאגן: 'שלשה מעידין זה על זה'.—דער באשעפער, די תורה און אידישע קינדער. דאס איז אויך דער טייטש פון שמע ישראל ה', 'שמע' באדייט די תורה (וואס מיר האבן "געהערט" פון באשעפער), 'ישראל' זענען אידישע קינדער, די צוויי זאגן עדות אז 'ה', דער באשעפער האט באשאפן די גאנצע וועלט. דאס איז די כוונה פון רש"י ז"ל, "בראשית בשביל התורה וישראל, די צוויי זאגן עדות אז "**בראשית ברא אלקים**".

***(נועם אלימלך)***



# מיין שבת אוצר



## מיין אוצר... דברי צחות... וואונדערליך...

### פארוואס די חעלעמער הייסן שוטים...

**את השמים (בראשית א:א)**

דער הייליגער רבי מרדכי פון קאזמיר זי"ע איז אמאהל געווען אין שטאט חעלם, און ער האט געזאגט בדרך צחות: "דאס וואס די וועלט זאגט אויף'ן שטאט חעלם אז זיי זענען שוטים, זענען זיי זעלבסט שולדיג דערין. ווייל אמאהל האט מיין הייליגער טאטע דער טריסק'ער מגיד זי"ע באזוכט אין די שטאט חעלם. האט מען אים מכבד געווען צו אנהייבן שרייבן א נייע ספר תורה מיט'ן שרייבן דעם ערשטע פסוק. ער האט געדארפט אריינפילן אין די אותיות וועלכע דער סופר האט פון פריער אנגעצייכנט. האט ער באמערקט ווי דאס ווארט 'השמים' איז געשריבן געווארן מיט א ט' אנשטאט א מ', וואס לייענט זיך 'השטים'. דעריבער זענען זיי שולדיג פארוואס מ'רופט זיי "שוטים!"."...

### "א לוידיג צעטל..."

**והארץ היתה תוהו ובוהו (בראשית א:ב)**

אויף א געוויסער בעל דרשן, האט מען געזאגט אז ער קען אויף יעדן ענין האלטן א דרשה, אהן דעם וואס ער זאל זיך צוגרייטן פון פריער. אמאהל אין א שבת בראשית האט אים איינער געזאגט: "ס'איז נישט קיין חכמה אז דו טוהסט צוגרייטן דיינע דרשות, לאמיר זעהן ווי דו וועסט דרש'ענען פאר'ן ציבור, ווען איך וועל דיר געבן א צעטל, און דיין דרשה וועט זיין איבער'ן ענין וואס שטייט אינעם צעטל". דער ביהמ"ד איז פוהל פון איין צום צווייטן, יעדער וויל זעהן און הערן ווי דער בעל דרשן זאגט א דרשה, אהן צו וויסן פריער אויף וועלכן ענין ער דארף רעדן, און אט גייט ער ארויף אויפ'ן בימה, און ער באקומט באלד א קליין צעטעלע. דער בעל דרשן קוקט אהן דאס צעטל און זעהט אז ס'איז ליידיג אויף ביידע זייטן. ער האט זיך נישט פארלוירן און באלד אנגעהויבן זיין דרשה: "איר זעהט דעם צעטל? ס'איז ליידיג פון ביידע זייטן, דער הייליגער באשעפער האט באשאפן די וועלט א "יש מאין" ס'איז גארנישט געווען אויף דער וועלט, און פון דעם ליידיגן און וויסטן ארט איז באשאפן געווארן א גאנצע וועלט"...און אזוי האט ער ווייטער ממשיך געווען זיין לאנגע דרשה, רעדנ'דיג אויף'ן וואכעדיגע פרשת בראשית איבער דאס גרויסקייט פון 'בריאת העולם'...

### ווייל ס'איז דא נאך קלענער'ס....

**ואת המאור הקטן לממשלת הלילה ואת הכוכבים (בראשית א:טז)**

רש"י: ווייל דער באשעפער האט קלענער געמאכט די לבנה האט ער איר געגעבן אסאך שטערנ'ס איר איבערצובעטן.

אייגענטליך וואס האט דאס געהאלפן פאר די לבנה מיט אסאך שטערנס, זי איז פארט געבליבן קלענער ווי די זון? ענטפערט די וועלט, וויבאלד מ'האט איר געגעבן שטערנ'ס וואס לייכטן וויניגער, האט זיך די לבנה געלאזט איבערבעטן, ווייל זי האט געזעהן אז ס'איז דא קלענער'ס פון איר.

### די מלכות דארף מיך, און נישט פארקערט...

**וישבת ביום השביעי מכל מלאכתו אשר עשה (בראשית ב:ב)**

ביי בארן רבי שמעון וואלף ראטשילד (באקאנט אלס 'דער פרנקפורטער ראטשילד') איז געווען תורה וגדולה במקום אחד. אמאהל שבת, האט ער זיך געטראפן אויף א פלאץ מיט א רב פון די גדולי הדור, קוקט אויף אים דער רב, און זעהט אז זיינע האר זענען נישט מסדור, צוליעב'ן איסור פון קעמען האר אין שבת. "באראן ראטשילד", זאגט אים דער רב, "א איד ווי איר מעג לכל הדעות קעמען די האר שבת, ווייל איר דארפט דאס פאר'ן מלכות. "איך האב מורא", שמייכלט צוריק באראן ראטשילד, "אז איך האב בכלל נישט אזא היתר, ווייל נישט איך דארף דעם מלכות, נאר דאס מלכות דארף מיך האבן".



### לויפט אוועק פון זיין פרנסה...

**בזעת אפיך תאכל לחם. (בראשית ג:יט).**

הרה"ק רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע האט אמאהל געזעהן א איד יאגט זיך אין גאס, פרעגט ער יענעם: "וואו לויפסטו אזוי?" ענטפערט דער איד: "איך לויף פאר מיין פרנסה, איך זאל קענען שפייזן מיין פרוי און קינדער". זאגט אים דער צדיק: "פון וואו ווייסטו אז דיין פרנסה גייט פאראויס פון דיר, אז דו לויפסט דאס אזוי נאך צו דערגרייכן? אפשר געפינט זיך דאס הונטער דיר, און ווי מער דו לויפסט, לויפסטו אלס אוועק דערפון ווייטער און ווייטער..."

### געפאפט מיט'ן זאגן 'אחי'...

**ויאמר קין אל הבל אחיו ויהי בהיותם בשדה... (בראשית ד:ח)**

דער פסוק זאגט נישט וואס ער האט אים געזאגט, ערקלעהרט דער הגר"א מווילנא זצ"ל: חז"ל זאגן (בר"ר פכ"ב ח) אז הבל איז געווען שטערקער פון קין. קומט אויס אויב קין האט געוואלט זיך קריגן מיט הבל און אים הרג'ענען וואלט ער נישט געקענט, ווייל ער איז געווען שוואכער, און אים געפארכט. דעריבער האט אים קין געפאפט און אים שטענדיג גערופן אחיו—מיין ברודער, כדי ער זאל זיך נישט היטן פון אים און גארנישט טוען. ויאמר קין אל הבל "אחיו" ער האט אים געפאפט און גערופן "אחיו" און דורכדעם "ויהי בהיותם בשדה" ווייט אוועק פון טאטע מאמע "ויקם קין על הבל אחיו ויהרגהו" אזוי ווי ס'שטייט "דוברי שלום עם רעיהם וגו' עכ"ד. לויט דעם פארשטייט מען דעם פסוק "ויאמר ה' אל קין איה הבל אחיך..." ס'איז דאך נישט געווען אן אנדערע הבל, איז פארוואס דארף שטיין "הבל אחיך", נאר פשט איז, "איה הבל אחיך",—ווי איז דער מענטש וואס דו האסט אים שטענדיג גערופן ברודער. *(קול אליהו)*

### כרובים, אזוי ווי קינדער, אדער ווי מלאכי חבלה...

**וישכן מקדם לגן עדן את הכרובים (בראשית ג:כד)**

רש"י: כרובים, מלאכי חבלה. ביים משכן (שמות כה:כ) שטייט "והיו הכרובים פורשי כנפיים למעלה סוככים בכנפיהם על הכפורת", זאגן חז"ל דערויף כרובים - כרביא, זיי האבן געהאט דאס געשטאלט פון קינדער".

האט געזאגט הגאון רבי משה מרדכי אפשטיין זצ"ל, אז ס'קומט אונז לערנען, אז ווען מ'גיט פאר א קינד א גוטער און פאסיגער חינוך, קען ער דערנאך ווערן אזוי ווי די כרובים וואס באדעקן מיט זייערע פליגל אויפ'ן ארון הקודש; און אויב מ'איז נישט פאסיג מחנך די קינדער, קענען זיי ווערן כרובים, מלאכי החבלה...

♦♦♦

## "שנים מקרא ואחד תרגום..."

**בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א)**

אין שנת תש"ה ווען כ"ק מרן מהר"א זי"ע איז געווען אין צפת אויף די ימים נוראים, איז נישט געווען דארט א בעל קורא, צו קענען לייענען אין די תורה שבת בראשית. ווען מ'האט ענדליך ערב שבת קודש פארשאפט א בעל קורא, און מ'איז מיט אים אריינגעגאנגען צו מרן זי"ע, האט אים מרן זי"ע די ערשטע זאך געפרעגט און געוואלטצ וויסן אויב ער האט שוין מעביר סדרה געווען די פרשה, שנים מקרא ואחד תרגום?

## "פיש און ס'איז גענוג..."

**פרו ורבו ומלאו את הארץ. (בראשית א:כח)**

דער חסיד ר' אברהם שעהנבראון ע"ה פון בערגסאז האט יאהרן לאנג נישט געהאט קיין קינדער, און ווען ער איז געפאהרן קיין בעלזא האט ער זיך שטענדיג מזכיר זיין ביי כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע, געהאלפן צו ווערן מיט "זרע של קיימא". איינמאהל זייענדיג אין בעלזא אויף שבת בראשית, ווען מרן זי"ע האט געפיהרט טיש, האט ער אים געגעבן שיריים פון די פיש. ביים טיילן שיריים פון די פלייש איז ר' אברהם נאכאמאהל צוגעגאנגען און געבעהטן שיריים, האט אים מרן זי"ע געזאגט: "האסט דאך שוין באקומען איינמאהל שיריים!" האט ר' אברהם געזאגט: איך וויל באקומען (פון די פלייש) א ביין (א בן-זכר!) האט זיך מרן זי"ע צעשמייכלט און געזאגט: דער באשעפער האט געבענטשט אדם הראשון און אים געזאגט: "פרו ורבו"—ער זאל זיין פרוכטבאריג און זיך פארמעהרן, טייטשט אויף דעם תרגום אונקלוס: "פושו וסגו", וואס מ'קען טייטשן—"פיש איז גענוג"... איבער א יאהר איז ביי ר' אברהם געבוירן געווארן זיין איינציג קינד א טאכטער'ל.

## "אתרוג איז בכלל גפן..."

**ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו (בראשית ב:יז)**

***רבותינו נחלקו בזה מאיזה עץ אכל אדם הראשון (ברכות מ.)***

אין שנת תש"ז איז הגה"ק רבי שאול ידידי' דער "אמרי שאול" פון מאדזשיץ זצ"ל ארויף געקומען קיין ארץ ישראל זיך צו באזעצן. האט ער דעמאלט אפגעשטאט א העפליכער וויזיט ביי כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע וואס האט אים אויפגענומען מיט א גאר באזונדערע ליעבשאפט. שפעטער ווען מרן זי"ע האט צוריק געגעבן דעם וויזיט אין הויז פונעם מאדזשיצער רבי'ן, האט דער מאדזשיצער רבי, געפרעגט פון מרן זי"ע פארוואס אתרוג וואס ווערט אנגערופן "פרי עץ הדר" ווערט נישט דערמאנט צווישן די שבעת המינים? האט אים מרן זי"ע געענטפערט אז דער אתרוג איז בכלל "גפן". ביי א שמועס (ד' אייר תש"ס) האט זיין אייניקל דער "נחלת דן" פון מאדזשיץ זצ"ל, געזאגט פאר יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, "איך האב אסאך געטראכט, וואס איז דער שייכות, ביז ס'איז מיר איינגעפאלן אז ס'איז דא א דעה אין די גמרא וואס זאגט אז דער עץ הדעת איז געווען א בוים פון גפן און איין דעה זאגט אז ס'איז געווען אן אתרוג בוים, קומט אויס אז "גפן" און "אתרוג" איז איין ענין.

## "געב א נאמען פון א חיה..."

**וכל אשר יקרא לו האדם נפש חיה הוא שמו. (בראשית ב:יט)**

הרה"ח ר' משה בצלאל רייך ז"ל, א פייער'דיגער בעלזער חסיד איז געווען שטארק צוגעבונדן צו כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע. דריי וואכן פלעגט נעמען זיין רייזע, פון זיין היים שטאט קובאטש וואס איז לעבן מאקאווא, אין אונגארן ביז קיין בעלזא אין גאליציע. איינמאהל ווען ער האט דערלאנגט זיין קוויטל פאר מרן זי"ע, האט אים מרן מהרי"ד זי"ע געזאגט, "ס'איז דאך א גרויסע מאטעריניש צו קומען צו פאהרן אזא לאנגען וועג פאר יעדער בקשה און פראגע וואס דו האסט. דעריבער פון היינט און ווייטער ווען דו וועסט דארפן אן עצה אדער האבן א פראגע א שאלה, אדער אן הזכרה, זאלסטו דאס אלס גענוי אפשרייבן אויף א קוויטל און דאס אריינלייגן אין א חומש, און פונדערווייטנס וועל איך דיר וואונטשן און שיקן מיינע ברכות. ר' משה בצלאל האט געטוען גענוי ווי מרן מהרי"ד זי"ע האט אים געהייסן, און ער האט שטענדיג געזעהן ברכה והצלחה אין זיין הויז. נאך דריי יאהר איז ר' משה בצלאל, ווידער געפאהרן קיין בעלזא צו מרן מהרי"ד זי"ע. אריינקומענדיג צו מרן זי"ע אין צימער איז ער געבליבן שטיין פארוואונדערט און אויפגעציטערט, הערנ'דיג ווי מרן זי"ע רעכנט אים איינס נאך איינס אלע קוויטלעך וואס ער האט געשריבן אין זיין שטוב. ביי די געלעגנהייט האט ער זיך מזכיר געווען ביי מרן זי"ע ער זאל געהאלפן מיט קינדער צום לעבן, וואס נאך פיר אדער פינעף מאהל זענען ביי אים די קינדער נפטר געווארן, זייענדיג אין עלטער פון א האלב יאהר ביז אכט חדשים, און אזוי ווי ער ווארט יעצט א שמחה בשעה טובה, זענען זיי פוהל מיט זארג אויפ'ן צוקונפט פונעם ניי געבוירן קינד. האט אים מרן זי"ע געהייסן טוען דריי זאכן, צו באשיצן דאס קינד. א) באלד ווען דאס קינד ווערט געבוירן, זאל ער מאכן נטילת ידים פאר'ן קינד. ב) ער זאל דאס קינד געבן א נאמען פון א חיה, ווי צ.ב.ש. ארי', זאב, דוב וכו'. ג) ער זאל באלד לאזן שרייבן תפילין פאר'ן קינד ביי א געוויסן סופר מומחה. פארשטענדליך אז ר' משה בצלאל האט אויסגעפאלגט גענוי אלעס וואס מרן זי"ע האט אים באפוילן. דאס ניי געבוירן קינד האט ער א נאהמען געגעבן אריה, דאס איז הרה"ח ר' אריה רייך ז"ל, וואס האט אויף א וואונדערליכן וועג נאך פיהלע פלאגענישן איבערגעלעבט די קריג, צוזאמען מיט זיינע תפילין. *(מפי נכד ר' משה בצלאל ז"ל, - הרה"ח ר' בן ציון פרידמן הי"ו בני ברק)*

## "גוטע קינדער אנשטאט דעם ספר"

**זה ספר תולדות אדם. (בראשית ה:א)**

בשעת כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע, האט נאך די חתונה געוואוינט אין טשערנאביל, ביי זיין עלטער-שווער דער הייליגער רבי אהרן פון טשערנאביל זי"ע, פלעגט ער פארשרייבן אין א העפט אלע זיינע חידושי תורה וואס ער האט מחדש געוועןביים לערנען. דעמאלט האט נאך מרן זי"ע נישט געהאט קיין קינדער, און ער פלעגט זיך שטענדיג מזכיר זיין ביי זיין פאטער, כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע, ער זאל געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא. אמאהל איז אים פארלוירן געגאנגען דער טייערער העפט פון זיינע חידושי תורה, און ער האט דערפון געהאט גרויס צער און עגמת נפש. ווען ער האט דאס דערציילט פאר זיין פאטער, מרן מהר"י זי"ע, האט ער אים געטרייסט און געזאגט: ס'שטייט "זה ספר תולדות אדם",— וואונטש איך דיר, "זה ספר",—אנשטאט דעם ספר, "תולדות אדם",— וועסטו אי"ה האבן גוטע קינדער.

## געזעהן אלעס מיט'ן אור התורה...

**וירא אלקים את האור כי טוב (בראשית א:ד).**

דער הייליגער רבי ברוך פון קאמינקא זי"ע האט אמאהל ארויס געשיקט אקסן אויפ'ן וועג, ווען ער האט געהערט אז רויבער האבן בארויבט אקסן פון אנדערע סוחרים, איז ער געווארן באזארגט, אפשר האט מען אויך צוגענומען זיינע אקסן, וואס דאס איז געווען א פארמעגן מיט געלט. האט ער געשיקט זיין שוואגער דער הייליגער רבי יוסף פון קאמינקא זי"ע צום הייליג'ן בעל שם טוב זי"ע, אים צו פרעגן וואס צו טוען. האט דער הייליגער בעש"ט גע'עפנט דעם ספר 'זוהר הקדוש' און האט דערין אריין געקוקט, און באלד געזאגט: "איך זעה די אקסן, קיינער האט זיי נישט צו גע'גנב'עט". האט רבי יוסף געפרעגט מיט וואונדער: "צו דען שטייט דאס אין 'זוהר הקדוש'?" האט דער הייליגער בעש"ט גע'ענפערט: "די חכמים זאגן, אז דער 'אור' וואס דער באשעפער האט באשאפן אין די 'ששת ימי בראשית', האט ער באהאלטן אין די תורה, און דורכדעם 'אור' קען מען זעהן פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן, און דורך די 'אור' האב איך אין דעם 'זוהר הקדוש' געזעהן וואו די די אקסן געפונען זיך".

## די ריכטיגע צייט צו זאגן עדות...

**ויהי ערב ויהי בוקר יום השישי: ויכולו השמים והארץ וכל צבאם... (בראשית א:לא-לב)**

אמאהל פרייטאג צונאכט זענען א גרופע משכילים אריינגעקומען צו הרה"ק רבי אברהם יעקב פון סאדיגורא, כדי צו אפלאכן פון זיין הייליגע עבודה פון מאכן קידוש. האט זיך צדיק אנגערופן: "דער גאנצע ענין פון זאגן "ויכולו" ביי קידוש, איז עדות צו זאגן אז דער באשעפער האט באשאפן הימל און ערד אין זעקס טעג און שבת האט ער גערוהט. איז נישטא קיין בעסערע צייט צו זאגן עדות, ווי אצינד ווען ס'געפונען זיך אויפ'ן ארט אזעלכע וואס לייקענען דאס, דעריבער וועלן מיר יעצט זאגן עדות פארנט פון זיי". און דער צדיק האט אנגעהויבן מאכן קידוש.

## ויקרא שמו בישראל...

**ויבא אל האדם לראות מה יקרא לו. (בראשית ב:יט)**

רש"י: שכשעת ילירתן מיד בו ביום הביאם אל אדם לקרות להם שם.




אמאהל האט איינער פון די מקורבים פון הרה"ק רבי אלעזר'ל אושפיצינער זי"ע (דער איידים פונעם צאנזער רב זי"ע) געמאכט א ברית, און ער האט אים נישט געלאדענט צום ברית. נאך עטליכע טעג ווען דער בעל ברית איז געקומען, פרעגט אים הרה"ק רבי אלעזר'ל, פארוואס ער האט אים נישט געלאדענט צום ברית, צו ער איז אפשר ברוגז אויף אים? האט זיך דער בעל ברית פארענטפערט: "רבי, איך האב חלילה נישט קיין שום קפידה, נאר אזוי ווי אלע כיבודים זענען שוין געווען פארנומען, ווייל סנדקאות האב איך געמוזט מכבד זיין מיין טאט'ן, מיט די ברכות מיין שווער, מיט "כסא של אליהו" מיין ראש הישיבה, איז מיר נישט געבליבן נאר "עמידה לברכות" האב איך געטראכט אז ס'איז אפשר נישט לפי כבודו פונעם רבי'ן". האט זיך רבי אלעזר'ל צושמייכלט און געזאגט: "האסט א טעות! 'עמידה לברכות' איז גאר א געהויבענער און חשובער כיבוד. א באוויי דערצו זעהט מען פונעם פסוק "ויבא אל האדם לראות מה יקרא לו",—דער באשעפער כביכול אליין האט אנגעכאפט די חיות און די עופות בשעת אדם הראשון האט זיי געגעבן נעמען, איז דאך א קל וחומר פאר א בשר ודם אז ס'איז חשוב צו האלטן דאס קינד בשעת מ'גיט אים א נאמען".

## דער באשעפער רופט צו יעדן 'איכה'?

**ויקרא ה' אלקים אל האדם ויאמר לו איכה. (בראשית ג:ט)**

ווען דער הייליגער 'בעל התניא' רבי שניאור זלמן פון ליאדי זי"ע איז געזיצן אין ארעסט אין די רוסישע טורמע אין פעטעבורג, איז איין טאג אריינגעקומען צו אים דער ערציאונגס מיניסטער, און ער האט געפונען דעם 'בעל התניא' ווי ער זיצט זייער פארטראכט, האט ער באלד דערקענט אויף זיין געזיכט און פארשטאנען אז דא רעדט זיך פון א הייליגער און העכערע מענטש. "איך וויל דעם ראבינער פרעגן א פראגע", רופט זיך דער מיניסטער אהן צום בעל התניא, "וואס איז פשט אין פסוק 'ויקרא ה' אל האדם ויאמר לו אייכה' (דער באשעפער האט גערופן צו אדם און אים געפרעגט 'וואו ביסטו?'), האט דען דער באשעפער נישט געוואוסט וואו אדם הראשון געפונט זיך?" האט אים דער 'בעל התניא' צוריק געפרעגט: "גלייבט איר אז די תורה איז אן אייביגקייט, ס'איז ווירקליך אין יעדער צייט, אין יעדער דור און אין יעדער מענטש?" האט דער מיניסטער געענטפערט אז ער גלייבט דערין.

האט אים דער 'בעל התניא' געזאגט: דער פשט אין פסוק איז אזוי. "דער באשעפער רופט אין יעדער צייט צום מענטש און פרעגט אים 'איכה',—וואו ביסטו אויף די וועלט, זיי זיך מתבונן און טראכט ערנסט אריין וויפיהל יאהרן זענען שוין אריבער אויף דיר אויף דער וועלט און וואס האסטו געטוען אין די אלע יאהרן, למשל דו האסט אזויפיהל און אזויפיהל יאהרן (און דא האט דער "בעל התניא" געזאגט פונקט די צאהל יאהרן, פונעם מיניסטער), וואס האסטו אויפגעטוען אין די אלע יאהרן? האסט שוין אמאהל געטוען גוט'ס פאר איינעם?" דער מיניסטער איז שטארק געווארן איבערגענומען פון דעם ענטפער, און האט זיך אנגערופן מיט התפעלות: "בראווא", און ער האט דערנאך ווייטער געשמועסט מיט'ן בעל ה"תניא" און ער האט זיך איבערצייגט אז ער איז א ג-טליכער מאן, און האט שפעטער געגעבן זעען רעקאמענדאציע פאר'ן קייסר אז לויט זיין מיינונג האט מען סתם אויסגעטראכט אויפאים א בלבול,


<<<<<<<

<<<<<<<

און מ'זאל אים באפרייען.

## ער האט פארענטפערט רש"י...

### ויתהלך חנוך...ואיננו כי לקח אותו אלקים. (בראשית ה:כד)

רש"י: צדיק היה וקל בדעתו לשוב להרשיע.

הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע האט דערציילט פאר הרה"ק רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע, ווען רש"י הק' איז נפטר געווארן זענען אים אקעגן געקומען אלע מלאכים און אויסגערופן: "מאכט פלאץ פאר רש"י", אויסער דער מלאך מט"ט ווייל רש"י זאגט אויפ'ן פסוק "**ויתהלך חנוך את האלקים**", אז ער איז געווען א צדיק דעריבער האט אים דער באשעפער אוועק גענומען פאר די צייט כדי ער זאל נישט זינדיגן, איז דער מלאך געווען ברוגז, אז רש"י זאגט נישט אז ער איז געווארן א מלאך. האט הרה"ק רבי אייזיק'ל זידיטשובער געענטפערט: רש"י האט דאס געטוען מיט א חשבון און ער האט פארענטפערט רש"י הק', אויספיהרנ'דיג: "**יעצט וועט דער מלאך מט"ט אויך אקעגן גיין, ווייל כ'האב פארענפערט רש"י**".

## דער 'יצר הרע' האט נישט א 'יצר הרע'...

### לפתח חטאת רובץ. (בראשית ד:ז)

ווען דער ראפשיצער רב זי"ע, האט אמאהל פארגעהאלטן זיין זוהן הרה"ק רבי אליעזר'ל פון דזשיקוב אלס קליין קינד, אויף א געוויסע זאך וואס ער האט געטוען, זאגנ'דיג, "מעגסט דיך לערנען פונעם יצר הרע, ווי עהרליך ער פיהרט אויס זיין שליחות. פון ווען א קינד ווערט געבוירן לויפט ער אים כסדר נאך, צוצורעדן צו טוען אן עבירה, ווי דער פסוק זאגט: "**לפתח חטאת רובץ**". האט דער קליינער אליעזר'ל געענטפערט מיט א שמייכל, "יא יא, דו ברענגסטו מיר א ראי' פונעם יצר הרע? דער יצר הרע האט דאך נישט קיין יצר הרע וואס ס'זאל אים נישט לאזן טוען זיין אויפגאבע, א קונץ אז ער פאלגט?"

## פון 'יצר הרע' קומט קיין גוטס נישט ארויס...

### לפתח חטאת רובץ. (בראשית ד:ז)

דער צעשנובער רב זי"ע, האט דערציילט פון רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע, אז ער האט אמאהל געזעהן אין הימל ווי מ'טראגט אהן פאר די צדיקים זיי זאלן לעבן ברחבות, האט ער דאס נאכגעפארשט



די זאך און זיך דערוואוסט אז די עצה קומט פונעם יצר הרע, האט ער אפגעווארפן דעם אנבאט זאגנדיג: "**וויבאלד דאס קומט פונעם יצר הרע טויג דאס נישט, ווייל פונעם יצר הרע קומט קיין גוט'ס נישט ארויס**".

## זיך אן עצה געבן פון 'יצר הרע'?...

### וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום. (בראשית ו:ה)

הרה"ק רבי מרדכי פון לעכאוויטש, האט דערציילט אז ווען ער איז געווען אויף א באזוך ביי הרה"ק רבי ר' ברוך'ל פון מעזשבוז, איז הרה"ק רבי משה מסאווראן געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק, און ער האט דערביי געפרעגט "ווי געבט מען זיך אן עצה מיט'ן יצר הרע?" האט אים הרה"ק רבי ברוך'ל געענטפערט. "**דער יצר הרע קומט אויך צו אונז און מיר ענטפערן אים וואס פאר פנים וואלטן מיר געהאט ווען מיר וואלטן דיך געפאלגט?**"

## געמאכט אכציג טויזנט בעלי תשובה...

### ויתהלך חנוך...ואיננו כי לקח אותו אלקים. (בראשית ה:כד)

הרה"ק רבי אהרן 'הגדול' פון קארלין זי"ע האט אין זיין לעבן געמאכט אכציג טויזנט 'בעלי תשובה', און ער איז נסתלק געווארן זייענ'דיג אינגאנצן זעקס און דרייסיג יאהר אלט. זיין תלמיד, דער הייליגער רבי שלמה פון קארלין זי"ע האט געזאגט אויף אים א הספד, און צווישן אנדערע האט ער געזאגט: "אויפ'ן פסוק 'ויתהלך חנוך את האלקים ואיננו כי לקח אותו אלקים', זאגט רש"י הק' 'צדיק היה וקל בדעתו לשוב ולהרשיע לפיכך מיהר הקב"ה וסילקו והמיתו קודם זמנו'. דארף מען פארשטיין, אויב איז אמת אז ער וואלט גרינג געקענט ווערן א רשע ח"ו, פארוואס האט אים דער באשעפער צוגענומען יונגערהייט און אים געמאכט פאר מלאך מט"ט 'שר הפנים'? נאר דער אמת איז ווי רש"י אליין זאגט 'צדיק היה', ער איז געווען אזא גרויסע צדיק, אז ווען ער איז צוגעגאנגען צו א רשע, האט ער אים באלד געמאכט פאר א בעל תשובה, ווייל ער האט ביים רשע צוגענומען די בחירה, אז ער זאל שוין מער נישט קענען טוען קיין שלעכט'ס. און וויבאלד ער האט יעדער רשע צוריק געקעהרט צו תשובה האט מען אין הימל מורא געהאט, אז אויב וועט ער לעבן לענגער, וועט ער די גאנצע וועלט ברענגען צו תשובה, און ס'וועט צושטערט ווערן די בחירה ביי מענטשן.

דאס זאגט דא רש"י: '**צדיק היה**',—חנוך איז געווען אזא צדיק, '**וקל בדעתו**',— ס'איז אים זייער גרינג געווען, '**לשוב להרשיע**',—מחזיר בתשובה צו זיין די רשעים, אז זיי זאלן מער קיינמאהל נישט זינדיג'ן. און וויבאלד די בחירה וועט דאך בטל ווערן, דעריבער '**המיתו קודם זמנו**',—האט דער באשעפער אים געמוזט אוועק נעמען פון דער וועלט פאר די צייט. די זעלבע זאך, האט רבי שלמה קארליניער אויסגעפיהרט, האט יעצט פאסיהרט פאר'ן הייליגער רבי'ן, רבי אהרן 'הגדול' פון קארלין זי"ע, ער איז נסתלק געווארן יונגערהייט, זייענ'דיג אינגאנצן זעקס און דרייסיג יאהר אלט, ווייל דער שטן האט גע'טענה'עט אין הימל אז ער האט שוין ביז יעצט געמאכט אכציג טויזנט בעלי תשובה, און אין די קומענ'דיגע יאהרן וועט ער נאך מחזיר בתשובה זיין די גאנצע וועלט, און ס'וועט בטל ווערן די בחירה ביי מענטשן, דעריבער האט מען דעם רבי'ן געמוזט אוועק נעמען פון די וועלט יונגערהייט".



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר



## ♦ פארוואס איז דער מאן באשאפן געווארן פאר די פרוי?

ויברא אלקים את האדם... (בראשית א:כז)

פארוואס האט דער באשעפער באשאפן פריער דעם זכר און דערנאך די נקבה. נאר וויבאלד די פרוי איז רעדעוודיג און אויב זי וואלט באשאפן געווארן פריער וואלט זי נישט געקענט אויסהאלטן אפילו איין שעה אחת, דעריבער איז דער זכר פריער באשאפן געווארן, כדי ווען די פרוי וועט באשאפן ווערן וועט זי קענ ען רעדן מיט איר מאן. ('מאור החיים', א תלמיד פונעם 'אור החיים' הק)

## ♦ די ערשטע תפילה אויף די וועלט איז געווען "מנחה ערב שבת"!

וישם שם את האדם אשר יצר (בראשית ב:ח)

א טעם פארוואס חז"ל האבן געזאגט, אז מ'זאל אכטונג געבן צו דאווענען תפילת המנחה, ווייל די ערשטע תפילה אויף די וועלט איז געווען די תפילה פון אדם הראשון ביי מנחה ערב שבת וואס ער איז באשאפן געווארן. (החיד"א בספרו מדבר קדמות, מערכת ת - תפילה, בשם לקוטי רבינו האריז"ל)

## ♦ פארוואס רעדט נישט דער נחש ביז היינט?

ויאמר הנחש אל האשה (בראשית ג:ד)

איך האב געהערט זאגן בדרך צחות, אז דער נחש האט געהאט א כח הדיבור און ער האט געקענט רעדן אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק "ויאמר הנחש" וגו'. אויב אזוי איז שווער, ווייל ביי די קללה וואס דער נחש איז געשאלטן געווארן, שטייט נישט אז מ'האט פון אים צוגענומען דעם כח הדיבור, איז פארוואס רעדט ער נישט ביז היינט? ענטפערט מען אז דער נחש האט טאקע נאך דעם כח הדיבור, נאר צוליעב דעם וואס ס'שטייט "ואיבה אשית בינך ובין" וכו', רעדט ער נישט צוליעב די איבה, ודפח"ח. (תולדות יעקב יוסף)

## ♦ דער נחש איז געגאנגען בקומה זקופה, און גערעדט ווי א מענטש אדער נישט?

והנחש הי' ערום מכל חית הארץ (בראשית ג:א).

פונעם תנא דבי אליהו לערנט מען אז דער נחש האט גערעדט ווי א מענטש, און וויבאלד ער האט געקענט רעדן און זאגן זיין מיינונג, איז ער אויך זיכער געגאנגען בקומה זקופה. (נפש דוד, השמטות)

## ♦ דער נחש האט בכלל נישט גערעדט?

ויאמר הנחש אל האשה (בראשית ג:ד).

ס'שטייט נישט ביים נחש אז ער האט געעפנט זיין מויל ווייל ער האט בכלל נישט גערעדט, נישט בדרך הטבע און נישט בדרך נס, אבער חוה האט געזעהן דעם שלאנג ווי ער גייט ארויף אויף'ן




עץ הדעת און עסט פון די פרוכט, איינמאהל און נאכאמאהל, און ער שטארבט נישט, און ווערט גארנישט נישט געשעדיגט, האט זי דאס באטראכט, און געזאגט אליין צו זיך, ווי דער נחש וואלט צו איר גערעדט. (פירוש התורה להאברבנאל)

## ♦ די גן עדן פרוכט ווערן איינגעזאפט אין די אברים

מפרי עץ הגן (בראשית ג:ב).

ס'איז מעגליך אז די פירות פון גן עדן, ווערן איינגעזאפט אין די גלידער פונעם מענטש אזוי ווי דער מן און האלט דאס עסן אין זיך וכו'. (רמב"ן)

## ♦ דער עץ הדעת האט געהאט דעם טעם פון דריי אדער פיהר פרוכט אינאיינעם

ותקח מפריו ותאכל (בראשית ג:ו).

חז"ל זאגן אז דער בוים פון וואס אדם הראשון האט געגעסן איז געווען חטה. נאך זאגן חז"ל אז ס'איז געווען גפן, אדער תאנה. אין אמת'ן זענען אלע דברי אלקים חיים. ווייל דער עץ הדעת האט געהאט אין זיך אלע טעמים, טעם חטה, טעם תאנה, טעם גפן. און ס'זאל דיר נישט וואונדערן, ווייל ביים מן זאגן חז"ל אז ס'האט זיך געטוישט צו אלע טעמים אויף די וועלט. (בן איש חי, שנה שניה)

דער הייליגער "חתם סופר" זאגט א רמז. ווייל חז"ל זאגן אז דער בוים פון וואס אדם הראשון האט געגעסן איז געווען פון תאנה, חטה אתרוג, יין, און ס'איז זיכער אז אלעס איז אמת, ווייל די פרי אליין האט געהאט אין זיך פיהר טעמים, תאנה, חטה, פרי עץ הדר [אתרוג] און גפן [יין] וכו'. (תורת משה להחת"ס)

## ♦ אדם הראשון האט נישט אנגעריהרט די פרוכט פון עץ הדעת מיט זיינע הענט

ותקח מפריו ותאכל ותתן גם לאשה עמה ויאכל (בראשית ג:ו).

דער הרמ"ע מפאנו ז"ל שרייבט אין זיין ספר 'מאמר צבאות ה'' (ח"א אות טו), אז ביים מעשה החטא פונעם עץ הדעת שטייט נישט 'לקיחה' ביי אדם הראשון, נאר 'ויאכל' און נישט מער. ווייל די ארעמס פון אדם הראשון האבן זיך נישט געוואלט אויסשטרעקן, די הענט עפענען, און די פינגער אנריהרן די פרוכט. ספר 'נחלת בנימין' לייגט אויף דעם צו: אז אדם האט גארנישט געזינדיגט מיט זיינע הענט, נאר חוה האט אריינגעשטיפט די פרוכט אין זיין מויל. [דער חטא איז געווען, ווייל ער האט דאס געדארפט פארמיידן מיט זיינע הענט].

## ♦ דער אריז"ל האט געגעסן גראזן פון מדבריות!

וקוץ ודרדר תצמיח לך ואכלת את עשב השדה (בראשית ג:יח).

אן אייגנארטיגע אינטערעסאנטע זאך וואס מ'זעהט, אז ווען דער באשעפער האט געשאלטן די ערד צוליעב אדם הראשון, האט ער אים אויך געהייסן עסן גראז, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק "וקוץ ודרדר תצמיח לך ואכלת את עשב השדה" (בראשית ג:יח). שרייבט אויף דעם מערקווירדיג הרה"ק רבי חיים וויטאל זי"ע ("שער המצוות"

## מַיין אוֹצָר...וואונדער פון די תורה...

<<<<<<<

**מה.): "כ'האב געזעהן מיין רבי דער אר"י הק' האט צומאהל געהייסן, מ'זאל אים ברענגען גראזן פון מדבריות, וואס מענטשן עסן נישט געווענהליך, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון עסן גראז וואס דער באשעפער האט געהייסן פאר אדם הראשון."**

### • וואס פאר א ברכה מאכט מען אויף גראז?

ואכלת את עשב השדה (בראשית ג:יח).

וועגן די ברכה אויף גראז, שרייבט הרה"ק רבי חיים וויטאל זי"ע אויף אן אנדער ארט (טעמי המצוות פ' עקב דף רנו): איבער די ברכה פון גראזן, וואס די פוסקים שרייבן, אז וויבאלד זיי זענען נישט איינגעזייט געווארן דורך מענטשן, זאל מען אויף זיי מאכן א ברכת שהכל. האב איך געזעהן ווי מיין רבי [דער אר"י הק'] ז"ל האט נישט חושש געווען דערין, נאר ער האט געמאכט די ברכה וואס פאסט זיך פאר יענעם מין "העץ" אדער "האדמה", ווייל ס'איז נישט קיין חילוק צווישן זיי (שער המצוות סוף פ' עקב). די פוסקים שרייבן (בית יוסף או"ח סי' ר"ג בשם שבולי הלקט (סימן ק"ס און תשובות הגאונים), אז מ'זאל אויף גראז מאכן א ברכת שהכל, אזוי ווערט אויך גע'פסק'נט אין טור און שו"ע (סי' ר"ד ס"א) בשם דעם ראב"ד, אבער דער מגן אברהם ברענגט דארט אראפ (סי' ר'ד סק"י), דאס וואס דער אר"י הק' האט זיך געפיהרט, אז ער האט יא געמאכט אויף א גראז פון א בוים "בורא פרי העץ" און אויף גראזן פון דער ערד "בורא פרי האדמה".

### • ביז "אנוש" זענען נאר געבוירן געווארן צווילינג פון זכר ונקיבה.

ויחי שת אחרי הולידו את אנוש...ויולד בנים ובנות (בראשית ה:ז)

דער ענין איז אז ביז אנוש שטייט נישט "ויולד בנים ובנות", און ס'איז נישט מעגליך אז זיי האבן נישט געבוירן אויך טעכטער, ווייל פון ווי האבן זיי געהאט ווייבער? נאר ס'איז געווען אזוי, ביז אנוש ווען ס'איז געבוירן געווארן א זכר, איז מיט אים געבוירן געווארן אויך א נקיבה, וואס דאס איז דער צלם ודמות, און ס'ווערט נישט דערמאנט אז ס'זענען באזונדער געבוירן געווארן נקיבות, ווייל דאס איז בכלל הזכר. אבער נאך שת, האט זיך אפגעטיילט דער צלם ודמות, און ס'איז געבוירן געווארן דער זכר באזונדער אהן די נקיבה, און אזוי פארקעהרט אז די נקיבה איז געבוירן געווארן אהן דעם זכר, דעריבער זאגט דער פסוק פון דעמאלט "ויולד בנים ובנות". און דאס איז זיכער.

### • דער כוח פון זאגן ויכלו השמים והארץ




ויכלו השמים והארץ וכל צבאם (בראשית ב:א)

די גמרא (שבת קי"ט:) זאגט: "כל המתפלל בערב שבת ואומר ויכלו, מעלה עליו הכתוב כאילו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית, שנאמר ויכלו, אל תקרי וַיְּכֻלּו אלא וַיְכַלּו". דער מענטש מיט זיין זאגן ויכלו ענדיגט ער כיבכול צו די מעשה בראשית, און ער ווערט ווי א שותף צו די ווערק פון באשעפער. אזוי אויך זאגן אונז חז"ל דארט אז דער וואס זאגט ויכלו, טוען די צוויי מלאכים וואס באגלייטן א מענטש ארויפלייגן זייערע הענט אויף זיין קאפ און זיי זאגן אים דעם פסוק (ישעי' ו') "וסר עונך וחטאתך תכפר".

### • מ'דארף מהרהר זיין בתשובה

ס'איז באקאנט וואס דער חיד"א ברענגט אין זיין ספר 'מורה באצבע', אז ווען א איד מאכט קידוש דארף ער האבן גרויס כוונה און מהרהר זיין בתשובה, היות ווען מ'זאגט ויכולו קומט מען דאך דערמיט עדות זאגן אויף בריאת שמים וארץ, אז דער באשעפער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג און גערוהט אין שבת, און די הלכה איז אז א רשע איז פסול לעדות, דעריבער דארף מען פריער תשובה טוען כדי מ'זאל זיין כשר צו קענען מעיד זיין.

***

### • די קללה פונעם נחש

ועפר תאכל כל ימי חייך... (בראשית ג:יד)

הרה"ק רבי שלום משאץ - לאנדאן זצוק"ל שרייבט אין איינע פון זיינע בריוו אזוי: אצינד שנת תרח"צ האבן מיר באזוכט אינעם 'בית הנחשים',—די אפטיילונג פון שלענג, וואס איז אין טיערגארטן (ZOO) דא אין לאנדאן ביום ו' עש"ק, (די צייט ווען די שלענג ווערן געפיטערט איז איינמאהל א וואך, פרייטאג ערב שבת נאכמיטאג האלב נאך פינעף אזייגער) און מיר האבן צוגעזעהן דעם גאנצען סדר פון זייער עסן. מ'לייגט פאר זיי אראפ פארשידענע טויטע חיות און עופות, און זייער עסן איז אנדערש פון אנדערע חיות, ווייל אנדערע בעלי חיים ווען מ'לייגט פאר זיי אראפ דאס עסן, פארציקן זיי דאס נאך ווען ס'איז אין די האנט. אבער דער שלאנג, פארזוימט זיך א שטיק צייט, ביז ער ריהרט צו דאס עסן. (כאטש זיין צייט פון עסן איז נאר איינמאהל א וואך), האבן מיר דערפון באשלאסן אז ס'זעהט אויס אז דער שלאנג האט נישט א תאוות אכילה. אויך איז מאדנע זיין וועג פון עסן, מיט זיין אינערליכן קראפט שלעפט ער צוביסלעך אריין די גאנצע נבילה אינאיינעם צוזאמען מיט די געדערים, די פעהל און די פעדערן, און ס'נעמט אים א לאנגע צייט ביז ער נעמט אריין אין זיך די נבילה, און פון אינדרויסן קען מען זעהן וויאזוי דאס עסן גייט אריין אין זיין האלדז און קערפער, און ס'דערקענט זיך אז דער שלאנג האט דערפון יסורים, ווייל זיין האלדז איז נישט גענוג ברייט ווי דאס עסן, און אזוי ווי ער צושניידט נישט דאס עסן מיט די ציינער, אזוי ווי יעדער בעל חי האט ער נישט קיין הנאה פון זיין עסן. און דאס איז לפענ"ד די קללה פון "**ועפר תאכל כל ימי חייך**",—ווייל ער שפיהרט נישט קיין טעם, און דאס עסן האט א טעם פון ערד. *(ניצוצי התורה)*

(ד)

# הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע

## ספה"ק "קדושת לוי"

## - כ"ה תשרי תק"ע -

**הולדתו:** הגאון הקדוש "סניגורן של ישראל" רבי לוי יצחק דערבארעמדיגער, דער בארדיטשובער רב, איז געבוירן געווארן אין הוסאקוב אינעם פשעמישל ראיאן, אין יאהר ת"ק צו זיין פאטער הגה"ק רבי מאיר אבד"ק הוסאקוב און זיין מוטער מרת שרה סאשא (סאסיא), וואס האט געשטאמט מגזע המהרש"א. זכר צדיקים לברכה.

**האיש מקדש:** מרת פערל די טאכטער פון דעם גביר רבי ישראל פרץ מנכבדי העיר לברטוב, זכר צדיקים לברכה.

**תולדותיו:** 1) בנו רבי מאיר מח"ס "כתר תורה". 2) חתנו רבי דוד לייב בן רבי צבי הירש מנדבורנה. 3) חתנו רבי שמואל יהודה לייב האלפערין. 4) בנו רבי דב בער. 5) בנו רבי ישראל מפיקוב, מח"ס "תולדות יצחק בן לוי". 6) חתנו רבי משה מטריאנוב. 7) בנו רבי משה יהושע מפיקוב. 8) חתנו רבי לייבוש מפרוסקורוב. 9) בנו רבי ישעיה. 10) בנו רבי דב. 11) חתנו רבי שמאי רבה של מעזיבוז ונכדם של רבי ברוך ממעזיבוז ורבי מרדכי מטשערנאבל. 12) חתנו הרב יוסף בונם וולס, מחותנו של האדמו"ר האמצעי מליובאויטש. 13) חתנו הרב נתן מקוז'ניץ. זכר צדיקים לברכה.

**רבותיו:** הרה"ק רבי ר' בער ממעזריטש, און הרה"ק רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג. זכר צדיקים לברכה.

**מתלמידיו:** דער הייליגער בארדיטשובער איז געווען א געוואלדיגער גאון, און מרביץ תורה פאר טויזענטער תלמידים (עדות בנו של רבינו הגה"ק רבי מאיר ז"ל בספרו "כתר תורה"). טייל פון זיינע תלמידים זענען: דער קאזניצער מגיד (עבודת ישראל). דער בוטשאטשער רב (דעת קדושים). הרה"ק רבי אהרן זיטאמיר (תולדות אהרן) זיין צוגעקומענער אייניקל. רבי איציק'ל נעשכיזער (תולדות יצחק). הרה"ק רבי שמואל קאמינקער (שני המאורות). זכר צדיקים לברכה.

**ספריו:** "קדושת לוי". דער בארדיטשובער האט געהאט א סאך עמקות'דיגע חידושים און א גאונ'יש ספר אויף מסכת כתובות וואס איז ליידער פארברענט געווארן, וואס אויף דעם קלאגט דער גרויסער גאון און צדיק הרה"ק רבי מאטל'י הארנאסטייפלער (עמק החכמה, ל"ט ע"ב בהספד על כמה צדיקים).

**על כסא ממלכתו:** ריטשוויל. זעליחוב. פינסק, ליטא. בארדיטשוב.

**פטירתו:** דער הייליגער בארדיטשובער איז נפטר געווארן כ"ה תשרי תק"ע, און איז נטמן געווארן אין די שטאט בארדיטשוב. זכר צדיקים לברכה.

## "סניגורן של ישראל"

אינעם טאג וואס דער הייליגער בארדיטשובער איז געבוירן געווארן איז דער בעל שם טוב הק' אריינגעקומען אין בית המדרש, און געטיילט פאר זיינע תלמידים לעקיך און בראנפין, זאגנדיג, "ס'איז היינט געבוירן געווארן א גרויסע הייליגע נשמה וואס וועט שטענדיג ממליץ טוב זיין אויף כלל ישראל". ווירקליך, זענען טאקע די רייד פונעם בעל שם טוב הק' מקוים געווארן. דער הייליגער "קדושת לוי" האט שטענדיג ממליץ טוב געווען אויף כלל ישראל און ממתיק געווען די דינים (גזרות און קטרוגים) וואס זענען געווען אויפ'ן כלל ישראל.

## ליובן דעם באשעפער פאר די גוטע מתנה

דער הייליגער "תפארת שלמה" פון ראדאמסק ברענגט אין זיין ספר (פ' כי תבוא), אז דער רבי פון לובלין האט במשך זעכטצן יאר באשטימט א צייט יעדן טאג צו ליובן דעם באשעפער אויף די מתנה טובה, וואס דער באשעפער האט אראפגעשיקט אזא הייליגע נשמה [רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב] אויף דער וועלט. זייער א סאך געשיכטעס ווערן דערציילט ווי אזוי דער הייליגער בארדיטשובער האט ממליץ טוב געווען אויף אידן. בפרט אין די הייליגע פארכטיגע טעג וואס דעמאלט פלעגט ער שטענדיג אויפקומען מיט מליצות טובות וישרות אויפ'ן כלל ישראל. די "עבודת הקודש" פונעם בארדיטשובער איז געווען מיט אזא התלהבות און מיט א הייליג'ן ברען וואס נאר צוקוקענדיג זיין הייליגע עבודה איז מען גלייך ערוועקט געווארן לתשובה שלימה, און דאס הארץ איז דערוועקט געווארן צו יראת ה', ואהבת ה'. צדיקים פלעגן זאגן אז לערנען אין ספר "קדושת לוי" און דערציילן פון בארדיטשובער רב איז מסוגל צו ערוועקן רחמים וחסדים אויף כלל ישראל.




## א קליינע ישועה ביז צו די גרויסע ישועה

דער הייליגער "צמח צדיק" פון וויזניץ האט דערציילט די פאלגענדע מעשה: אמאהל איז געקומען א חסיד צום הייליגן בארדיטשובער, און זיך באקלאגט אז ער האט נישט קיין מזל, צו וואס ער נעמט זיך גייט אים נישט, און ער איז לעצטנס געווארן א גרויסער בעל חוב. מען ווייסט נאך נישט דערפון, און מען האלט אים נאך פאר א גביר, ווען מ'וועט אבער געוואויר ווערן דערפון וועט זיין ביטער. האט איט דער קדושת לוי געהייסן קויפן א לאטערי צעטל, און דער באשעפער וועט אים העלפן.

האט דער חסיד געזאגט, "איך צווייפיל נישט, חלילה, אז דעמ רבי'נס הבטחה וועט מקויים ווערן, אבער ווער ווייסט ווען? דער שטייגער איז דאך, אז ס'קען דורכגיין עטליכע יאהר ביז מ'געווינט, און ביז דערווייל קענען קומען די בעלי חובות און פאדערן זייערע חובות (אין יענע צייטן פלעגט מען קויפן איין הגרלה קארטל, און דער זעלבער נומער פונעם זעלבן קויפער פלעגט לויפן עטליכע יאר). אויסער דעם האב איך א טאכטער וואס דארף שוין חתונה האבן, און איך דארף פאר איר א נדן".

האט אים דער הייליגער בארדיטשובער צוגעזאגט, אז איך אויף דערווייל וועט אים דער באשעפער צושיקן א ישועה.

דער חסיד האט פארשטייט זיך מקיים געווען דעם רבי'נס עצה און געקויפט א לאטערי צעטל. פארנ'דיג אהיים האט ער גענעכטיגט אין א קרעטשמע. פונקט איז אנגעקומען צו די זעלבע קרעטשמע א גרויסער גראף, וועלכער איז אויך געבליבן דארט נעכטיגן. ביינאכט האט דער גראף גע'חלומ'ט, אז אין די קרעטשמע געפינט זיך א איד, וועלכער האט ביי זיך א לאטערי צעטל וואס וועט געווינען דאס גרויסע געווינס, און ער דארף זעהן צו טוישן זיין לאטערי צעטל מיט דעם איד'ס לאטערי צעטל.

דער גראף האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, און האט אוועק געמאכט דעם חלום אלס "נארישע רייד", אבער אזוי ווי ער איז ווידער איינגעשלאפן, האט ער נאכאמאהל גע'חלומ'ט דאס זעלבע. יעצט האט ער שוין פארשטאנען אז דער חלום איז שוין נישט קיין פוסטער חלום. האט ער געשיקט זיינע מענטשן, אז זיי זאלן זעהן צו ס'שטייט איין אין די קרעטשמע עפעס א איד'ל, און אויב יא זאלן זיי אים ברענגען צו אים. ביז עטליכע מינוט זענען זיי צוריק געקומען צום גראף מיט דעם חסיד. האט אים דער גראף געפרעגט, "צו ער האט ביי זיך א "לאטערי צעטל?" ווען דער איד האט געענטפערט אז יא, זאגט אים דער גראף, "איך האב אויך אזא 'צעטל'" קום לאמיר זיך טוישן, און איך וועל דיר נאך דערפאר צוגעבן א שיינע סומע געלט.

דער חסיד האט אבער נישט געוואלט, ווייל ער האט געוואוסט אז זיין לאטערי צעטל וועט געווינען, אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט. זעהענדיג אז דער חסיד וויל נישט, האט ער אים אנגעטראגן נאך א גרעסערע סומע געלט. אבער דער חסיד וויל נאך אלץ נישט. ענדליך האט ער אים אנגעטראגן די פאנטאסטישע סומע פון טויזנט גולדן, אבער דער חסיד האלט זיך ביי זיינס. דא האט זיך שוין דער גראף אויפגערעגט, און זיך אנגערופן צו זיינע מענטשן. זיי זאלן ארויסשלעפן פון דעם איד זיין "לאטערי צעטל" מיט כח. זיי האבן אזוי געטוען, דערנאך האט זיך דער גראף אנגערופן: "אייגענטליך וואלט איך דיך געקענט לאזן גיין מיט גארנישט, אבער איך וויל נישט זיין קיין גנב, געב איך דיר מיין "לאטערי צעטל", און איך געב דיר נאך צו די טויזנט גולדן וואס אין האב דיר פריער אנגעטראגן."

דער חסיד, נישט האבנ'דיג קיין ברירה, האט גענומען דעם גראף'ס "לאטערי צעטל" מיט די טויזנט גולדן, און ער איז זיך געגאנגען זיין וועג. קומענדיג אהיים האט ער געקענט חתונה מאכן ברייט זיין טאכטער, און ביז א קורצע צייט האט דאס "לאטערי צעטל" וואס דער גראף האט אים געצוואונגענערהייט געגעבן, געוואונען דאס גרויסע געווינס. דער חסיד איז דערנאך געפאהרן קיין בארדיטשוב מיט גרויס פרייד דערציילן די גוטע בשורה. ווען ער איז אריין צום

<<<<<<<

<<<<<

# הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע

## - כ"ה תשרי תק"ע -

הייליג'ן בארדיטשובער האט ער אים געזאגט: "איך האב געזעהן אז דיין מזל איז דערנידערט אזוי שטארק, האב איך געמוזט שיקן דעם בעל החלומות אז ער זאל צורעדן דעם גראף צו טוישן מיט דיר די "לאטערי צעטל", ווייל איך האב געזעהן אז זיין צעטיל וועט געווינען און נישט דיינ'ס, און די טויזנט גולדן וואס ער האט דיר געגעבן איז נאר ווייל דו האסט געזאגט אז ביז צום געווינס דארפסטו נאך אויך א ישועה, ווייל דו דארפסט חתונה מאכן דיין טאכטער. דעריבער האב איך דיר געשיקט א קליינע ישועה פאר די גרויסע ישועה. דער חסיד איז אהיימגעפארן און איז געווארן נאך א גרעסערער גביר ווי פריער.

ווען דער הייליגער "צמח צדיק" האט פארענדיגט דערציילן די מעשה האט ער צוגעגעבן, דאס האט דער באשעפער געמיינט מיט די הבטחה צו יעקב אבינו: **"כי לא אזבך עד אשר אם עשיתי את אשר דברתי לך"**, איך וועל דיך נישט פארלאזן ביז ווען איך וועל מקיים זיין וואס איך האב דיר צוגעזאגט. לכאורה איז דאך שווער, וואס הייסט "עד אשר אם עשיתי", און נאכדעם ווי ער וועט שוין מקיים זיין די הבטחה וועט ער אים דען אפלאזן? מ'קען דאך נישט זיין איין מינוט אהן די השגחה פונעם רבונו של עולם? נאר דער טייטש איז: אפילו "עד אשר אם עשיתי", ביז צו די גרויסע ישועה, וועל איך דיך אויך נישט אפלאזן, נאר איך וועל דיר שיקן אויף דערווייל א קליינע ישועה. ווי די וועלט זאגט: "ביז צו די קרעטשמע דארף מעו אויך א טרונק בראנפין."

### שלום עליכם נאך שמונה עשרה

אמאהל נאך שמונה עשרה, איז דער קדושת לוי צוגעגאנגען צו עטליכע מענטשן וואס האבן מיט געדאווענט און זיי געגעבן שלום. ווען זיי האבן זיך אלע געוואונדערט פארוואס ער געט זיי שלום, האט ער זיי געזאגט, "איר זאלט אייך נישט וואונדערן, איר אלע מענטשן זענט ביי די שמונה עשרה נישט געווען דא מיט אייערע געדאנקען נאר איר האט ארומגעשוועבט אויף די יריד'ן, אין פרעמדע שטעט. ערשט נאך שמונה עשרה ביים אויסגיין און צוריקטרעטן, האבן אייערע געדאנקען אויפגעהערט צו טראכטן פון יענע ווייטע ערטער און זענען צוריק אהער געקומען, דעריבער קומט אייך אן אמת'ן שלום עליכם!"

### אליין טוען אין הכנסת אורחים

ווען ס'פלעגן קומען געסט צו זיין שווער אין שטוב און מען האט געדארפט האבן בעטן צו שלאפן, איז דער הייליגער בארדיטשובער ארויסגעגאנגען אין מארק, געקויפט בינטלעך שטרוי אז די געסט זאלן האבן אויף וואס צו שלאפן, און פאר גרויס ליבשאפט צו די מצות הכנסת אורחים האט ער אליין אהיימגעברענגט די בינטלעך שטרוי.

ווען זיין שווער האט געזעהן אז ער שלעפט זיך אליין מיט די בינטלעך שטרוי האט ער אים געפרעגט, "פארוואס שלעפסטו אליין די בינטלעך, קענסט דאך באצאהלן א גוי אביסל געלט, ער זאל דיר שלעפן די בינטלעך שטרוי?" ענטפערט אים דער הייליגער בארדיטשובער, **"היתכן! מכבד זיין א גוי צו האבן א חלק אין די מצוה פון הכנסת אורחים און אים נאך באצאהלן?!"**

### אלע אורחים זענען גוט

דער הייליגער בארדיטשובער, איז אמאהל געקומען אין א שטעטל און א גביר וואס האט אים נישט דערקענט, האט זיך ארויסגעדרייט, פון אים אריין צו לאזן ביי זיך אין שטוב. שפעטער ווען אין שטאט האט מען זיך דערוואוסט אז דער גאסט איז דער הייליגער בארדיטשובער רב, איז דער גביר געקומען צו לויפן צום צדיק און אים איבערגעבעטן. האט



אים דער בארדיטשובער רב צוגעשטעלט די אונטערשייד פון אברהם אבינו'ס הכנסת אורחים און לוט'ס הכנסת אורחים, און אים גע'מוסר'ט אויף אזא פיהרונג וואס צו הכנסת אורחים זוכט מען דווקא א באקאנטן און חשוב'ן מענטש, וואס זאל כאטש זיין ווי א מלאך, דאס איז דאך די מדה פון לוט האט דער בארדיטשובער רב געזאגט. אברהם אבינו האט אבער געוויזן פאר אונז אידן אז צו הכנסת אחרים קלויבט מען נישט וואס איז חשוב'ער, אלע אורחים זענען גוט, אזא מצוה פון הכנסת אורחים איז ריין לשמה וואס אויף דעם זאגן אונז חז"ל: **"אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לעולם הבא"**.

### וויאזוי קענסט דו מיר גלויבן אז איך בין א שוחט כאטש די קענסט מיך נישט?!

דער בארדיטשובער רב איז אמאהל אריינגעקומען אין א דארף צו א קצב און אים נישט געזאגט ווער ער איז, דער קצב פרעגט אים אויב ער איז אפשר א שוחט, ווייל ער דארף שנעל שחט'ן א בהמה ווייל דער שוחט וואוינט א פאהר קילימעטער אוועק פונעם דארף, האט דער בארדיטשובער רב געענפערט יא! און דער קצב האט אים צוגעזאגט, פאר'ן שחט'ן די בהמה דאפעלט וויפיהל ער צאהלט פאר'ן געוועהנליכער שוחט. האט דער בארדיטשובער רב אים געענטפערט אז ער וועט שחט'ן די בהמה נאר מיט'ן באדינג אז ער וועט אים בארגן צוואנציג רובל וואס ער דארף זייער נויטיג האבן. האט דער קצב געענפערט אז ער קען נישט בארגן קיין געלט פאר א מענטש וואס ער קען אים נישט. האט אים דער בארדיטשובער אנגעהויבן מוסר'ן, זאלן דיינע אויערן הערן דיינע אייגענע ווערטער, אויף צוואנציג רובל ווילסטו מיר נישט גלויבן ווייל די קענסט מיך נישט, וויאזוי קענסטו מיר גלויבן אז איך בין א שוחט כאטש די קענסט מיך נישט?!! ווען ס'זאל זיך יעצט דא טרעפן א מענטש וואס האט א גרויסן גליסט צו געלט, וואלט ער דיר די בהמה גע'שחט'ן כאטש ער קען נישט הלכות שחיטה, און די וואלסט חס ושלום געגעסן טריפות. ווען דער קצב האט מודה געווען אז ער האט רעכט, האט אים דער בארדיטשובער רב ענטפלעקט ווער ער איז. דער קצב האט צוגעזאגט אז פון היינט און ווייטער וועט ער שוין זיין מער געווארנט אין דעם.

### טאטע מאמע פארשטייען וואס דאס קינד רעדט

דער הייליגער בארדיטשובער איז אמאהל צו געגאנגען צו א איד נאכ'ן דאווענען אין אים גענומען זאגן האלבע צוטיילטע אומפארשטענדליכע ווערטער. דער איד קוקט אים אהן מיט וואונדער און זאגט: "רבי איך פארשטיי נישט קיין איין ווארט וואס איהר זאגט"? האט אים דער בארדיטשובער געענטפערט: "אזוי האסטו פריער גערעדט צום באשעפער, ווי אזוי ווילסטו אז דער באשעפער זאל דיך פארשטיין?" האט אים דער איד געענטפערט, "מיר זעהן אן אינטערעסאנטע זאך, ס'ווערט געבוירן א קינד אין שטוב, דאס קינד קען נישט רעדן, קען נישט וואונקען, קען נאר קוויטשענען צוהאקטע קולות, און אינטערעסאנט די טאטע מאמע פארשטייען פונקטלעך וואס דאס קינד וויל, וואס דאס קינד בעהט, וואס איז פשט דערין? נאר א טאטע און א מאמע פארשטייען א קינד אפילו ווען ער רעדט נאר האלבע געהאקטע ווערטער. מיר זענען קינדער פון באשעפער, און אפילו דאס רעדן איז נישט ווי ס'דארף צו זיין דאך פארשטייט אונז דער באשעפער ווייל א טאטע פארשטייט א קינד. האט אים דער בארדיטשובער געענטפערט: "אבער דאך אז מען האט אונז געגעבן א כח התפלה לאמיר דאס אויסנוצען ריכטיג, און לאמיר דאווענען טאקע ווי ס'דארף צו זיין".

### פטירתו

מוצאי יום הקדוש דאס לעצטע יאהר פאר זיין פטירה (תק"ע), האט ער געזאגט פאר זיינע נאהנטע מענטשן, אז באמת איז יעצט די צייט פון מיין אוועק גיין פון די וועלט, אבער, וויבאלד אלע מיינע יאהרן בין איך מורא'דיג משתוקק מקיים צו זיין מצות סוכה, און מצות ארבעה מינים, האב איך זיך אויסגעבעהטן אז דער באשעפער זאל מיר שענקן צו לעבן כאטש ביז איבער די ימים טובים. זיין תפלה איז טאקע מקוים געווארן און ער האט נאך געלעבט ביז א טאג נאך אסרי חג סוכות. **זכר צדיקים לברכה, וזכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. אמן.**

**(מקורות: אור הצפון, עלים לתרופה, תולדות וסיפורי צדיקים "נר יהושע", מעשי אבות, הילולא קדישא, אנציקלופדיה לחכמי גאליציה, ימי זכרון דברי תורה לפ' השבוע ועוד)**

## מאוצרות הצדיקים

# שבת בראשית

### • אונזער עבודה נאך די הייליגע טעג

**ויבדל בין המים אשר מתחת הרקיע ובין המים אשר מעל הרקיע (בראשית א:ז)**

שטייט אין ספרים הק', אז אין די ימים נוראים, ראש השנה און יום כיפור, זענען מיר געגליכן צו א קינד וואס איז שמוציג און די מאמע קומט און ווישט אפ אלע שמוץ פונעם קינד אזוי אויך ראש השנה און יום הקדוש טוהט, כביכול, די שכינה הק' אונזער מאמע אראפנעמען אונזערע שמוץ און אונז רייניגן פון אונזערע זינד. נאכדעם קומט סוכות, וואס דעמאלט איז די שכינה הק' געגליכן צו א מאמע וואס נעמט איר קינד אונטער איר פארטוך און לאזט אים נישט ארויס. דאס זעלבע, מיר אידן זענען געווען שמוציג פון זינד און דער באשעפער האט אונז אויסגערייניגט, נאכדעם וויל דער באשעפער אונז נישט ארויסלאזן, ער וויל מיר זאלן בלייבן ריין, דעריבער נעמט ער אונז אריין אין די סוכה וואס איז, כביכול, ווי זיין פארטוך. יעצט ווען מיר שטייען נאך סוכות, נאך שמחת תורה, נאך די הייליגע טעג, אוו מען גייט אריין איו די לאנגע ווינטער נעכט, דארפן מיר האבן א ספעציעלע שמירה, אזוי ווי דער רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג, טייטשט דעם פסוק, "לכו בנים שמעו לי יראת ה' אלמדכם", (תהלים לד:יב) "לכו בנים", —ווען איר קינדער גייט אוועק פון די הייליגע טעג, דעמאלט "שמעו לי יראת ה' אלמדכם", —זאלט איר צוהערן דעם יראת ה' וואס מען האט מיט אייך געלערנט אין חודש תשרי, במשך די ימימ טובים.

### • דער באדייט פון "שבת בראשית"

**בראשית ברא... (בראשית א:א)**

פארוואס רופט מען פונקט פרשת בראשית, "שבת בראשית", פארוואס רופט מען נישט שבת פ' נח "שבת נח", שבת פ' לך, "שבת לך" וכדו'. מ'קען דאס ערקלעהרן לויט'ן מדרש אז ווען א מענטש טוהט תשובה, ווערט ער ווי א נייער מענטש, דעריבער ווען ס'קומט נאך די הייליגע טעג וואס מ'האט תשובה געטוען, און מ'האט זיך גערייניגט פון די עבירות, איז מען דאך ווי א נייער מענטש וואס איז יעצט באשאפן געווארן, דעריבער רופט מען אהן דעם שבת, שבת בראשית, ווייל ס'איז דער אנהויב פון באשאפונג פון כלל ישראל. *(מהרש"ם הכהן בשם הגה"ק מצאנז זי"ע)*

### • פארוואס דער שבת הייסט 'שבת בראשית'.

נאך א טעם פארוואס מ'רופט דעם שבת "שבת בראשית", און די אנדערע וואכן רופט מען נישט, "שבת נח", "שבת לך". ווייל אין די ימים הנוראים האט יעדער איד געהאט א הרהור תשובה, און יעדער לויט זיין שטאפל און מדריגה. האט זיך פאהרגענומען זיך צו זיין בעסער, עהרליכער, מער אפגעהיטן פון זינד, און מער לערנען. זאגט מען דעם מענטש, געדענק ס'איז "שבת בראשית", וואס איז געווען איז געווען, אצינד הייבט זיך אהן א פרישע סדר און פון יעצט אהן זאלסטו זיין בעסער. *[הרה"ק משינאווא זצוק"ל בשם חותנו ה"ארי' דבי עילאה" מווישניצא זצוק"ל]*

### • דער שבת באגלייטן די מצוות וואס מ'האט געטוען סוכות

נאך די אלע מצוות וואס מ'האט געמאכט סוכות, טוהט דער שבת נאך סוכות באגלייטן די אלע מצוות, און ס'קען איבערלאזן א גרויסער כח ביי אידן וואס טוען די מצוות זיך צו קענען שטארקן אין עבודת ה'. אזויווי די גמרא (ראש השנה יא.) זאגט אז דער חודש ווערט גערופן "ירח האיתנים",—ווייל ס'איז ארום גענומען מיט מצוות. *("שפתי צדיק" פילץ)*

### • א משל אויף שבת בראשית

הגאון רבי שמואל ענגיל מראדאמישלא זצ"ל האט נאכגעזאגט פונעם הייליגן "דברי חיים" פון מצאנז זי"ע א משל אויף שבת בראשית, און כאטש ס'איז אין דעם משל באהאלטן הייליגע סודות, קען מען דאס אויך פארשטיין בפשטות. ס'איז געווען א גרויסער קעניג וואס האט באשטימט א צייט צו באזוכן אלע שטעט און דערפער פון זיין קעניגרייך. אין יעדן ארט ווי ער איז געקומען האט מען אים עטנפאנגען מיט גרויס כבוד און פאראדע, אזוי ווי ס'פאסט פאר אזא גרויסער קעניג. יעדער איינער האט געטוען וואס ער קען מכבד צו זיין און באפרידיגן דעם קעניג מיט פארשידענע וועגן, יעדער לויט זיין מעגליכקייט. און דער קעניג האט הנאה געהאט און געווען שטארק צופרידן. נאך א שטיק צייט ווען דער קעניג האט זיך אומגעקעהרט אהיים צוריק צו זיין פאלאץ און קעניגליכע שטוהל, האט ער געזאגט פאר זיינע נאענטע מענטשן ארום אים, "אמת אז מ'האט מיך שטארק מכבד געווען און מיר אפגעגעבן דעם גרעסטן כבוד, אבער דער 'שלחן המלך' געפונט זיך דא, און אצינד ווען איך געפון זיך אין מיין אייגענע שטוב ביי מיין אייגענעם 'שלחן המלך', האט דער שלחן א ספעציעלער זיסער טעם". ע"כ המשל. *(מטר השמים)*

### • ווי א נייע געבוירן קינד.

**בראשית ברא אלקים... (בראשית א:א).**

גלייך אין אנהויב, ווארנט אונז די תורה אז א מענטש זאל נישט זאגן ווי אזוי קען איך הייבן דעם קאפ צו טוען תשובה, איך בין דאך אזוי פארשמיהרט מיט זינד? אויף דעם זאגט דער פסוק "בראשית ברא"—דער מענטש זאל זיך זעהן ווי ער איז "ראשית", ווי א נייע געבוירן קינד, וואס איז נישט פארשמוצט מיט זינד, און אזוי ארום וועט ער קענען תשובה טוען.[און דעריבער הייסט דער שבת "שבת בראשית".] *("תורת שמעון" מיערוסלב זצוק"ל)*

### • שבת בראשית די ערשטע 'סטאנציע'

אמאהל שבת בראשית (וואס איז געפאלן גלייך נאך שמח"ת) ווען דער צאנזער רב זי"ע האט גענומען דעם בעכער צו מאכן קידוש, און זיין טלית האט פארדעקט זיין פנים, איז ער געטאנען א לענגערע צייט מיט'ן בעכער אין די האנט פארטראכט אין זיינע הייליגע געדאנקען, ביז ער האט אנגעהויבן מאכן קידוש. נאך קידוש האט דער צאנזער רב דאס ערקלעהרט מיט א משל. צו א סוחר וואס פאהרט אין א ווייטער שטאט צו א גרויסער יריד. ווי ער דארף אסאך זאכן ערלעדיגן, קויפן, און פארקויפן, און ער האט נישט קיין צייט במשך'ן גאנצער יריד צו מאכן חשבונות וואס ער האט אלס איינגעהאנדלט אדער פארקויפט, און נאר ווען ער קומט צו זיין ערשטע סטאנציע ווי ער רוהט זיך אפ, מאכט ער א חשבון וואס ער האט אלס געטוען און וויפיהל ער האט פארדינט. אזוי אויך איז דא: די הייליגע טעג זענען אדורך, ר"ה יוה"כ סוכות וכו', מיט אסאך מצוות אזויווי די תקיעות, דער תענית יוהכ"פ, עסן אין די סוכה, ארבעה מינים, די הקפות און נאך, און ס'איז

<<<<<<<



<<<<<<<

נישט געווען קיין צייט צו מאכן א חשבון מיט וואס מיר שטייען און וויאזוי מיר האבן אפגעראכטן די אלע מצוות, אבער אצינד זענען מיר ביי די ערשטע סטאנציע נאך אזעלכע הייליגע טעג, [שבת בראשית] בין איך דעריבער געשטאנען און זיך געמאכט א חשבון וואס איך האב אלס געטוען. *(דברי דוד קשאנוב, דף כ"ו)*

## • שבת בראשית האט די ליכטיגקייט פון שמחת תורה

"שבת בראשית" האט די ליכטיגקייט פון שמחת תורה, לויט וואס מיין פאטער האט נאכגעזאגט אין נאמען הרה"ק מטשורטקוב זי"ע, אויף שבת נאכ'ן יום טוב שבועות, וואס די וועלט רופט דאס "שבת נאך (אחרי) שבועות", אז דער שבת איז נאך שבועות ווייל ס'ציהט זיך נאך די ליכטיגקייט פונעם יום טוב שבועות. די זעלבע איז ביי שבת בראשית וואס איז נאך יום טוב. וואס האט די ליכטיגקייט פון שמחת תורה. *(בית אברהם, בראשית)*

## • א צובראכן הארץ איז משפיע גוטע השפעות אויף די וועלט

**ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה (בראשית ב:ו)**

אמאהל איז געקומען אויף שבת בראשית צו הרה"ק רבי אברהם פון סטרעטין זי"ע, א חסיד פון די שטאט בויברקא וועמען מ'האט גערופן 'אפרים זלמן ציצית מאכער', און ער איז איינגעשטאנען אין זיין אכסניא. האט זיך געמאכט אז נאך קריאת התורה איידער מ'האט געדאוונט מוסף, האט דער חסיד געשפיהרט א שטארקע שוואכקייט, האט ער געדאוונט מוסף ביחידות, געמאכט קידוש געגעסן די סעודה, און זיך אראפגעלייגט אויפ'ן בעט זיך אפרוהען, און דערנאך איז ער צוריק געגאנגען אין בית המדרש פונעם הייליג'ן סטרעטענער, אבער דער רבי איז שוין געזיצן ביים טיש מיט די חסידים ארום אים. ווען דער חסיד האט געעפנט די טיהר און דאס געזעהן, האט זיך אין אים ערוועקט תשובה געפיהלן, און מיט'ן גאנצן הארץ האט ער חרטה געהאט, אויף דעם וואס ער האט פארפאסט צו הערן תפלת מוסף און קדושת כתר פון זיין הייליגער רבי, וואס האט ממש געשפאלטן הימלן מיט זיין כח התפילה, און אנשטאט איז ער זיך געגאנגען אנפוהלן זיין בויך מיט עסן. זיין הארץ איז געווארן צעבראכן אין אים און אזוי האט ער זיך פארטיעפט אין זיינע חרטה געדאנקען ביז ער איז אנגעקומען צום הייליג'ן טיש. דער רבי האט באלד געשפיהרט זיין צעבראכן הארץ און חרטה געפיהלן, האט ער זיך אנגערופן און געזאגט: "ס'שטייט (בראשית ב:ו) '**ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה**'. "ואד" איז א לשון שבר, צובראכן. ד.מ. אויב א מענטש האט א צעבראכן הארץ, '**מן הארץ**',—פון זיין ארציות, "**והשקה את כל פני האדמה**',—איז ער מיט'ן כח פון זיין צעבראכן הארץ ממשיך השפעות טובות און ישועות אויף די גאנצע וועלט. *(דגל מחנה יהודה" פ' בראשית)*

## • שבת בראשית – מנהג אמירת "ברכי נפשי" וט"ו שיר המעלות

מנהג ישראל מימות ה"ראשונים" אז פון שבת בראשית הייבט מען אהן צו זאגן אין די שבתות פון ווינטער נאך מנחה דעם פרק "ברכי נפשי" און די ט"ו פרקי "שיר המעלות". אמאהל שבת "בראשית" האט זיך דער הייליגער רוזשינער אויסגעדרוקט וועגן דעם מנהג און געזאגט: "ס'קומט דער "גענעראל" און מיט אים די פופצן זעלנער", און ער האט נישט געזאגט וואס ער מיינט. האט כ"ק האדמו"ר מבאיאן שליט"א דאס ערקלעהרט אזוי: "אידישע קינדער זענען אדורך דעם חודש תשרי, דערהויבן געווארן און אנגעזאפט געווארן מיט קדושה, פוהל מיט תורה מצוות ומעשים טובים, מיט א התעוררות פון תשובה, און יעצט זאגט מען זיי, אז ס'קומט דער "גענעראל" מיט זיינע פופצן זעלנער, אז ס'איז געקומען די צייט צו זיין די גיבורי חיל, און זיך אנגארטלן מיט כלי קרב, און האלטן א פעסטע מלחמה, אז די אלע כוחות און פלאג פון די שווערע עבודה פון חודש תשרי זאל בלייבן אויף שטענדיג און נישט גיין לטמיון ח"ו.

# מאוצרות רבוה"ק

# שבת בראשית

## • שבת בראשית האט נאך א שייכות צו די הייליגע טעג

**בראשית ברא... (בראשית א:א)**

ביי רבותה"ק מבעלזא איז 'שבת בראשית' פאררעכנט געווארן אלס א פולשטענדיגע טייל פון די ימי נוראים. וכלשון קדשו פון כ"ק מרן מהר"א זי"ע, "**שבת בראשית האט נאך א שייכות צו די הייליגע טעג**".

## • שבת בראשית האבן די מאלכים אליין געזאגט שידה און נישט געדארפט זיין טפלים צו די אידן

**בראשית ברא... (בראשית א:א)**

כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע האט דערציילט: אמאהל האט דער רבי פון לובלין זי"ע געזאגט פאר זיינע תלמידים: דער וואס קען נישט דעם צדיק הדור איז עתיד ליתן דין וחשבון. האבן די תלמידים געפרעגט ווער איז דער צדיק הדור? האט ער זיי געענטפערט דער קאזניצער מגיד. זענען די תלמידים געפאהרן צוזאמען קיין קאזניץ צום צדיק הדור. ווען זיי האבן גענומען שלום האט ער זיי געפרעגט פארוואס זיי זענען געקומען? האבן זיי געענפערט: "אז זייער הייליגער רבי האט זיי געזאגט אז ווער ס'קען נישט דעם צדיק הדור איז עתיד ליתן את הדין דערויף, דעריבער זענען זיי געקומען צופאהרן צום צדיק הדור". האט דער קאזניצער מגיד געענטפערט: "א צדיק הדור דערקענט מען נאר אין שבת". הערנדיג דאס האבן זיי באשלאסן צו בלייבן ביים קאזשניצער מגיד ביז נאך שבת. שבת בייטאג ביים טיש האט דער קאזשניצער מגיד זיך אנגערופן: "**רבונו של עולם אויב איך בין דער צדיק הדור, שיק מיר דברי תורה וואס באלאנגען צום צדיק הדור**". און ער האט געזאגט אזוי: ס'שטייט אין מדרש (הובא בספה"ק בני יששכר) "הכל יודוך והכל ישבחוך",—מיינט שבת בראשית. ביי מלאכים שטייט (ישעי' ו:ב) 'שש כנפים, שש כנפים לאחד, זיי האבן זעקס פליגל.

אין תשובת הגאונים שטייט: יעדן טאג זאגן די מלאכים שירה מיט איין פליגל. און ווען ס'קומט שבת, זאגן זיי אז זיי האבן מער נישט קיין פליגל צו קענען זאגו שירה, ווייל זייערע פליגל זענען שוין אראפגעפאלן. זאגט זיי דער באשעפעראיך האב נאך א פליגל, און זיי ווערן טפלים צו די אידן וואס זאגן שירה, אזוי ווי ס'שטייט, (ישעי' כד:טז) "מכנף הארץ זמירות שמענו", און דאס זענען אלע מודה אז די אז די מלאכים זענען באשאפן געווארן

<<<<<<

## מיין אוצר...שבת בראשית...

<<<<<<<

ביום שני, קומט אויס אז שבת בראשית, איז זיי געבליבן א זעקסטער פליגל, צו קענען זאגן שירה פאר'ן באשעפער און נישט דארפן זיין טפלים צו די אידן. און דאס איז פשט אין מדרש "הכל יודוך והכל ישבחוך זה שבת בראשית", יעדער באזונדער האט געקענט זאגן שירה, און נישט געדארפט זיין טפלים צו קיין אנדערן, אלע זענען דא געווען גלייך. *(ילקוט עבודת ישראל)*

### ♦ ב"א תשר"י

**בראשית... (בראשית א:א)**

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט געזאגט אז אינעם ווארט בראשית זענען דא די אותיות "ב"א תשרי" [ראה תיקו"ז ט"ז א, "דא איהו בראשי"ת - ב"א תשר"י], און דער רמז איז אז שוין יעצט דארף מען זיך אנהויבן צו גרייטן צום חודש תשרי הבא און צו די ימים הנוראים פונעם קומענדיג'ן יאהר הבאה עלינו לטובה?

### ♦ פארוואס האט מען געליינט צוויי מאהל די גאנצע פרשה?

אין יאר תרע"ט, אינמיטן די ערשטע וועלט-מלחמה, איז כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע געווען אין די שטאט ראצפערט. יענע יאהר איז 'שבת בראשית' געפאלן ערב ראש חודש מרחשון, אין אנשטאט צו זאגן די הפטרה פון 'מחר חודש' (אזויווי ס'איז די הלכה), האט מען געזאגט די הפטרה פון פרשת בראשית. שבת נאכמיטאג האט מרן מהרי"ד זי"ע געהייסן אז מ'זאל נאכאמאהל איבערליינען אין די תורה די גאנצע פרשת בראשית, און נאכ'ן ליינען האט מען געזאגט די הפטרה פון 'מחר חודש'. און מרן מהרי"ד זי"ע האט ערקלעהרט, אז ס'איז דא אן אלטער 'מנהג', אז פונקט אזויווי שמחת-תורה ווען מ'פרייד זיך אז מ'האט געענדיגט די תורה ליינט מען עטליכע מאהל די פרשה פון 'וזאת הברכה' און יעדער איינער איז 'עולה לתורה', אזוי אויך 'שבת בראשית', פרייד מען זיך מיט די התחלת התורה, און יעדער איינער איז עולה לתורה, און דערפאר ליינט מען די פרשה פון בראשית עטליכע מאהל אז יעדער איינער זאל קענען עולה זיין. און מרן מהרי"ד זי"ע האט אויסגעפיהרט: "כאטש מיר פיהרן זיך נישט אזוי, אבער מ'קען מצרף זיין דאס וואס מיר האבן געזאגט היינט די הפטרה פון פרשת בראשית און נישט די הפטרה פון "מחר חודש", אויסער דעם איז דאך אויך געווען א גרויסער 'עולם' און ס'קען זיין אז ס'זענען דא אזעלכע וואס האבן נישט געהערט דאס ליינען, דערפאר זאל מען איבערליינען נאכאמאהל די פרשה, און מיט דעם וועלן מיר שוין אויך מקיים זיין דעם אלטם מנהג צו ליינען פרשת בראשית עטליכע מאהל...". *(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בעת חלוקת 'נוי סוכה' תשסה)*

## הרב יצחק לאנדא ז"ל משמש בקודש, שילדערט אין זיין ספר "בקודש פנימה" דעם סדר פון אסרו חג און שבת בראשית ביי כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע אין אר"י

### ♦ "אסרו חג" א ווייסע טישטוך

'אסרו חג' האט מען בפקודת הקודש [פון מרן מהר"א זי"ע] געלאזט דאס ווייסע טישטוך פון יום טוב, וואס האט באדעקט דעם טיש אין צימער פון מרן זי"ע, און מ'האט דאס טישטוך ערשט אראפגענומען א טאג נאך 'אסרו חג'.

### ♦ בגדי חול

'אסרו חג' איז מען נישט געגאנגען מיט די בגדי שבת. אבער מרן זי"ע איז געגאנגען אנגעטוהן מיט די ספעציעלע 'יומא דפגרא' בעקעטשע, [מיט וואס ער איז געגאנגען אנגעטוהן ראש חודש, חנוכה, און חמשה עשר בשבט].

### ♦ אתרוג נוי סוכה

פונעם אתרוג אויף וואס מרן זי"ע האט געבענטשט סוכות, און אויך פון די אתרוגים פון נוי סוכה האט מען געמאכט "אתרוג איינגעמאכטס" וואס מרן זי"ע האט דערפון געגעסן יעדן שבת ביי קידושא רבא. די שאלעכץ און די קערנדלעך האט מרן זי"ע געהייסן פארברענען און נישט אוועקווארפן צוליעב זייער קדושה. [אזוי אויך האט מרן זי"ע מקפיד געווען אויף אלע שיירי מצוה (עירוב תבשילין, די קערה פון ליל הסדר, נוי סוכה) אזוי די ביינער, קערנדלעך און שאלעכץ, זאל מען פארברענען.

### ♦ "בורא מיני בשמים" אתרוג

אמאהל איז איינע פון די רבנים געקומען באזוכן ביי מרן זי"ע און געברענגט א מתנה א אתרוג וואס איז געווען דערין אריינגעשטעקט נעגעלעך פון בשמים, צו מאכן דערויף א 'בורא מיני בשמים'. מרן זי"ע האט זיך באדאנקט פאר די מתנה, און ווען יענער האט פארלאזט די שטוב, האט מרן זי"ע געזאגט פאר ר' יצחק: **"לייג דאס אוועק, איך האב מורא אז על פי שלחן ערוך טאהר מען דאס נישט מאכן".**



הרה"ח ר' יצחק לאנדא ז"ל

### ♦ עפעל קאמפאט פון 'נוי סוכה'

די עפעל וואס זענען געהאנגען פאר "נוי סוכה", האט מרן זי"ע, געטיילט פאר די געסט וואס זענען געקומען אויף יום טוב, ביים גוזעגענען זיך פאר'ן אהיים פאהרן. אויך האט מען געמאכט פון די עפעל פון "נוי סוכה", א ספעציעלן קאָמפּאָט, וואס מרן זי"ע האט דערפון געגעסן פרייטאג צו נאכט'ס ביי די טישן פון פ' בראשית, פ' נח, און פ' לך. [אויסער די געווענליכע קאָמפּאָט וואס מ'עסט פרייטאג צו נאכט'ס ביי די סעודה.] און מרן זי"ע האט מקפיד געווען אז וואס ס'איז געבליבן פון די שאלעכץ און די קערנדלעך זאל מען פארברענען.

### ♦ פרידה מהסוכה

עטליכע טעג נאך סוכות [געווענליך א וואך און צומאהל נאך לענגער] האט מרן זי"ע געזאגט: "איך וויל זיך געזעגענען פון די סוכה". מרן זי"ע איז אריינגעגאנגען אין די סוכה, זיך געזעצט צום טיש געמאכט א ברכה און טועם געווען פונעם "לעקיך און בראנפין", געטיילט שיריים פאר די אנוועזענדע און געוואונטשן "לחיים". [מ'האט נישט געהערט דעם נוסח התפילה, ווייל מרן זי"ע האט געזאגט שטילערהייט, אויסער די ערשטע צוויי ווערטער "יהי רצון".] דערנאך איז

<<<<<<<

<<<<<<<

מרן זי"ע צוגעגאנגען צו די ווענט פון די סוכה, און זיי אהנגעריהרט מיט א חיבה של מצוה, און מיט בענגשאפט זיך פון זיי געזעגנט, און צוריק אהיים געגאנגען.

## • "שבת בראשית" א שייכות צו די הייליגע טעג.

מרן זי"ע האט אמאהל געזאגט: "**שבת בראשית האט נאך א שייכות צו די הייליגע טעג**"

## • לסימנא טבא

ביי די סעודת שבת האט מען נאך איינגעטונקען די חלה אין האניג לסימנא טבא, אויך האט מען דערלאנגט צום פלייש די סימנים, 'ראש עוף', 'כרתי' און 'רוביא', און מ'האט אויך דערלאנגט 'זויער'ס' מיט'ן פלייש אזוי ווי א גאנץ יאהר, און מרן זי"ע האט פוןביידע טועם געווען.

## • שיר היחוד – 'אז ביום השביעי'

פרייטאג צונאכט'ס נאך די 'תורה', האט מען געזונגען דעם פארצייטישן ניגון וואס איז מקובל אין בעלזא דער "שיר היחוד" פון שבת, 'אז ביום השביעי נחת'. ס'איז נישט געווען א חזקה, ווער ס'זאל זינגען, נאר יעדעס יאהר האט מען מכבד געווען אן אנדערן. איין יאהר האט מען מכבד געווען הגאון רבי העניך פאדווא ז"ל [שפעטער אב"ד לאנדאן], וואס האט געזינגען מיט אן אנדערן ניגון. אמאהל האט מען מכבד געווען הרה"ח ר' אפרים צוויבל ז"ל, און אן אנדער יאהר האט מען מכבד געווען הרה"ח ר' שמואל דארנבוש ז"ל [וואס האט געזונגען מיט א ספעציעלער נעימות]. אגב דערציילט הרה"ח ר' משה ביגעלאייזן שליט"א, אז ליל שבת בראשית תשי"ג, ווען מרן זי"ע האט מכבד געווען הרה"ח ר' שמואל דארנבוש צו זינגען דעם זמר, האט זיך מרן זי"ע פריער געוואנדן צום בעל תפילה הרה"ח ר' אברהם לייב ברגופן ז"ל און אים געזאגט: "אברהם לייב פרעג אים [ר' שמואל] אויב ער געדענקט '**וויאזוי**' רבי יעקב בעריש [דער לעגנדארע בעל תפילה אין בעלזא] האט געזונגען "אז ביום השביעי"?

## • ריקוד לכבוד שבת בראשית

נאכ'ן טיש ליל שבת האט מען געטאנצט לכבוד שבת בראשית. מרן זי"ע האט קיינמאהל נישט מיט געטאנצט, נאר דער 'עולם' האט געטאנצט בשירה ובזמרה, און מרן זי"ע איז געזיצן אויפ'ן בענקל.

## •קריאת התורה

ביים לייענען 'שבת בראשית' האט מען נישט געמאכט הוספות, מ'האט אויפגערופן נאר 'שבעה קרואים', אנדערש ווי יעדער וואך, ווען מ'מאכט אויך 'אחרון'. טייל האבן דערויף געזאגט א טעם, ווייל ביי קריאת התורה דעם ערשטן שבת וויל מען ס'זאל זיין, לויט'ן עיקר הדין, אז ס'זאל זיין נאר שבעה קרואים.

## • חלה מיט האניג

ביי שלש סעודות, נאכדעם וואס מרן זי"ע האט איינגעטונקען די חלה פון די 'מוציא' אין האניג און געגעסן, האט מען אנגעטונקען נאך שטיקלעך חלה אינעם האניג און דאס געטיילט פאר'ן עולם, ביז די האניג אין שיסל האט זיך געענדיגט.

## • אמונים אשר נאספו

פאר'ן בענטשן האט מען מכבד געווען דריי אידן צו זינגען "**אמונים אשר נאספו**", וואס מ'זינגט אין בעלזא, ביים ענדע פון 'שבת בראשית' דריי מאהל.

## מאוצרות רבוה"ק

# די ווינטער נעבט

## • מעין קדושת חול המועד

רבוה"ק מבעלזא האבן יעדער יאהר מוצאי שמחת תורה איבערגעזאגט ביי די 'שטייע'דיגע תורה' די הייליגע ווערטער פון הרה"ק רבי הערשע'לע זידיטשובער זצוק"ל, און אזוי ווי כ"ק מרן מהר"א זי"ע פלעגט דאס זאגן בלשון קדשו: "אז דער אייבערשטער העלפט און די טעג און די נעכט זענען בקדושה ובטהרה, זענען די ווינטער נעכט מעין קדושת חול המועד".

## • ס'איז דא ספעציעלער יחוד

רבוה"ק האבן אויך נאכגעזאגט וואס ס'שטייט אין כתבי האר"י הק' זי"ע (ראה "סידור רבי שבתי" מראשקוב, יום שמיני עצרת, ד"ה אסרו חג), אז ס'איז דא א ספעציעלע יחוד וואס הויבט זיך אהן שמיני עצרת און ציהט זיך ביז פסח.

## • אן התעוררות פאר תורה און קדושה אויפ'ן גאנצ'ן יאהר

איין יאהר האט זיך כ"ק מרן מהר"ש זי"ע, אויסגעדרוקט: "די בעלי בתים זאגן אז נאך פסח בלייבן זיי מיט קארטאפל און מיט 'שמאלץ', און נאך סוכות, בלייבן זיי מיט א זאק פון וועש צום וואשן. און איך זאג חלילה וחס, ווען דער יום טוב גייט אוועק בלייבט אן התעוררות פאר תורה און קדושה אויפ'ן גאנצ'ן יאהר...*(מפי כ"ק הגה"צ רבי חיים מאיר יחיאל זצ"ל גאב"ד נאראל)*

## • אן הכנה אויפ'ן גאנצן יאהר".

**כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע** האט אמאהל געזאגט: די שוטים זאגן: "די הייליגע טעג זענען שוין אוועק, אבער חלילה אזוי צו זאגן, ווייל די קדושה וטהרה פון די מצות עשה ולא תעשה, בלייבן אויף אייביג חיים וקיימים און זיי זענען אן הכנה אויפ'ן גאנצ'ן יאהר.

## • משלים געווען אין תורה וואס זיי האבן פארפעהלט בירח האיתנים

גדולי החסידים אין בעלזא פלעגן זאגן: אזוי ווי דער ירח האיתנים האבן זיי נישט ערמעגליכט צו קענען געהעריג לערנען צוליעב די ימים טובים און עוסק זיין אין מצוות החג, איז ווען זיי זענען אהיים געקומען פון בעלזא צו זייער שטובער, האבן זיי מוסיף געווען אין לימוד התורה שעות אויף שעות כדי משלים צו זיין די שעות פון לערנען וואס ס'האט זיי געפעהלט. *(מפי הרה"ח ר' חיים נטע כ"ץ ז"ל)*

## • די עצה פון די כעלימער חכמים

כ"ק הגה"צ מנאראל זצ"ל, האט דערציילט: אמאהל זענען א גרופע חסידים פון רוסלאנד, געקומען אויף יום טוב צו כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא

<<<<<<<

<<<<<<<

ז"ע. ווען זיי האבן זיך געזעגנט אהיים צו פאהרן האבן זיי געפרעגט פון מרן ז"ע: "רבי! ווי אזוי פאהרט מען צוריק צו די רוסישע קעלטן, נאכ'ן פראווען דא ביים רבי'ן אזעלכע הייליגע און געהויבענע טעג?!" [זיי האבן געמיינט די קעלטן ברוחניות ובגשמיות, בגוף ובנשמה, ס'איז קאלט פון אלע זייטן]. האט זיי מרן ז"ע געענטפערט אזוי: די 'חכמים' פון דער שטאט חעלעם, האבן אמאהל צונויפגערופן אן אסיפה, אזוי ווי בייטאג איז ווארעם פון די זון וואס שיינט אויף די שטאט, אבער ביינאכט איז זייער קאלט, איז ווי גיט מען זיך אן עצה מיט די שטארקע קעלטן? ווי אזוי קען מען אויפהאלטן די זון, זי זאל בלייבן אויך ביינאכט? זענען די כלעממער מענטשן געפאלן אויף אן "עצה": זיי האבן אריינגעלייגט גרויסע טעפ אין די ערד, און וויבאלד די חכמי ישראל זאגן דאך אז די זון גייט אראפ יעדער נאכט אונטער די ערד, וועלן די טעפ דארט צוריקהאלטן די ווארימע זון... אבער ביינאכט, זענען די טעפ פוהל געווארן מיט שניי... איז וואס טוהט מען? זענען זיי געגאנגען צום 'ראש החכמים', און געפרעגט אן עצה וואס צו טוען כדי אנצוהאלטן די זון, ס'זאל נישט זיין קאלט? האט דער 'ראש החכמים' זיי געגעבן א פשוטע עצה: די זון גייט דאך אראפ. אלזא, זאלן זיי צוברעכן דעם שניי, און אזוי וועלן זיי אהנקומען צו די זון... האבן זיי אזוי געטוען, און זיי האבן געהאקט און געהאקט אינעם שניי, און פונעם עצם האקן אויפ'ן שניי זענען זיי געווארן דערווארעמט... און מרן מהר"ש ז"ע האט אויסגעפיהרט: האט איר פארשטאנען די חכמה פון די חכמי כעלעם? אז מ'האקט און מען קנאקט אריין אין דער ערד, ווערט ווארעם אין די ביינער... [מרן ז"ע האט געמיינט צו זאגן, אז אויב מ'שטארקט זיך אויפ'ן יצר הרע און מ'שטייט אויף לערנען פארטאגס, כאטש ס'איז "זייער קאלט", וועט אים זיין ווארים...]

## מאוצרות הצדיקים

# חודש מר חשון

## צירוף החודש מר-חשון

דער צירוף השם הנכבד וואס לייכט אין דעם חודש איז **והה"י**, וואס קומט ארויס פונעם פסוק (פ' תבוא) ו'דבש ה'יום ה'זה י'' (דברים כו:טו-טז).

## ראש חודש מר חשון

**ראש חודש חשון**, איז שטענדיג צוויי טעג. ווייל ס'קומט נאך תשרי, וואס איז א חודש מלא. דער ערשטער טאג פון ראש חודש. איז דער דרייסיגסטער טאג פון תשרי, און דער צווייטער טאג, איז דער ערשטער טאג פון חודש חשון. ס'זענען דא וואס זאגן, אז דער מוסף פון ראש חודש חשון, איז אנדערש ווי אנדערע מוספים פון ראשי חדשים, אז מ'טאהר דאס נישט דאווענען




פון אויסנווייניג, נאר פון א סידור. לויט די הלכה, "דברים שבכתב, אי אתה רשאי לאמרם על פה",— זאכן וואס זענען געשריבן, מעג מען נישט זאגן אויסנווייניג. און ביי יעדער מוסף דערמאנט מען א שטיקל פון תורה שבכתב, אין פארבינדונג צו דעם טאג. ווי: "וביום השבת", "ובראשי חדשיכם", אבער וויבאלד די שבת'דיגע תפלת מוסף, און פון אנדערע ראשי חדשים איז מען צוגעוואוינט, און מ'קען דאס קלאהר אויסנווייניג, אבער מוסף פון ראש חודש חשון דאווענט מען נאך אן הפסקה פון צוויי חדשים, איז מען דאך שוין נישט אזוי צוגעוואוינט, טאהר מען נישט דאווענען אויסנווייניג. צוליעב'ן זעלבן טעם, טאהר מען נישט דאווענען אויסנווייניג מוספים פון שלש רגלים, אדער אנדערע ימים טובים, ווייל מ'איז נישט אזוי צוגעוואוינט צו די תפלה.

## דער חודש רופט זיך "בול"

חשון איז דער צווייטער חודש פון יאהר. און דער אכטער חודש, ווען מ'ציילט די חדשים פון ניסן. דער חודש ווערט אויך גערופן "בול". ווי ס'שטייט: "ובשנה האחת עשרה בירח בול, הוא החדש השמיני כלה הבית לכל דבריו ולכל משפטיו (מלכים א:ו,לח),— און אויך ווייל אין די צייט ווערן פארוועלקט די גראזן אין פעלד, און מ'מישט צוזאמען פאר די בהמה, פונעם היי וואס מ'האט אוועק געלייגט אין הויז. ('בוללין', מ'מישט צוזאם) אנדערע זאגן אז ס'קומט פון ווארט "יבול". (תבואה) ווייל אין דעם חודש הייבט מען אהן אקערן און איינזייען (רד"ק) אדער פון לשון "מבול" ווייל אין דעם חודש קומט אראפ אסאך רעגן. אין מדרש שטייט, ווייל אין דעם חודש האט זיך אנגעהויבן דער מבול, דערפאר איז באשטימט געווארן, ס'זאל אין די צייט רעגענען אסאך.

## דער נאמען מר-חשון

דער נאמען 'חשון' האבן די אידן מיט געברענגט פון בבל. חז"ל זאגן: "שמות החדשים עלו מבבל". ס'הייסט אויך מר-חשון צוליעב צוויי טעמים: א) ווייל אין דעם חודש איז נישטא קיין יום טוב, און קיין פרייליכקייט, דאקעגן האט פאסירט אין די צייט עטליכע נישט גוטע פאסירונגען פאר אידן. ט"ו חשון האט ירמיהו בן נבט אויסגעטראפן א יום טוב פון זיך אליין, און מיט דעם ערוועקט דעם באשעפער'ס צארן אויף אידן. פינף טעג אין חשון, האבן די כשדים אומגעברענגט די קינדער פון צדקיהו המלך פאר זיינע אויגן, און דער קעניג פון בבל האט בלינד געמאכט צדקיהו המלך און אים גענומען געבונדן אין קייטן קיין בבל. אין דעם חודש האט דער באשעפער באצאהלט פאר'ן דור המבול און פארפלייצט די גאנצע וועלט, מיט איר עקזיסטענץ, אויף אלעס וואס צעהן דורות פון ריזן האבן זיך געפלאגט אין פארלויף פון טויזנט זעקס הונדערט זעקס און פופציג יאהר, און די איינציגע איבערבלייבעניש איז געווען נח מיט זיין פאמיליע, דערפאר רופט מען דעם חודש מר-חשון, א חודש וואס איז געווען אין אים, שלעכט אין ביטער. ב) מ'רופט דעם חודש מרחשון, אויפ'ן נאמען פון וואסער, דער רעגן וואס די וועלט דארשט און האפט אויף דעם. אין דעם חודש מער ווי אין אנדערע. "מר",—באדייט א טראפ וואסער, ווי מיר ס'שטייט אין פסוק (ישעי' מ), "**הן גוים כמר מדלי**",—די פעלקער זענען ווי א טראפ פון אן עמער. *(פארזעצונג אי"ה)*



## מַיין אוֹצָר ... מִדּוֹת טוֹבוֹת

## 'דובר מישרים'

### פרק א'

### דער איסור פון אונאת דברים

אין די תורה הקדושה שטייט "ולא תונו איש את עמיתו, ויראת מאלקיך, כי אני ה' אלקיכם": און איר זאלט נישט אפנארן, א מענטש זיין חבר, און דו זאלסט מורא האבן פון דיין ג-ט, ווייל איך בין דער באשעפער אייער ג-ט. *(ויקרא כה:יז)*

די משנה זאגט: פונקט אזוי ווי מ'טאהר נישט אפנארן א צווייטן מענטש ווען מ'האנדלט מיט אים געלט געשעפטן, אזוי אויך טאהר מען נישט אפנארן א צווייטן מיט רייד. למשל...

**א)** מ'טאר נישט אריינגיין אין א געשעפט צו פרעגן וויפיהל עפעס קאסט, ווען מ'ווייסט אז מ'האלט נישט ביים קויפן יענע זאך. (ווייל ווען מ'פרעגט וויפיהל דאס קאסט, מיינט דער געשעפטסמאן אז מ'וויל דאס קויפן, און דערנאך ווען מ'קויפט דאס נישט האט ער צער דערפון).

**ב)** מ'טאהר נישט זאגן צו א בעל תשובה "געדענק דיינע ערשטע מעשים וואס דו פלעגסט טוען".

**ג)** צו איינעם וואס זיינע עלטערן זענען געווארן גרים, טאר מען נישט זאגן "געדענק די מעשים וואס דיינע עלטערן פלעגן טוען ווען זיי זענען געווען גוים". *(בבא מציעא פ"ד מ"י)*

אין די גמרא ווערט געברענגט, אז דער פסוק "לא תונו איש את עמיתו" רעדט פון אונאת דברים, אפנארן א צווייטן אדער מצער זיין א צווייטן מיט רייד. (דער איסור פון אפנארן א צווייטן מיט געלט געשעפטן לערנט מען ארויס פון א צווייטן פסוק). און אין די גמרא ווערן דערמאנט די הלכות וואס מיר האבן געברענגט פון די משנה, און ס'ווערן צוגעלייגט נאך הלכות. למשל...

**א)** צו א גר וואס קומט לערנען תורה, טאהר מען נישט זאגן "א מויל וואס האט אמאהל געגעסן נבילות און טריפות קומט יעצט לערנען תורה?".

**ב)** צו א מענטש וואס ליידט פון יסורים (לא עלינו) טאהר מען נישט זאגן צו אים אז ווען ער וואלט געווען ריין פון עבירות וואלט דאס נישט פאסירט צו אים. (אזוי האבן די חברים פון איוב צו אים געזאגט, ווען ער האט געליטן פון זיינע יסורים. [איוב ד])

**ג)** ווען איינער קומט פרעגן וואו מ'קען קויפן תבואה, זאל מען אים נישט זאגן "גיי צו יענעם וואס ער פארקויפט תבואה", ווען מ'ווייסט אז יענער מענטש פארקויפט נישט קיין תבואה. (און דאס זעלבע איז ביי אלע אנדערע זאכן וואס א מענטש זוכט צו קויפן, טאהר מען נישט שיקן צו ערטער וואו מ'ווייסט אז דארט קען ער דאס נישט באקומען). *(בבא מציעא נח:)*

ד) דער הייליגער רמב"ם לייגט צו נאך א משל: ווען ס'ווערט געפרעגט צווישן מענטשן א שאלה אין אן ענין פון חכמה, זאל מען זיך נישט קערן צו א מענטש וואס קען נישט יענע חכמה, און אים פרעגן וואס ער האט צו ענטפערן אויף יענע שאלה. *(רמב"ם הלכות מכירה פי"ד הי"ב)*

*(מתוך קונטרס "דובר מישרים" ותשח"ל)*

*(פארזעצונג אי"ה)*

## מַיין אוֹצָר...קליינע מעשה'לעך פון גרויסע אידן...

### שיריים פון סוכות

### • געזעהן די אושפיזין...

איידער הרה"ק רבי הערש'לע איז געוואָרן רב אין ליסקא, איז ער געווען זייער אָרעם. און פאַר סוכות, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין סכך צו דעקן זיין סוכה, איז ער געגאַנגען צום שטאט אוהעל און דאָרט געקויפט 'מחצלאות' פאַר סכך. ער האָט אבער נישט געהאַט קיין געלט צו דינגען איינעם אהיים צו טראָגן דעם סכך, האָט ער דאס אַליין געטראָגן, דעם לאנגן וועג פון אוהעל ביז ליסקא, און פיהל מאהָל האט ער זיך אפגעשטערלט אינמיטן וועג צוליעב זיין שוואַכקייט, אזוי איז ער געגאַנגען עטלעכע מאָהל אַהין און צוריק ביז ער האָט געברנגט אלע סכך קיין ליסקא און באדעקט זיין סוכה. שפעטער האָט הרה"ק רבי הערש'לע געזאָגט, "ס'האט זיך געלוינט" ווייל ער האט געזעהן די הייליגע אושפיזין אין זיין סוכה.

### • אברהם אבינו באזוכט אין זיין סוכה...

דער שיניאווער רב זי"ע פלעגט דערציילן וועגן אַ דאָרפס איד א ירא שמים, א גרויסער ארעמאן וואס האט שטארק מקפיד געווען מקיים צו זיין מצוות סוכה. איינמאהָל, ערב סוכות, האָט ער געדאַרפט האבן סכך פאר זיין סוכה, און קיין געלט צו קויפן האט ער נישט געהאט. איז ער מיט זיין פרוי געגאַנגען אין וואַלד און געקליבן בלעטער פאַר סכך. אָבער אזוי ווי ס'איז געווארן שפעט און ער האָט מורא געהאַט אַז ער זאל נישט מחלל זיין דעם יום־טוב, האט ער אָפגעריסן די בלעטער מיט די ציין, ביז זיין מויל איז געוואָרן פוהל מיט בלאטערן. אין הימל איז געווארן א גרויסער רעש פון זיין מסירות נפש, האט מען גע'פסק'נט אז אברהם אבינו ע"ה וועט קומען אין זיין סוכה. ווען דער איד איז געקומען פון שוהל, האָט ער געזעהן אַ מענטש שטיין ביים אַריינגאַנג פון זיין סוכה. האט ער געטראַכט אַז דאָס מוז זיין אַ גאַסט וואָס איז געקומען אויף יום־טוב, און ער האט זיך מצער געווען אַז ער האָט גאָרנישט וואס אים צו געבן צו עסן, האט דער גאַסט אים געזאָגט: איך בין אַברהם, איך בין געקומען צו דיר צוליעב די מצווה וואס דו האסט געמאכט. און ער האט אים געבענטשט און איז אַוועק געגאַנגען.

### • ...מ'זאל אראפנעמען דעם סכך...

אמאהל האבן די סוחרים וואס האבן געשניטן ביימער אין די וועלדער און פארקויפט דאס האלץ אויף צו הייצן, געפיהרט דאס האלץ מיט שליטענעס אויפ'ן שניי. איין יאהר איז געווען אינמיטן ווינטער און קיין שניי איז נאכנישט געפאלן, און ס'איז געדרוירט די סוחרים גרויסע געלט שאדנ'ס, זענען זיי געקומען צו הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, און געבעהטן ער זאל מתפלל זיין ס'זאל פאלן א שניי, האט הרה"ק רבי אהרן זיי געוואונטשן. אבער ס'איז אדורך א שטיק צייט און קיין שניי איז געפאלן. זענען זיי נאכאמאהל געקומען צו הרה"ק רבי אהרן בעהטן א ברכה. האט הרה"ק רבי אהרן געהייסן זיין משמש 'חאלאוונא', ער זאל גיין זעהן אויב מ'האט שוין אראפגענומען דעם סכך פון זיין סוכה. איז ער צוריק געקומען און געזאגט אז מ'האט נאכנישט אראפגענומען דעם סכך. האט הרה"ק רבי אהרן געהייסן מ'זאל אראפנעמען דעם סכך פון זיין סוכה, און באלד דערנאך האט אנגעהויבן פאלן א געדעכטער שניי.



## מַיין אוֹצָר... חסידים דערציילן...

• **"הרי זכין לו לאדם שלא בפניו..."**

אמאהל האט מרן מהר"א מבעלזא זי"ע געהערט ווי צוויי יושבים שמועסן צווישן זיך וועגן צוויי יונגע בחורים וואס זענען געקראכן אויף פרעמדע פרוכט ביימער און אראפגעקליבן פון פרוכט פון די ביימער, אז זיי האבן געטוען צוויי זאכן נישט ריכטיג. איינס, זיי האבן געקליבן פרוכט שלא ברשות, און צווייטנס, מיט'ן קריכן אויפ'ן בוים האבן זיי זיכער צובראכן צווייגן. האט זיי מרן זי"ע געענטפערט [וועלנדיג מלמד זכות זיין כדרכו בקודש], "אדרבה מיט'ן קריכן אויפ'ן בוים גלייכט מען אויס די קרומע צווייגן". האט זיך איינער פון זיי אנגערופן: "אבער זיי האבן דאס געטוען אהנעם וויסן פונעם בעל הבית". האט זיי מרן זי"ע געענטפערט בדרך צחות, ציטירינדיג דעם לשון חז"ל: "**נו, וואס איז דען, הרי זכין לו לאדם שלא בפניו**". *(תולדות "ויחי יוסף")*

## מַיין אוֹצָר... צדיקים האבן געזאגט:

• **דף ב' - מ'האט נאכנישט אנגעהויבן**

**הרה"ק רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע** האט געזאגט: פארוואס הייבט זיך דער ערשטער בלאט אין יעדער מסכת מיט דף ב'? כדי מ'זאל וויסן אז מ'האלט נאך ביי די התחלה, מ'האט נאך בכלל נישט אנגעהויבן...

• **אוהבי ה' שנאו רע**

**הרה"ק רבי יצחק מקאלוש זי"ע** האט געזאגט: אויב מ'וויל וויסן צו מ'איז אן אוהב ה', מ'האט ליעב דעם באשעפער, פרוביר דאס אויס מיט'ן סימן פון דוד המלך ע"ה (תהלים צז:י): "אוהבי ה' שנאו רע", דער "אוהב ה'", האט פיינט שלעכטס. און אויב דו האסט פיינט תאוות און דו שטייסט אוועק פון זינד און פשעים איז א סימן אז דו ביזט אן "אוהב את ה'".

## מַיין אוֹצָר... געב א שמייכל... "ס'איז נישט קיין משל"

• ***דמים תרתי משמע...***

קול דמי אחיך צועקים אלי מן האדמה (בראשית ד:י)

א מלוה בריבית איז אמאהל שבת בראשית געקומען אין שוהל, אנגעטוהן מיט נייע שיך פון א טייערע סארט, וועלכע האבן ארויסגעגעבן א קלאנג ביי יעדע טריט וואס ער האט געשטעלט. האט אים דער רב פון שוהל געזאגט: "ביי דיר איז מקויים געווארן דער פסוק וואס מיר האבן היינט געליינט, 'קול דמי אחיך צועקים אלי מן האדמה' - אזעלכע שיך וואס דו האסט דיר געמאכט אויפ'ן חשבון פון 'דמי אחיך', דמים תרתי משמע, דער ריבית וואס דו זויגסט ארויס פון דיינע ברידער, שרייט צו מיר פון די ערד אויף וועלכע דו טרעטסט..."

## מַיין אוֹצָר... מורא מקדש

### בראשית ברא

**בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ (בראשית א:א)**

"**בראשית**" איז ראשי תיבות '**ב**'קול **ר**'ם **א**'ברך **ש**'ם **י**' **ת**'מיד'. פון דא איז א רמז אז א מענטש איז מחוייב צו זאגן די ברכות הויעך כדי מ'זאל ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות. און מ'קען נאך צוליגן אז די קומענדיגע ווארט: "ברא", איז ראשי תיבות **ב**'קול **ר**'ם **א**'מן. *(ספר 'נחל קדומים' מחיד"א פ' בראשית)*

### א קרוין פון גראז

א מורא'דיגע מעשה שטייט אין 'מטה משה' (סי' מו) אין נאמען פונעם 'אור זרוע': "איך האב געקענט א אלטער איד פון ווארמייזא, וואס האט געהייסן ר' בונים. וואס פלעגט באערדיגן די טויטע. און איך האב געהערט אויף א אמת, אז אמאהל איז דער שמש אויפגעשטאנען פרי און איז געקומען אין שוהל, האט ער געטראפן א מענטש זיצט אינדרויסן פון די שוהל, און אויף זיין קאפ איז געווען א קרוין פון גראז. דער שמש האט זייער געציטערט, ווייל ער האט געטראכט אז דאס איז אפשר א שד. האט ער אים געפרעגט 'דו ביזסט נישט דער וואס איז נעכטן געשטארבן?' האט ער געענטפערט 'יא'. 'און איך האב דיך נעכטן באערדיגט?' האט ער אים געענטפערט 'יא'. האט ער אים געפרעגט וואס איז מיט דיר אין יענער וועלט? האט ער געענטפערט 'גוט'. האט ער אים געפרעגט 'וואס פאר א זכות האסטו געהאט, דו ביזסט דאך געווען א איינפאכער מענטש?' האט ער אים געזאגט: אין זכות וואס איך פלעג זאגן די ברכות אין שוהל בא'טעמ'ט, אין דעם זכות האט מען מיך געברענגט אין גן עדן און מ'איז מיך מכבד. און דאס איז פאר דיר א צייכן אז איך בין דער וואס דו האסט נעכטן באערדיגט, ווייל דו זעהסט אז מיין ערמל איז צוריסן, ווייל דו האסט מיר דאס צוריסן ווען דו האסט מיר אנגעטוהן די תכריכים. און ער האט אים געפרעגט וואס האסטו אויף דיין קאפ? האט ער אים געענטפערט, דאס זענען גראז פון גן עדן וואס איך האב געלייגט אויף מיין קאפ כדי אוועק צו נעמען די שלעכטע גערוך פון די עולם הזה...".

גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח
ר' הירצקא הכהן ענגעל הי"ו
לעי"נ זקנו הרה"ח ר' ישראל יקר
ב"ר יוסף חיים ע"ה ביגעלאייזן
נפטר ב' דר"ח מר חשון תשמ"א
ת.נ.צ.ב.ה.

*גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח
ר' משה ביגעלאייזן הי"ו לעי"נ אביו
הרה"ח ר' ישראל יקר ב"ר יוסף חיים ע"ה
• נפטר ב' דר"ח מר חשון תשמ"א

*גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח
ר' הערשל ביגעלאייזן הי"ו לעי"נ זקנו
הרה"ח ר' ישראל יקר ב"ר יוסף חיים ע"ה
• נפטר ב' דר"ח מר חשון תשמ"א

גליון השבוע נדבת ידידנו היקר
ר' אברהם רייז הי"ו ומשפ'
לעי"נ חותנו ר' ארי' לייבוש
ב"ר זאב אהרן וויינרעב ע"ה
• נפטר כ"ח תשרי תשנ"ח
ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח
ר' מענדל ביגעלאייזן הי"ו לעי"נ זקנו
הרה"ח ר' ישראל יקר ב"ר יוסף חיים ע"ה
• נפטר ב' דר"ח מר חשון תשמ"א

גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח
ר' אברהם יוסף חיים ביגעלאייזן הי"ו
לעי"נ זקנו הרה"ח ר' ישראל יקר ב"ר יוסף חיים ע"ה
• נפטר ב' דר"ח מר חשון תשמ"א

גליון השבוע נתנדב לזכרו ולעי"נ
ר' אברהם יודא ב"ר
ישעי' עקיבא ע"ה פיינער
• נפטר כ"ג אלול תשע"ח ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב לזכרו ולעי"נ
ר' ישראל צבי (הירשל) ב"ר
יוסף יונה ע"ה קליין
• נפטר ג' טבת תשע"ז ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב לזכרה ולעי"נ
הילדה התמימה מינצא לאה ע"ה
בת יבלחט"א ר' לוי יצחק הכהן הי"ו
נפטרה כ"ד טבת תשפ"ב • ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב לזכרה ולעי"נ המהנכת
הדגולה והחשובה אשה יראת ה' מרת ברכה
ב"ר דוד מנשה ע"ה ביגעלאייזן
נפטרה ה' תמוז תשפ"ג • ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב לזכרו ולעי"נ
הרה"ח ר' משה אלעזר
ב"ר צבי ע"ה לעמבערגער
• נפטר ה' אדר תשנ"ה ת.נ.צ.ב.ה.

כל הזכיות שמורות להמו״ל

# אז תתענג

דברי תורה וחסידות, סיפורי צדיקים וענייני מוסר,
מלוקטים מספרי רבותינו הקדושים מאורי הדורות זי״ע

לע״נ אאמו״ר הרה״ח ר׳ אברהם ב״ר משה זאב ז״ל (ראזענבערג) - נלב״ע ב׳ מנחם אב תשע״ה
ולע״נ מו״ח הרה״ח ר׳ חיים ב״ר מיכאל דוב הכהן ז״ל (הערמאן) - נלב״ע כ״ד ניסן תשפ״ה
ולע״נ אחי מו״ה יצחק ב״ר אברהם ע״ה ~ מו״ה משה זאב ע״ה ב״ר מיכאל דוב שליט״א ~ מו״ה אליעזר צבי ע״ה ב״ר יום טוב הלוי שליט״א

בעזהשי״ת

## פרשת בראשית תשפ״ו לפ״ק – כיתות ה׳ ו׳

## תורות על הפרשה

**בראשית ברא אלקים את וכו'.**

די לעצטע אותיות פון די ערשטע דריי ווערטער פון די תורה **בראשי**ת **בר**א **אלקי**ם, איז **אמת**, אבער ס'איז נישט לויט'ן סדר, ווייל אין די ערשטע ווארט שטייט די ת' און דערנאך די א' און די מ' (תא"מ), אבער אין די ווערטער וואס ס'שטייט נאכדעם **בר**א **אלקי**ם **א**ת וואס ס'איז אויך סופי תיבות **אמת**, דארט שטייט עס יא לויט'ן סדר, קודם איז די א', און דערנאך די מ', און די ת'.

זאגט דער הייליגער שינאווער רב, אז די תורה קומט אונז צו לערנען ווי אזוי א איד דארף ארבעטן אויף די מדה פון **אמת**, אז אפילו אויב פון אנפאנג איז ער נאכנישט אויסגעארבעט אין די מדה ווי עס דארף צו זיין, זאל ער נישט נאכלאזן, נאר זאל פרובירן דאס מערסטע וואס ער קען, און הקב"ה וועט אים העלפן, און וועט צוקומען צו מדת האמת בשלימות, אזוי ווי מ'זעט דא אין פסוק, קודם איז מרומז דאס ווארט **אמת** אן א שלימות, נישט אין א סדר, (**בראשי**ת **בר**א **אלקי**ם), און נאכדעם איז דאס שוין מרומז בשלימות אין די ריכטיגן סדר, (**בר**א **אלקי**ם **א**ת).

(דברי יחזקאל)

* * *

**שבת בראשית.**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס ווערט דער שבת אנגערופן **שבת בראשית**, אנדערש ווי אנדערע שבתים וואס מ'רופט נישט אויף די סדרה, שבת נח, אדער שבת לך.

ענטפערט דער הייליגער שינאווער רב זי"ע, ווייל מ'האלט דאך יעצט די ערשטע שבת נאך די הייליגע טעג, וואס יעדער האט דאך זיכער תשובה געטאן מיט'ן גאנצן הארץ, און יעדער האט זיך פאַרגענומען צו זיין ערליך, און צו לערנען פלייסיג, דערפאר רופט מען דאס **שבת בראשית** צו דערמאנען דעם מענטש, אז יעצט איז די ריכטיגע צייט אויסנוצן די געלעגנהייט, און אפמאכן ביי זיך, אז דאס וואס ס'איז געווען פאר יאר איז שוין דערנאך, און פון היינט און ווייטער איז **בראשית**, ס'הייבט זיך אן א נייע סדר, און אפילו אויב מ'האט ביז יעצט נישט געלערנט אזוי פלייסיג, אדער זיך נישט אזוי גוט אויפגעפירט, וועט מען אי"ה פון היינט און ווייטער זיך יא אויפפירן ערליך און גוט.

(דברי יחזקאל)

* * *

## מעשה על הפרשה

**ער האט נישט געקענט זען די זון**

ס'שטייט אין ילקוט שמעוני, אז אנדרינוס קיסר, דער קעניג פון לאנד רוים, האט אמאל געפרעגט דעם תנא רבי יהושע, אויב די וועלט האט א הער, א בעל הבית.

האט אים ר' יהושע געענטפערט, זיכער איז דא א בעל הבית, דער הייליגער באשעפער האט באשאפן די וועלט, ס'קען נישט זיין אזא זאך אז די וועלט זאל באשאפן ווערן פון זיך אליינס, האט אים דער קיסר געפרעגט, ווער האט באשאפן די הימל און די ערד, ענטפערט אים ר' יהושע, אז הקב"ה האט זיי באשאפן, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק **בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ**.

פרעגט דער קיסר, יעדער קעניג באזיכט עטליכע מאל אין יאר די מענטשן פון זיין לאנד, אויב אזוי, פארוואס באווייזט זיך נישט הקב"ה כאטש צוויי מאל אין יאר צו די מענטשן, אז זיי

זאלן אים זען. האט אים ר' יהושע געענטפערט, ווייל די וועלט קען נישט אויסהאלטן די שיין פון השי"ת, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק, **כי לא יראני האדם האדם וחי**, אז א מענטש קען נישט זען הקב"ה און בלייבן לעבן.

דעם קיסר מיט זיין גוי'אישער שכל האט נישט געקענט באגרייפן אזא תירוץ, און האט געזאגט צו ר' יהושע, אויב דו וועסט מיר נישט ווייזן דעם אויבערשטען, גלייב איך נישט אינעם באשעפער, חלילה.

עס איז דאן געווען אינמיטן העלן טאג, ווען די זון האט גאר שטארק געשיינט, ר' יהושע האט געבעטן דעם קיסר ער זאל ארויסקומען מיט אים אויף די גאס און דארט וועט ער אים ווייזן דעם באשעפער, זיי זענען ארויסגעגאנגען אויפ'ן גאס, און ר' יהושע האט געזאגט צום קיסר, קוק גוט אריין אין די זון, וועסטו קענען זעען דעם הייליגן באשעפער.

דער קיסר האט פרובירט צוקוקן אינעם זון, אבער די זון שטראלן האבן אים אריינגעשיינט אז זיינע אויגן זענען פארטונקלט געווארן, האט דער קיסר געזאגט, עס איז דאך נישט מעגליך צו קוקן אין די זון, ס'שיינט דאך זייער שטארק.

האט אים ר' יהושע געזאגט, מה דאך אין די זון וואס איז נאר איינס פון צענדליגער טויזנטער באדינער פון הקב"ה, קען מען נישט אריינקוקן, זיכער איז נישט מעגליך צו קוקן אין הקב"ה אליינס, דער קיסר האט פארשטאנען דעם ענטפער, און איז אוועקגעגאנגען צופרידן.

(ילקוט שמעוני ח"א שצ"ו)

* * *

אויך שטייט אין ילקוט שמעוני (שם), אז אן אפיקורס האט אמאל געפרעגט דעם תנא רבי עקיבא, ווער האט באשאפן די וועלט, האט ר' עקיבא געענטפערט, אז הקב"ה האט איר באשאפן, האט דער אפיקורס געפרעגט, ווייז מיר דאס אויף מיט א קלארע ראיה, האט ר' עקיבא אים געפרעגט וואס האסטו אָן אויף דיר, האט ער געענטפערט א רעקל, פרעגט אים ר' עקיבא, ווער האט עס געמאכט, האט ער געענטפערט, וואס הייסט ווער, א שניידער, פרעגט ר' עקיבא, ווייז מיר אויף מיט א קלארע ראיה, אז א שניידער האט עס געמאכט, פרעגט דער אפיקורס, צי וואס דארפסטו א ראיה דערויף, ווייסטו דען נישט אז א רעקל מאכט נאר א שניידער, האט אים ר' עקיבא געזאגט, ווייסטו דען נישט אז הקב"ה האט באשאפן די וועלט, און דער אפיקורס איז אוועקגעגאנגען אָן האבן וואס צו ענטפערן דערויף.

ווען ער איז אוועקגעגאנגען, האבן די תלמידים פון ר' עקיבא - וואס האבן צוגעהערט דעם גאנצן וויכוח - אים געפרעגט, רבי, וואס איז טאקע די קלארע ראיה, האט זיי רבי עקיבא געזאגט, פונקט ווי ווען מ'זעט א הויז ווייסט מען א בויער האט עס געבויט, ווייל א שוסטער אדער שניידער קען נישט בויען קיין הויז, און ווען מען זעט א קלייד ווייסט מען אז א שניידער האט עס געמאכט, די זעלבע זאך, ווען מען קלערט אריין און מ'איז זיך מתבונן אין די וואונדער פון די גאנצע בריאה, די הימל און ערד, די זון און לבנה מיט די שטערן, טייכן און ימים, בערג און טאלן, אלע באשעפענישן, מענטשן, בהמות, חיות און עופות, פארשטייט מען אז, נאר הקב"ה פירט די וועלט, און ער האט אלעס באשאפן.

## ❦ שבת בראשית ❦

הרה"ק ר' שלום מבעלזא זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל האט דער הייליגער חוזה פון לובלין געזאגט צו זיינע חסידים, אז ווער ס'קען נישט דעם צדיק הדור וועט דארפן געבן דערויף דין וחשבון, האבן זיי אים געפרעגט, ווער איז דער צדיק הדור, האט ער געענטפערט, דער הייליגער קאזניצער מגיד.

זענען די חסידים טאקע געפארן צום הייליגן קאזניצער מגיד, און זענען אנגעקומען אין א פשוט'ע וואכן טאג, ווען זיי זענען אנגעקומען, האט ער זיי געפרעגט, וואס איז היינט אנדערש ווי געוועינליך אז זיי קומען צו אים, האבן זיי אים נאכגעזאגט די ווערטער וואס דער הייליגער חוזה האט זיי געזאגט.

האט זיי דער קאזניצער מגיד געזאגט, אז דעם צדיק הדור קען מען נאר קענען אין שבת קודש, האבן זיי צוגעווארט אויפ'ן קומענדיגן שבת.

שבת קודש אינמיטן די סעודה, האט דער הייליגער קאזניצער מגיד געזאגט, רבונו של עולם, אויב איך בין דער צדיק הדור, שיק מיר אריין אין מויל דברי תורה וואס האט שייכות צום צדיק הדור, האט ער אנגעהויבן צו זאגן, ס'איז דא א מדרש, **הכל יודוך והכל ישבחוך, זו שבת בראשית.**

האט ער דאס מפרש געווען, לויט ווי ס'שטייט, אז די מלאכים האבן זעקס פליגלען, יעדן טאג פון די וואך זאגן זיי שירה מיט איין פליגל, ווען עס קומט שבת, זאגן זיי פאר הקב"ה, מיר האבן שוין נישט קיין פליגל צו זאגן שירה, זאגט זיי הקב"ה, איך האב נאך א פליגל אויף די ערד, דאס זענען די אידן, און די מלאכים באהעפטן זיך צו די אידן, און אזוי זאגן זיי שירה.

אבער די ערשטע וואך פון די בריאה איז געווען אנדערש, ווייל די מלאכים זענען דאך הערשט באשאפן געווארן מאנטאג, קומט אויס, אז דעם ערשטן שבת האבן זיי נאך יא געהאט א פליגל מיט וואס צו לויבן השי"ת, און האבן נישט געדארפט צוקומען צו די אידן, דאס איז פשט אין מדרש, **הכל יודוך והכל ישבחוך, זו שבת בראשית**, אז דעם ערשטן שבת, שבת בראשית, האט יעדער אליין געלויבט הקב"ה, אפילו די מלאכים, און האבן נישט געדארפט צוקומען צו די אידן, ווייל זיי האבן נאך געהאט אן אייגענע פליגל.

(סדר הגדה, שלחן הטהור, הובא בנחלי בינה)

# יארצייט פון די וואך



דעם קומענדיגן דינסטאג, כ"ט תשרי, פאלט אויס די יארצייט פון
הרה"ק **רבי מנחם מענדל מוויזשניץ** זי"ע, בעל צמח צדיק

**הרה"ק רבי מנחם מענדל מוויזשניץ זי"ע איז געבוירן געווארן אין די שטאט קאסוב, אום כ"ד אייר אין יאר תק"צ, אלס דער יונגסטער זון פון הרה"ק רבי חיים מקאסוב זי"ע בעל מחבר ספר הקדוש תורת חיים, און זיין רביצין די צדיקת צפורה ע"ה, אן אייניקל פון הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע.**

**ער האט באקומען דעם נאמען 'מנחם מענדל', נאך זיין זיידן הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע בעל אהבת שלום מקאסוב, דער פאטער פון הייליגן תורת חיים זי"ע.**

ביים הייליגן שווער אין רוזשין

**אין יאר תר"ד, זייענדיג פערצן יאר אלט, האט רבי מנחם מענדל חתונה געהאט מיט די רביצין די צדיקת מרים מעניא ע"ה, די טאכטער פון הרה"ק רבי ישראל מרוזשין זי"ע.**

**דער הייליגער ריזשינער איז נישט געווען ביי די חתונה, וויבאלד ער האט - ווי באקאנט - געליטן גרויסע רדיפות פונעם רוסישן צאַר ניקאָליי, און איז אין יענע תקופה אנטלאפן פון רוסלאנד און זיך אויפגעהאלטן אין די שטאט סקאלא, ביז שפעטער ווען ער האט זיך באזעצט אין סאדיגורא, אבער די משפחה פונעם ריזשינער האט זיך נאך דאן יא געפונען אין רוסלאנד, און דארט איז פארגעקומען די חתונה, אן דאס אנוועזנהייט פונעם גרויסן מחותן דער אבי הכלה.**

**במשך בערך זיבן יאר האט רבי מנחם מענדל געוואוינט נעבן זיין גרויסן שווער, ביז צו די פטירה פונעם הייליגן רוזשינער זי"ע, אום ג' חשון תרי"א (די יארצייט איז קומענדיגע וואך שב"ק פרשת נח).**

קאסוב -וויזשניץ

**נאך די פטירה פון זיין שווער, איז רבי מנחם מענדל צוריקגעגאנגען וואוינען קיין קאסוב, נעבן זיין הייליגן טאטן דער תורת חיים זי"ע, און נאך זיין טאטנס פטירה, אום כ"ה אייר אין יאר תרי"ד, האט זיך רבי מנחם מענדל אריבערגעצויגן צום שטאט וויזשניץ, וואו ער איז געווארן אויפגענומען אלס רב, זייענדיג אין יונגן עלטער פון 24 יאר.**

**מיט דער צייט זענען פילע אידן געקומען צו פארן קיין וויזשניץ צום רבי'ן הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע, צווישן זיי פילע חסידים פון זיין טאטן דער תורת חיים מקאסוב זי"ע, און מיט די יארן איז ער געווארן בארימט אין דער וועלט אלס א רבי פון טויזנטער חסידים, און איז געווען גאר א געטרייער מנהיג פאר זיינע פילצאליגע חסידים, ער האט זיך געזארגט פאר זייער רוחניות און גשמיות. אויך איז געווארן באקאנט אין די וועלט די גרויסע מופתים וואס דער הייליגער צדיק האט באוויזן.**

דאס הסתלקות

**אום זומער אין יאר תרמ"ד האט אים אנגעכאפט א שוואכקייט, וועלכע איז אלץ געווארן שטערקער, און ער האט געליטן שרעקליכע יסורים. פון די שווערע יסורים איז כמעט אוועקגענומען געווארן פון אים דער כח הדיבור, און ער האט געזאגט זיינע ווערטער זייער שטיל.**

**פרייטאג צונאכטס פרשת בראשית, כ"ט תשרי, ערב ראש חשון אין יאר תרמ"ה, נאכ'ן דאווענען און מאכן קידוש, זייענדיג אין עלטער פון בלויז 55 יאר, איז הרה"ק רבי מנחם מענדל מוויזשניץ זי"ע נסתלק געווארן, און איז נאך שבת געקומען לקבורה אויפ'ן בית החיים אין די שטאט וויזשניץ.**

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל**

<><><><>

**אויפגעהערט צו רעגענען**

אמאל אין דעם הייליגן יום טוב סוכות האט זייער שטארק גערעגנט, און עס האט אריינגערעגנט אין די סוכה, אבער הרה"ק רבי מנחם מענדיל מוויזשניץ זי"ע איז געבליבן זיצן אין די סוכה און נישט געוואלט ארויסגיין, זאגנדיג, "ווער עס האט ליב דעם באשעפער, דער האט נישט קיין צער ווען עס רעגנט, און אויב איינער האט יא צער, דער איז טאקע פטור פון די סוכה, ווייל אזא סאָרט עבודה ברויך מען נישט אין הימל".

אויך האט ער געזאגט, אז זיין טאטע דער הייליגער תורת חיים פון קאסוב זי"ע האט זיך אויך אזוי געפירט, אז אפילו ס'איז געגאנגען א שטארקע רעגן איז ער געבליבן זיצן אין די סוכה, פונקט ווי עס וואלט נישט גערעגנט.

דער וויזשניצער רבי האט צוגעלייגט צו דעם א מעשה וואס האט פאסירט ביים הייליגן בעל שם טוב זי"ע:

**אין די סוכה פון הייליגן בעש"ט האט נישט אריינגערעגנט**

אמאל אין די ערשטע נאכט סוכות האט זייער שטארק גערעגנט, אבער אין די סוכה פונעם הייליגן בעל שם טוב האט נישט אריינגערעגנט, אינדרויסן אויף די גאס איז אלעס געווען אדורכגעווייקט נאַס, אבער דער הייליגער בעל שם טוב איז געבליבן זיצן אין די טרוקעניש אן קיין טראָפּ רעגן.

איינער פון די אנוועזענדע חסידים ביים בעש"ט אין די סוכה, איז אריבערגעלאפן צו איינעם פון די רבנים פון שטאט וועלכער איז געווען פון די מתנגדים פונעם בעש"ט, און האט אים דערציילט די וואונדערליכע זאך וואס מ'קען יעצט מיטהאלטן מיט די אייגענע אויגן און זען דאס גרויסקייט פונעם בעש"ט, אז ביי אים אין די סוכה רעגנט נישט אריין.

דער רב איז געקומען צו גיין, זיך וועלנדיג איבערצייגן אויב עס איז אמת וואס דער חסיד דערציילט, און ער האט זיך געשטעלט אינדרויסן פון די סוכה און אריינגעקוקט דורך א שפּאַלט, פון וואו ער האט געקענט קלאר מיטהאלטן דעם געוואלדיגן גרויסן נס אז אינעווייניג אין די סוכה פונעם בעש"ט איז אינגאנצן טרוקן, אבער מיט דעם אלעם האט דער מתנגד נישט געכאפט קיין התפעלות, און ווען ער איז אהיימגעגאנגען האט ער זיך אראפגעזעצט מיט זיין איידעם און זיך גענומען רעדן אויפ'ן הייליגן בעש"ט ביז אין די פארטאגס שעה'ן.

**היתכן אין אזא הייליגע נאכט צו רעדן לשון הרע**

אינדערפרי ווען דער הייליגער בעש"ט איז געגאנגען אין מקוה, האט ער געטראפן יענעם רב וועלכער איז געשטאנען נעכטן ביינאכט אינדרויסן פון זיין סוכה, און נאכדעם האט ער גערעדט שלעכטס אויף אים, און דער בעש"ט האט אים געפרעגט, היתכן אז אין אזא הייליגע נאכט זיצט מען און מ'רעדט לשון הרע אויף א איד.

**היתכן אז א מלאך זאל רעדן לשון הרע**

דער רב האט תיכף צוריקגעפרעגט דעם בעש"ט, ווי אזוי קען זיין אז איר ווייסט וואס איך האב גערעדט אויף אייך, קיינער איז נישט דארט געווען נאר איך מיט מיין איידעם, מוז דאך זיין אז א מלאך פון הימל איז אייך געקומען דערציילן וואס איך האב גערעדט אויף אייך, נו, היתכן אז א מלאך זאל רעדן לשון הרע.

האט אים דער בעש"ט געענטפערט, חז"ל זאגן אז ווען א איד טוט א מצוה ווערט באשאפן א גוטער מלאך וואס רעדט אויף אים גוטס, און ווען א איד טוט חלילה אן עבירה דעמאלטס ווערט באשאפן א מלאך וואס רעדט אויף אים שלעכטס. טאקע יענער מלאך וועלכער איז באשאפן געווארן פון אייער לשון הרע איז מיר געקומען דערציילן אז איר האט גערעדט אויף מיר.

**פון וועם דער הער איז צופרידן, אים גיסט מען נישט אָן**

נאכדעם האט דער בעש"ט צוגעלייגט און געזאגט, איך וועל אייך ערקלערן פארוואס ס'איז נישט געקומען קיין רעגן אין מיין סוכה, וויבאלד די משנה זאגט, אז ווען עס רעגנט אום סוכות איז דאס גלייך צו א קנעכט וואס איז געקומען באדינען זיין הער און האט אים אנגעגאסן א גלעזל צו טרונקן, איז געגאנגען דער הער און אים אנגעגאסן מיט זיין קריגל, ווייזנדיג מיט דעם אז ער איז נישט צופרידן פון די ארבעט פון זיין קנעכט, און ער וויל נישט אז ער זאל אים באדינען.

"דאס איז אלעס ביי אזא סארט קנעכט פון וועם דער הער איז נישט צופרידן, אבער דער קנעכט פון וועם דער הער איז יא צופרידן, אים גיסט מען נישט אָן", האט דער הייליגער בעש"ט אויסגעפירט.

ווען דער הייליגער צמח צדיק האט געענדיגט צו דערציילן די מעשה, האט פלוצלינג אויפגעהערט צו רעגענען, און מ'האט געקענט ווייטער רואיג זיצן אין די סוכה.

<><><><>

**דאס חשיבות רעכנט זיך לויט די כוונה**

אמאל זענען צוויי מענטשן געקומען צו הרה"ק רבי מנחם מענדל מוויזשניץ זי"ע, און ביידע האבן געגעבן א קוויטל און א פדיון. נאך וואס די צוויי אידן זענען אוועקגעגאנגען, האט רבי מנחם מענדל גענומען דאס געלט וואס ער האט באקומען פון די צוויי אידן אלס פדיון און דאס געגעבן פאר'ן גבאי'ן און

געזאגט, מיט די געלט - אנווייזענדיג אויף דאס געלט וואס ער האט באקומען פונעם ערשטן, וואס איז געווען א קלענערע סכום - זאלסטו קויפן פיש לכבוד שבת, און מיט די געלט - אנווייזענדיג אויף דאס געלט וואס ער האט באקומען פונעם צווייטן, וואס איז געווען א גרעסערן סכום - זאלסטו קויפן שטרוי פאר די פערד.

דער גבאי האט זיך געוואונדערט, פארוואס דער רבי גיבט דעם גרעסערן סכום צו קויפן שטרוי פאר די פערד, און דאס קלענערע סכום פאר פיש אויף שבת קודש.

ווען דער צמח צדיק האט געזען ווי דער גבאי וואונדערט זיך, האט ער אים געזאגט, קום איך וועל דיר מסביר זיין דעם ענין.

דער צמח צדיק האט ארויסגענומען צוויי קוויטלעך וואס ער האט באקומען מיט א צייט פריער פון צוויי מענטשן, מיט די פדיון וואס זיי האבן געגעבן, און געוויזן פאר'ן גבאי'ן אז איינער האט האט געגעבן צוואנציג קראנען, און דער צווייטער האט געגעבן פינף קראנען, און ער האט געזאגט, איך וועל דיר דערציילן ווי אזוי עס איז אנגעקומען צו מיר דאס געלט.

**כסדר אראפגענומען פון דעם פדיון**

דער פדיון פון די צוואנציג קראנען האט מיר געגעבן א גרויסער גביר. דער אמת איז אז ארויסגייענדיג פון זיין שטוב צו קומען אהער האט ער מיטגענומען מיט זיך הונדערט קראנען צו געבן פאר א פדיון, אויסער די הוצאות פונעם וועג, ווען ער איז אנגעקומען צום באן סטאנציאן, האט ער שוין נישט געהאט קיין פלאץ צו פארן אויפ'ן צווייטן אפטיילונג, וואו וועלכע ער פלעגט געווענליך פארן, און ער האט געהאט א ברירה צו פארן אדער אויפ'ן דריטן אפטיילונג (וואו עס זיצן די ארימערע מענטשן, און עס קאסט ווייניגער געלט ווי דער צווייטער אפטיילונג) אדער אויפ'ן ערשטן אפטיילונג (וואו עס זיצן די רייכערע מענטשן, און עס קאסט מער געלט), האט ער באשלאסן אראפצונעמען אביסל פונעם פדיון וואס ער האט געוואלט געבן, כדי צו פארן אויף די ערשטע אפטיילונג, ווייל ס'האט אים נישט געפאסט צו גיין אויפ'ן דריטן אפטיילונג.

אנקומענדיג אין האטעל האט זיך איבערגע'חזר'ט די זעלבע מעשה, עס איז שוין נישט געבליבן קיין פלאץ פאר אים אין א שטוב פונעם צווייטן סארט, נאר אדער פונעם ערשטן סארט וואס איז טייערער, אדער פונעם דריטן סארט וואס איז ביליגער, אויך יעצט האט דער גביר געטראכט אז עס פאסט נישט פאר אים צו שלאפן אין א שטוב פונעם דריטן סארט, און ער האט זיך אויסגעקליבן א רייכע שטוב פונעם ערשטן סארט, און ער האט נאכאמאל אראפגענומען אביסל פונעם פדיון וואס ער האט געפלאנט צו געבן.

שפעטער האט ער געוואלט קויפן א מתנה אהיימצוברענגען פאר זיין משפחה, אבער די זאך וואס ער האט געוואלט קויפן האט געקאסט צו טייער, און ער האט נישט מיטגענומען גענוג געלט פאר אזא טייערע מתנה, האט ער ווייטער אראפגענומען פונעם פדיון כדי צו קויפן די מתנה. אזוי האט ער אלס מער אראפגענומען, ביז עס איז אים געבליבן די צוואנציג קראנען.

**צוגעלייגט צום פדיון**

דער פדיון פון די פינף קראנען האט מיר געגעבן אן ארימער מלמד, וואס איז ארויס פון זיין שטוב מיט איין קראן צו געבן פאר א פדיון, און נאך אביסל פאר די הוצאות פונעם וועג.

ביים באן סטאנציאן איז ער געוואויר געווארן אז ער קען פארן מיט א לאסט-וואגאן וואס קומט אויס ביליגער, האט ער זיך זייער געפריידט צו פארן אויף דעם, ווייל אזוי וועט ער קענען אביסל צולייגן צום פדיון.

ווען ער איז אנגעקומען אהער האט ער באשלאסן זיך אויפצוהאלטן אין ביהמ"ד, און אזוי וועט אים בלייבן דאס געלט פונעם האטעל, און ער וועט דאס אויך קענען צולייגן צום פדיון, אזוי איז ער געבליבן מיט דריי קראנען.

אבער ער האט זיך נישט באגנוגט צו געבן פארן רבי'ן בלויז דריי קראנען, האט ער געבעטן פון איינעם וואס ער האט געדינט אלס דער מלמד פון זיינע קינדער, אז ער זאל אים געבן צוויי קראנען פאראויס, אויפ'ן חשבון פון דאס געלט וואס ער דארף אים באצאלן דעם קומענדיגן זמן. אזוי האט ער צוזאמגעזאמלט פינף קראנען, און ער האט דאס געגעבן אלס א פדיון.

נא זאג דו - האט דער צמח צדיק אויסגעפירט - וועלכער פדיון איז מער חשוב'ער, די צוואנציג קראנען אדער די פינף.

דער צמח צדיק האט מיט דעם מסביר געווען פארן גבאי'ן, אז דאס חשיבות פונעם געבן א פדיון, אדער ווען מ'גיבט צדקה, רעכנט זיך נישט לויט'ן סכום וואס מען גיבט, נאר לויט די כוונה וואס דער געבער האט, און וועגן דעם האט ער געגעבן דאס געלט פון איין איד אז מ'זאל קויפן דערמיט די מאכלי שבת, אפילו ס'איז א קלענערע סכום, ווייל דאס געלט האט א חשיבות, ווייל דער וואס האט דאס געגעבן האט עס געגעבן מיט א ריינע כוונה, און דאס געלט פונעם צווייטן - אפילו

ס'איז מער געלט - איז וויניגער חשוב, און מיט דעם האט ער באפוילן צו קויפן שטרוי פאר די פערד. (מקור ברוך)

<><><><>

## די עבודה פון א צדיק ביים טיש

הרה"ק רבי מנחם מענדל פון וויזשניץ זי"ע פלעגט יעדע יאר, איינמאל א יאר, זיין צוגאסט אין די שטאט קאלאמייא, און ער פלעגט אלץ גיין באזוכן דעם קאלאמייער רב הגה"ק רבי הלל ליכטענשטיין זי"ע (דער בעל מחבר פון די הייליגע ספרים משכיל אל דל, עת לעשות, און נאך), און רבי הלל פלעגט צוריקגיין אויף א באזוך.

אמאל ווען רבי הלל קאלאמייער איז אריבערגעגאנגען אויף א באזוך צום וויזשניצער רבי'ן, האט ער געזען אז דער רבי האלט אינמיטן פראווען א סעודת ראש חודש מיט די חסידים, און ווען דער וויזשניצער רבי האט געזען רבי הלל קאלאמייער האט ער אים מכבד געווען זיך צו וואשן צו די סעודה, האט רבי הלל געענטפערט, אז ער האט שוין היינט געגעסן א מיטאג סעודה, און ער וויל זיך נישט נאכאמאל וואשן צו א סעודה.

## זאגן מוסר פאר די חסידים

רבי הלל האט זיך געזעצט נעבן רבי'ן, און האט זיך פארטראכט אויף די חסידים וואס שטופן זיך ביים טיש צו הערן דברי תורה און צו כאפן שיריים, האט רבי הלל געזאגט צום רבי'ן, איך זע אז אייערע חסידים זענען אזוי שטארק באהאפטן צו אייך, און זיי גלוסטן צו הערן דברי תורה פון אייער מויל, וואלט ווען געפאסט אז איר זאלט מקיים זיין וואס עס שטייט אין די הייליגע תורה, **הוכח תוכיח את עמיתך**, איר זאלט זאגן דברי מוסר פאר אייערע חסידים, און וויבאלד זיי זענען אזוי באהאפטן צו אייך וועלן זיי זיכער אננעמען די מוסר וואס וועט ארויסגיין פון אייער מויל.

האט אים דער הייליגער וויזשניצער רבי געענטפערט, ווי פאלגענד:

"אדם הראשון איז געווארן באשאפן דורכ'ן אויבערשטן, ער איז געווען זייער הייליג, און די מלאכים האבן אים באדינט, האט דער ס"מ געהאט קנאה אויף אים, און ער האט אפגעטון וואס ער האט אפגעטון (ער האט מכשיל געווען אדם הראשון מיט די חטא פון עץ הדעת), און ער האט קאליע געמאכט די וועלט.

"שפעטער איז אויפגעשטאנען דער צדיק נח, און ער האט געוואלט פאררעכטן די וועלט, אבער אויך אים האט דער ס"מ מקנא געווען, און ס'האט פאסירט וואס עס שטייט אין פסוק **ויחל נח**, ווי רש"י זאגט, אז ער האט זיך געמאכט פראסט.

## א נייעם וועג וואס דער שטן זאל נישט פארשטיין

"איז דאן געקומען אברהם אבינו און האט אנגעהויבן צו גיין אויף א נייעם וועג וואס דער שטן זאל נישט פארשטיין, ער האט אריינגעברענגט געסט, די ערביים, צו זיך אין שטוב, און ער האט זיי געגעבן צו עסן און צו טרונקן, אבער צום סוף האט דער ס"מ געזען אז ווען זיי גייען ארויס פון דאס הויז פון אברהם ווערן זיי בעלי תשובה, וואס האט ער געטון, האט ער אויפגעשטעלט אנדערע מענטשן וואס זאלן אריינעמען געסט, ענר אשכול און ממרא, און אויך לוט, און דארט האט מען געקענט עסן און טרונקן אן קיין ברכה, און זיי האבן אויך נישט געזאגט קיין מוסר אזוי ווי אברהם אבינו.

"האט מען ווייטער געדארפט איבערקלוגן דעם ס"מ, און זוכן נייע וועגן ווי אזוי צו משפיע זיין אויפ'ן פאלק אז מען זאל גיין אין די וועגן פון די הייליגע תורה, אזוי האבן די צדיקים אין יעדן דור געזוכט נייע וועגן אז דער ס"מ זאל זיך נישט כאפן וואס מען טוט, און ווען ער האט זיך געכאפט האט מען געדארפט זוכן א נייער וועג צו מקרב זיין אידן צום אויבערשטן.

## אוועקגעגאנגען ווי א ניי געבוירן קינד אן קיין עבירות

"שפעטער איז געווארן אויפגעבויט דער הייליגער בית המקדש, די כהנים האבן געטון די עבודה, און די לויים האבן געזינגען.

"ווען א איד האט געזינדיגט און געברענגט א קרבן, האט דער כהן גדול געקוקט מיט זיין רוח הקודש, און ווען ער האט געשפירט אז דער זינדיגער האט נאכנישט תשובה געטון ווי עס דארף צו זיין, האט ער געווינקן פאר די לויים און זיי האבן אנגעהויבן צו זינגען ניגונים וועלכע ערוועקן דאס הארץ צו תשובה, און ערשט נאכדעם האט ער מקריב געווען זיין קרבן חטאת, די כהנים האבן דאס געגעסן, און דער מענטש וואס האט געברענגט דער קרבן האט דורכדעם געהאט א כפרה, און ער איז אוועקגעגאנגען פון בית המקדש ריין ווי א ניי געבוירן קינד אן קיין עבירות.

"האט דער ס"מ ווייטער געהאט קנאה אויך אויף דעם, און ער האט אפגעטון וואס ער האט געטון, ער האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש.

## דער נייער וועג וואס דער בעש"ט האט אויסגעטרעטן

"איז געקומען אונזער רבי דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע, און ער האט אויסגעטרעטן גאר א נייעם וועג, דער רבי זיצט

מיט זיינע חסידים און זיי עסן און זיי טרונקן, און ער זאגט זיי נישט קיין מוסר, אבער דער צדיק עסט מיט קדושה און טהרה, ביז דער טיש פארנעמט דאס פלאץ פונעם מזבח, און דאס עסן ווערט אין פלאץ פון א קרבן, און די חסידים גייען אוועק פונעם טיש ריין פון יעדן זינד ווי א ניי געבוירן קינד".

ווען דער וויזשניצער רבי האט געענדיגט דאס זאגן, האט הרה"ק רבי הלל קאלאמייער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט, "אויב אזוי, גיי איך מיך שוין וואשן!", און ער האט זיך תיכף געוואשן צו די סעודה. (ספר בית ישראל, פרשת ויקרא)

<><><><>

**דער אויבערשטער פארלאזט קיינמאל נישט**

אמאל איז א חסיד געקומען צופארן צום הייליגן וויזשניצער רבי'ן הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע, און מזכיר געווען אז ער דארף געהאלפן ווערן מיט א ישועה, האט דער וויזשניצער רבי אים פארציילט א מעשה וואס האט פאסירט ביים הייליגן בארדיטשובער רב הרה"ק רבי לוי יצחק זי"ע בעל מחבר ספר הקדוש קדושת לוי (יארצייט כ"ה תשרי, פרייטאג פרשת בראשית), ווי פאלגענד:

**ער איז געווארן א גרויסער בעל חוב**

אמאל איז געקומען א גביר צום הייליגן בארדיטשובער, און זיך באקלאגט אז ער האט לעצטנס פארלוירן זיין גאנצע געלט און איז געווארן א גרויסער בעל חוב, דער עולם ווייסט נאכנישט דערפון און מ'מיינט אז ער האט געלט, אבער ווען מ'וועט געוואויר ווערן וועט זיין זייער ביטער, ווייל אלע מענטשן פאר וועם ער איז שולדיג געלט וועלן אים אנהייבן נאכצולויפן אז ער זאל זיי באצאלן, און ער האט נישט פון וואו צו נעמען געלט זיי צו באצאלן.

**ער זאל קויפן די לאטערי טיקעט**

האט אים דער הייליגער בארדיטשובער געזאגט, "גיי קויף דיר א לאטערי טיקעט, און דער אויבערשטער וועט העלפן".

האט דער חסיד געזאגט, איך בין חלילה נישט מסופק צי דעם רבי'נס הבטחה וועט מקוים ווערן, אבער ווער ווייסט ווען דאס וועט מקוים ווערן, ווייל דער סדר איז אז עס קען אדורכגיין עטליכע יאר ביז ווען מען געוואונט, און אינצווישן קענען קומען די בעלי חובות און פאדערן אז איך זאל זיי באצאלן, אויסער דעם האב איך שוין א טאכטער אין די יארן פון שידוכים און איך דאַרף געבן נדן צו טרעפן פאר איר א שידוך.

האט דער בארדיטשובער געזאגט, "האב נישט קיין מורא, אויך אויף דערוייל וועט דער אויבערשטער צושיקן א ישועה".

**דער פריץ וויל טוישן טיקעט**

ווי פארשטענדליך האט דער חסיד געפאלגט דעם רבי'נס עצה און האט געקויפט א לאטערי טיקעט, אויפ'ן וועג אהיים איז ער איינגעשטאנען אין א האטעל און דארט גענעכטיגט, ביינאכט איז אנגעקומען אינעם זעלבן האטעל א גרויסער פריץ און איז אויך געבליבן דארט נעכטיגן. ביינאכט האט זיך דער פריץ גע'חלומ'ט אז אינעם האטעל געפונט זיך א איד וועלכער האט ביי זיך א לאטערי טיקעט וואס וועט געוואונען דעם גרויסן געווינס, און ער דארף זען צו טוישן זיין טיקעט מיט דעם איד'ס טיקעט.

דער פריץ האט זיך אויפגעכאפט פון שלאָף און האט געטראכט אז ס'איז סתם א חלום, אבער ווי נאר ער איז ווידער איינגעשלאפן האט ער נאכאמאל גע'חלומ'ט דעם זעלבן חלום. יעצט האט ער שוין פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין פוסטער חלום, האט ער געשיקט זיינע באדינער אז זיי זאלן גיין זוכן צי עס שטייט איין אין דעם האטעל א איד, און אז יא זאלן זיי אים תיכף ברענגען צו אים.

ביז עטליכע מינוט זענען זיי צוריקגעקומען צום פריץ מיט דעם חסיד, האט אים דער פריץ געפרעגט צי ער האט אפשר ביי זיך א לאטערי טיקעט, האט דער איד געענטפערט אז יא, זאגט אים דער פריץ אז ער האט אויך א טיקעט און ער וויל זיך טוישן מיט אים, און ער וועט אים נאך צוגעבן א שיינעם סכום געלט.

דער חסיד האט נישט געוואלט, ווייל ער האט דאך געוואוסט אז זיין טיקעט וועט געוואונען אזוי ווי דער רבי האט אים צוגעזאגט, דער פריץ זעענדיג אז דער חסיד וויל נישט, האט ער אים אנגעטראגן נאך א גרעסערע סכום געלט, אבער ער האט נאך אלץ נישט געוואלט, צום סוף האט אים דער פריץ אנגעטראגן דעם ריזיגן סכום פון טויזנט רובל, אבער דער חסיד האלט זיך ביי זיינס, ער וויל נישט פארקויפן דעם טיקעט.

**צוגענומען דעם טיקעט מיט כח**

יעצט האט זיך שוין דער פריץ אויפגערעגט, און האט באפוילן פאר זיינע באדינער אז זיי זאלן ארויסשלעפן דעם טיקעט פונעם איד מיט כח, און זיי האבן אזוי געטאן, דערנאך האט זיך דער פריץ אנגערופן צום חסיד, באמת וואלט איך דיר געקענט לאזן גיין מיט גארנישט, אבער איך וויל נישט זיין קיין

גנב, דעריבער גיב איך דיר מיין לאטערי טיקעט, און איך גיב דיר אויך צו די טויזנט רובל וואס איך האב דיר פריער אנגעטראגן.

דער חסיד האט נישט געהאט קיין ברירה און האט גענומען די לאטערי טיקעט פונעם פריץ, און אויך די טויזנט רובל, און איז זיך געגאנגען זיין וועג.

ווען ער איז אנגעקומען אהיים, האט ער געהאט גענוג געלט צו געבן נדן, און האט חתונה געמאכט זיין טאכטער, און ביז א קורצע צייט האט ער געהערט אז די לאטערי טיקעט וואס דער פריץ האט אים געגעבן האט געוואונען.

**געמוזט שיקן דעם בעל החלומות**

מיט גרויס שמחה איז דער חסיד געפארן קיין בארדיטשוב, צו דערציילן פאר'ן רבי'ן די גוטע בשורה אז ער האט געוואונען די לאטערי.

ווען ער איז אריין צום רבי'ן, האט אים דער רבי געזאגט, "איך האב געזען אז דיין מזל איז אזוי דערנידערט, האב איך געמוזט שיקן דעם בעל החלומות אז ער זאל צורעדן דעם פריץ ער זאל טוישן מיט דיר די לאטערי טיקעט, ווייל איך האב געזען אז זיין טיקעט וועט געוואונען, און נישט דיינס, און די טויזנט רובל וואס ער האט דיר געגעבן איז געווען, ווייל דו האסט מיר געזאגט אז ביז צום געווינס דארפסטו אויך א ישועה, ווייל דו דארפסט חתונה מאכן דיין טאכטער, דעריבער האב איך דיר געשיקט א קליינע ישועה פאר די גרויסע ישועה".

דער חסיד איז אהיימגעפארן, און איז געווארן נאך א גרעסערער גביר ווי פריער.

**ביז צו די גרויסע ישועה וועל איך דיר אויך נישט פארלאזן**

ווען דער הייליגער צמח צדיק האט געענדיגט דערציילן די מעשה האט ער צוגעלייגט, אז דאס האט דער באשעפער געמיינט מיט די הבטחה צו יעקב אבינו, **כי לא אעזבך עד אשר אם עשיתי את אשר דברתי לך** (איך וועל דיר נישט פארלאזן ביז איך וועל מקיים זיין וואס איך האב דיר צוגעזאגט), לכאורה איז שווער וואס מיינט "עד אשר אם עשיתי", און נאכדעם וואס דער אויבערשטער וועט שוין מקיים זיין די הבטחה וועט ער אים יא פארלאזן? מ'קען דאך נישט זיין קיין רגע אָן דעם אויבערשטענס השגחה.נאר דער טייטש איז, **עד אשר אם עשיתי**, אפילו 'ביז' צו די גרויסע ישועה וועל איך דיר אויך נישט פארלאזן, נאר איך וועל דיר שיקן אויף דערוויל א קליינע ישועה, ווי די וועלט זאגט, "א גלעזל ברוינפן ביז צו די קרעטשמע".



זאגט דער הייליגער

# רבי ר' אלימלך זצ"ל...

א שטיקל נועם אלימלך
אויף די וואכעדיגע
פרשה




## פרשת
## בראשית

**נא לומר קודם הלימוד:** לע"נ הרה"ק רבי **אלימלך** ב"ר **אליעזר ליפמאן** זצ"ל
- ולע"נ בתו מירוש בת הרה"ק רבי **אלימלך** ע"ה

### בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ

**בראשית ברא**, רש"י ז"ל זאגט, אז דער ווארט בראשית איז א רמז, **בשביל התורה שנקרא ראשית און בשביל ישראל שנקראו ראשית.**

**מ'קען** מפרש זיין די כונה פון רש"י ז"ל, ארויסווייזן די איינציקייט פון אייבירשטן, וועלכע איז איינציג מיט זיינע וואונדער וואס ער טוט, און ער איז דער בורא אמת וועלכע האט באשאפן די וועלט. א ראי' צו דעם, קען מען זעהן פון צוויי זאכן, איינס פון די אידישע קינדער. אז מיר זענען זיך מתבונן אין די גרויסקייט פון אידישע קינדער, זייער לויטער שכל און פארשטאנד, זייער הארץ וועלכע איז גאר גרויס און פיל מיט מעלות און מידות טובות אן א סוף. און מיר זעהן די חילוק פון אידישע קינדער און אנדערע גוי'אישע פעלקער, פון דעם גלייבן מיר און אנערקענען די גרויסקייט און איינציגקייט פון אייבירשטן.

**בראשית ברא, פירוש רש"י ז"ל בשביל התורה שנקרא ראשית ובשביל ישראל כו'.**

**נראה לפרש דרש"י ז"ל כיון בדברים האלו להראות אחדותו יתברך שמו שהוא יחיד בנפלאותיו ובורא אמת, דזה האות וראיה מעמו ישראל הצדיקים אשר אור שכלם ולבם רחב מאוד במעלות ומדות טובות עד אין קץ אשר עינינו רואין מעלתם הגדולה מכל האומות. והתורה הקדושה אשר נתן להם האל הטוב ברחמיו שני האלו יתנו עידיהן ויצדקו על רב נוראותיו ונפלאותיו אשר ברא עולמו לבדו בלי עזר וסיוע בלעדו עד"ש שלשה מעידין זה על זה הקדוש ברוך הוא ותורה וישראל.**

**וזהו שמע ישראל ה' רמז שמע על התורה כי שמע היא התורה ששמענו מפיו יתברך וישראל הם עדות על השם שהוא היוצר הוא הבורא. ולזה כיוון רש"י גם כן באומרו בשביל התורה ובשביל ישראל לומר ששני אלו הם ראיה על בראשית וק"ל.**

**די** צווייטע ראי'ה איז פון די תורה הקדושה. די תורה וואס דער באשפער האט אונז געגיבן מיט זיין פול רחמנות. ווען מיר טראכטן אריין די גרויסקייט פון די תורה, בכמות ובאיכות, דאס שטארקט די אמונה און זאגט עדות אז דער באשעפער אליינ'ס האט באשאפן די גאנצע בריאה, וועלכע איז פיל מיט וואונדער, אלעס אליין אן קיין שום הילף.

**אזוי** זאגן אויך חז"ל (תוס' חגיגה ג: בשם המדרש) **שלשה מעידין זה על זה.** דער אייבירשטער, די תורה און אידישע קינדער. דאס טייטשט אויך דער פסוק **שמע ישראל ה'**, **'שמע'** גייט ארויף אויף די תורה (וועלכע מיר האבן "געהערט" פון אייבירשטן), **'ישראל'** זענען אידישע קינדער, די צוויי זאגן עדות אז **'ה'**', דער אייבירשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט.

**דאס** איז די כוונה פון רשיז"ל, **בראשית בשביל התורה וישראל**, די צוויי זאגן עדות אז **בראשית ברא אלקים.**

**הגה"ק בעל חתם סופר זצ"ל:**

פארן הייליגן חתם סופר זצ"ל (יארצייט כ"ה תשרי) איז אמאל אנגעקומען דער ספר נועם אלימלך. עס איז נאך דעמאלט'ס נישט געווען באוויסט די גרויסקייט פון רבי ר' אלימלך און דעם ספר. דער חתם סופר האט אריינגעקוקט אין דעם און האט געזאגט **"מיר זענען האלץ האקער'ס קעגן אים"**. (ויגד יעקב מועדים תקכ"ח)

נתנדב לזכות **שלום ברוך מרדכי** בן **דבורה בלומא** וב"ב ויוצ"ח לברכה והצלחה וכל טוב

גליון
# בת עין
דבר השוה לכל נפש

גליון י"ב
פרשת בראשית
תשפ"ד

אידיש

## פארווארט

דער ראפשיצער רב זצ"ל איז געווען באקאנט מיט זיין געטליכע חכמה וואס ער פלעגט כסדר באהאלטן אין זיינע ווערטלעך. פלעגט דער ראפשיצער רב זאגן 'נישט דא אזא גראדע זאך ווי א לייטער וואס שטייט שיף, נישט דא אזא גאנצע הארץ ווי א צובראכענע הארץ'. זייער אסאך פירושים איז געזאגט געווארן אויף די ווערטל, אבער די מערסטע און פשוטע פשט איז ווי די פסוק זאגט אונז 'זבחי אלקים רוח נשברה', א צובראכענע גייסט איז א קרבן פארן באשעפער, און דאס איז די הארץ וואס השי"ת האט ליב.

און טאקע פארדעם פלעגן צדיקים כסדר מעורר זיין און זאגען אז אפילו ווען א מענטש פאלט איין מאל צוויי מאל און אזוי ווייטער טאר דער מענטש נישט פילן 'אוי איך בין דערוויטערט פון באשעפער' אדער 'איך פיל נישט גארנישט קיין התעוררות' ווייל דאס אליין די צובראכענקייט איז חשוב ביים באשעפער אזוי ווי זיין עבודה.

אין די קומענדיגע תורה גייט דער בת עין מסביר זיין באריכות אז משה רבינו האט צובראכן די לוחות וואס מיינט די תורה און ווערט צוגעליכען צו הארץ מיט די כוונה, אונז צו ווייזען אז אפילו ווען א מענטש איז אין אזא מצב פון צובראכענקייט וואס ווערט אנגערופן 'שברי לוחות' איז דאס אויך 'מונחים בארון' – און ליגט אין די ארון און איז חשוב ביים באשעפער אזוי ווי די גאנצע לוחות. לך אמר לבי בקשו פני – את פניך השם אבקש.

**בְּרֵאשִׁית בָּרָא וְגוֹ', וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ וְגוֹ', וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר.** אין אנהייב פון די באשאפונג פון די וועלט וואס דאס איז געווען די הימל און די ערד. און די ערד איז געווען וויסט און ליידיג ... און דער באשעפער האט געזאגט אז ס'זאל זיין א ליכטיגקייט און ס'איז געווארן א ליכטיגקייט

### א דיוק אין די פסוק

**יֵשׁ לְפָרֵשׁ עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר וָהֵילָךְ לַעֲבוֹדַת ה' הַשְּׁנֵי מִינֵי אוֹר הַנַּ"ל** מען קען מפרש זיין אויף דרך המוסר און עבודת השי"ת וואס די תורה דערמאנט צוויי מאל דאס ווארט 'אור' אין די פסוק[א].

### א רמז צו באהעפטן די ענד פון די תורה צו איר אנפאנג

**וְגַם לְפָרֵשׁ הַצֵּירוּף שֶׁל סִיּוּם הַתּוֹרָה וְהַתְחָלָתָהּ** אויך דארף מען צו מפרש זיין די שייכות פון די סיום פון די תורה וואס ענדיגט זיך מיט א ל' (ישראל) און מיט די אנפאנג פון די תורה וואס הייבט זיך אן מיט א ב' (בראשית), **שֶׁהֵם אוֹתִיּוֹת ל–ב**[ב] וואס צוזאמען די אות ל' און ב' ווערט די ווארט 'לב'.

### די וועלט איז באשאפען געווארן וועגן די יודען און וועגן די מידת היראה

**הִנֵּה עִיקַּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיְתָה בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל וּבִשְׁבִיל הַיִּרְאָה שֶׁנִּקְרָאִים רֵאשִׁית**[ג] די עיקר וואס די וועלט איז

---

א די פסוק זאגט: ויאמר אלקים יהי 'אור' ויהי 'אור'

ב די תורה ענדיגט זיך 'לעיני כל ישראל' און הייבט זיך אן 'בראשית ברא'.

ג אזוי ווערט געברענגט אין מדרש (ויקרא רבה לו, ד): א"ר ברכיה [ר' ברכיה האט געזאגט] שמים וארץ לא נבראו אלא בזכות ישראל [די הימעל און די ערד איז נישט באשאפען געווארן נאר וועגן די יודען], דכתיב 'בראשית ברא אלהים', [אזוי ווי עס שטייט 'בראשית' ברא אלקים] ואין ראשית אלא ישראל [און די ווארט 'ראשית' מיינט נאר די יודען] שנאמר (ירמיה ב,

באשאפען געווארען איז געווען ווענן די יודען - און וועגן די מידה פון יראה וואס זיי ווערן אנגערופן מיטן נאמען 'ראשית', **הַיְינוּ שֶׁיִּשְׂרָאֵל יִהְיוּ דְּבֵקִים לַה' תָּמִיד בְּיִרְאָה גְּדוֹלָה** דאס מיינט אז די יודען זאלען שטענדיג זיין באהאפטען מיטן באשעפער מיט א גרויסע יראה, **הַיְינוּ עַל יְדֵי הִתְבּוֹנְנוּתָם בִּגְדוּלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ** דאס מיינט אז דורך זייער אריינטראכטען אין די גרויסקייט פון השי"ת, **וְיִפְחַד וְיִרָא מִפָּנָיו יִתְבָּרַךְ** און זיי וועלן ציטערן און מורא האבען פון השי"ת, **וְזֶהוּ בְּחִינָה גְּדוֹלָה וִיקָרָה** און דאס איז א גרויסע און טייערע בחינה.

## די בחינה פון 'החיות רצוא ושוב'

**אָמְנָם 'וְהַחַיּוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב'** (יחזקאל א, יד) אבער די חיות און ווילען פון א מענטש איז 'רצוא' ס'גייט פאראויס - און 'ושוב' און ס'קערט זיך צוריק[ד], **שֶׁאִי אֶפְשָׁר לָאָדָם לַעֲמוֹד תָּמִיד בְּאוֹתָהּ בְּחִינָה** ס'איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל שטענדיג בלייבן ביי די זעלבע מדריגה און בחינה, **וְלִפְעָמִים נוֹפֵל מִזֹּאת הַבְּחִינָה מִדְּבֵיקוּתוֹ הַנַּ"ל** און צומאהל פאלט ער אראפ פון זיין מדריגה און בחינה אין זיין דביקות ווי אויבענדערמאנט, **וְנֶחֱשַׁךְ הָאוֹר הַקְּדוֹשָׁה בְּלִבּוֹ** און ס'ווערט פארטונקלט די ליכטיגקייט פון קדושה אין זיין הארץ, **שֶׁאֵינוֹ דָּבוּק כָּל כָּךְ בְּמַחְשַׁבְתּוֹ וְלִבּוֹ בְּיִרְאַת ה'** אז ער איז נישט מער אזוי באהאפטען מיט זיינע מחשבות און מיט זיין הארץ אין יראת השם.

**וּבַעֲבוּר זֹאת נִשְׁבַּר לִבּוֹ בְּקִרְבּוֹ עַל הֶעְדֵּר הָאוֹר הַהוּא מִלִּבּוֹ** און וועגן דאס וואס ער פילט אז ס'פעלט אים די ליכטיגקייט אין זיין הארץ ווערט זיין הארץ צובראכען אין אים, **וְנִכְנָע וְנִשְׁפָּל מְאוֹד מְאוֹד מִפְּנֵי פַּחַד ה' וּמֵהֲדַר גְּאוֹנוֹ** און ער ווערט זייער זייער אונטערגעטעניגט און ער פילט ביי זיך זייער נידריג צוליב די פחד פארן באשעפער און פאר זיין גרויסקייט.

## א הסבר אויף וואס די שברי לוחות האבען זיך געפונען אין די ארון

**וְזֶהוּ בְּחִינַת שִׁבְרֵי לוּחוֹת**[ה] און די בחינה פון זיין צובראכענע הארץ ווערט אנגערופען 'שברי לוחות' צובראכענע לוחות, **הַיְינוּ שֶׁלִּבּוֹ נִשְׁבַּר בְּקִרְבּוֹ מִגּוֹדֶל הַבּוּשָׁה מִפְּנֵי ה'** דאס מיינט אז זיין הארץ ווערט צובראכען ביי זיך פון גרויס בושה פארן באשעפער, **עַל שֶׁנִּתְרַחֵק מִדְּבֵיקוּת הַנַּ"ל** אויף וואס ער איז דערווייטערט געווארן פון די דביקות, **וְגַם בְּחִינָה זוֹ מוּנַּחַת בָּאָרוֹן**[ו] און אויך די בחינה פון די צובראכענע לוחות (שברי לוחות) ליגט אינעם ארון.

---

ג) 'קדש ישראל לה' ראשית תבואתה' אזוי ווי דער נביא ירמיהו זאגט אז די יודען זענען הייליג צום באשעפער און ווערן אנגערופען ...... און אזוי שטייט אויך אין זוהר הקדוש (זוהר חדש י, ב) ר' יהודה אומר [ר' יהודה האט געזאגט] לא נברא אלא בשביל היראה [די וועלט איז נישט באשאפען געווארן נאר וועגן די מידה פון יראה], שנקראת ראשית [וואס די מידה פון יראה ווערט אנגערופען 'ראשית'], שנאמר (משלי א, ז) 'יראת ה' ראשית דעת'. מנ"ל שהעולם נברא על פי היראה, שנאמר 'והאלקים עשה שייראו מלפניו'. עשה את העולם, כדי שייראו מלפניו, ועל פי היראה שהיא ראשית 'ברא אלקים את השמים ואת הארץ'.

ד דאס איז א בחינה וואס ווערט זייער אסאך מאל נתבאר אויף אסאך אופנים אין ספרי חסידות, אז א מענטש שטייט נישט אלעמאל אויף די זעלבע בחינה, דער באשעפער גיט א רצון פאר א מענטש צו גיין העכער אין זיין מדריגה, אבער דערנאך קערט זיך די ווילען צוריק, דער מענטש פילט נישט די טעם אין זיין עבודה און פארלירט זיין חשק צו גיין ווייטער, און דעמאלסט דארף דער מענטש זיך אליין אנשטרענגען צו גיין מיט די אייגענע כוחות.

ה די תורה הקדושה – די 'לוחות' ווערן אנגערופן 'לב' אזוי ווי עס איז מרומז אין די צירוף פון סוף פון די תורה און אנפאנג פון די תורה (ישראל בראשית), און דאס איז מרמז ווען א מענטש איז בשלימות אין זיין מידת היראה צום באשעפער, אבער ווען דער מענטש איז פארטונקלט און פילט נישט די מידת היראה איז זיין הארץ דעמאלסט ווערט עס אנגערופען 'שברי לוחות' ווייל דעמאלסט איז די בחינה וואס הייסט 'לב' צובראכען ביי אים.

ו די גמרא אין מס' מנחות (צט, א) זאגט אויף די פסוק 'אשר שברת ושמתם בארון' (דברים י, ב) תני רב יוסף [רב יוסף האט געזאגט] מלמד [די פסוק לערנט אונז] שהלוחות ושברי לוחות מונחין בארון [אז די לוחות און די צוברכענע לוחות, ליגען ביידע אין די ארון]. דאס מיינט אז אפילו די צובראכענע לוחות האט די זעלבע קדושה ווי גאנצע לוחות.

## די לימוד וואס משה רבינו האט געלערנט די יודען מיט צוברעכן די לוחות

**וְזֶהוּ 'אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל'** (דברים לד, יב) און דאס איז טייטשט אינעם פסוק 'וואס משה האט געטאהן פאר די אויגען פאר אלע יודען', **וּפֵירֵשׁ רַשִׁ"י שֶׁשִּׁבֵּר מֹשֶׁה אֶת הַלּוּחוֹת** און רש"י טייטשט אז דאס וואס משה האט געטאהן פאר די אויגען פאר אלע יודען מיינט דאס וואס משה האט צובראכען די לוחות, **וַה' הִסְכִּים לְדַעְתּוֹ וְאָמַר יִישַׁר כֹּחַ שֶׁשִּׁבַּרְתָּ'** (יבמות סב.) און השי"ת האט מסכים געוועזן צו וואס משה האט געטאהן (דאס צוברעכן די לוחות) און אים געזאגט יישר כח פארן עס צוברעכן,[ז] **מְרַמֵּז לִבְחִינָה זוּ** דאס קומט צו מרמז זיין צו די בחינה פון די חשיבות פון א הארץ וואס איז צובראכען צוליב זיין דערווייטערט פונעם באשעפער.

**פֵּירוּשׁ - מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת דַּעַת[ח] כְּלָלוּת יִשְׂרָאֵל כַּיָּדוּעַ** (ת"ז קלח.) פשט פון דאס איז: משה ווערט גערעכנט פאר די בחינה פון דעת פון כלל ישראל אזוי ווי עס איז באקאנט אין ספרי הזוהר[ט], **וְשִׁבֵּר אֶת בְּחִינַת ל"ב הַמְּרוּמָּז בְּצֵירוּף סִיּוּם הַתּוֹרָה וְהַתְחָלָתָהּ'** [י] און משה רבנו האט צובראכען די לוחות וואס איז די בחינה פון 'לב' וואס איז מרומז אין די אות ל' פון די ענד פון די תורה (ישרא'ל) און די ב' וואס איז איר אנפאנג[יא] (ב'ראשית).

**וְלִבְחִינָה זוּ הָיְתָה רָצוֹן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא בִּבְרִיאַת הָעוֹלָם** און צו די בחינה צו ווייזען אז אויך א צובראכענע לוחות זענען חשוב ביים באשעפער איז געוועזן די ווילען פון באשעפער ווען ער האט באשאפען די וועלט.

## די רצון פון השי"ת ביי בריאת העולם איז געוועזן צו ווייזען אז די בחינה פון 'שברי לוחות' איז אויך חשוב ביי אים

**וְזֶהוּ 'בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים'** און דאס איז פשט אינעם פסוק בראשית ברא אלהים[יב], **'אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ'** די פסוק זאגט ווייטער: 'די הימל (השמים) און די ערד (הארץ)', **מְרַמֵּז לִשְׁנֵי בְּחִינוֹת הַנַּ"ל** וואס 'שמים' און 'הארץ' זענען מרמז צו די צוויי בחינות, **פֵּירוּשׁ - 'הַשָּׁמַיִם' מְרַמֵּז לִבְחִינָה א'** פשט פון דאס איז: אז 'השמים' איז מרמז צו די ערשטע בחינה וואס א מענטש איז בדביקות אין באשעפער אין הימעל, **וְ'הָאָרֶץ' מְרַמֵּז לִבְחִינָה ב' שֶׁהוּא בִּבְחִינַת אַרְצִיּוּת** און דיווארט 'והארץ' איז מרמז צו די צווייטע בחינה וואס דער מענטש פילט נישט די ליכטיגקייט פון השי"ת און ער איז אין די בחינה פון ערד - 'ארץ'.

**וְגָמַר אוֹמֵר** און די פסוק ענדיגט, **'וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ'** און די ערד איז געוועזן וויסט און פוסט, **הַיְינוּ שֶׁהָיָה מִשְׁתּוֹמֵם עַל הַבֹּהוּ שֶׁבּוֹ**[יג] דאס מיינט ער האט זיך געוואונדערט אויף די פוסטקייט וואס איז דא

---

ז דאס מיינט אז די מעלה פון האבען א צובראכענע הארץ צוליב זיין דערווייטערט פון דביקות אין באשעפער איז חשוב ביים באשעפער אזוי ווי ווען ער איז אינגאנצן בדביקות.

ח אזוי שטייט אין עץ חיים (שער לב פ"א) אז די גאנצע דור המדבר וואס ווערן אנגערופען 'דור דעה' זענען אלע געוועזן א חלק פון די נשמה פון משה רבינו, און משה רבינו ווערט אנגערופען די בחינה 'דעת' פון גאנץ כלל ישראל ווייל ער האט קאנצעטרירט אין זיך אלע נשמות פון כלל ישראל.

ט און וויבאלד משה רבנו טוט אפשפיגלען די 'דעת' און שכל פון כלל ישראל איז ממילא אלעס וואס משה האט געטאהן און געזאגט האט עס א השפעה און ווערט א חלק פון גאנץ כלל ישראל אויף אייביג.

י מיט דעם איז דער בת עין מסביר די צירוף פון די ענד פון די תורה צו איר אנפאנג, ווייל די ווארט 'לב' ווערט צוטיילט, די 'ל' איז ביי ענד פון די תורה, און די 'ב' איז ביי די אנפאנג פון די תורה, ווייל דער באשעפער וויל אונז ווייזען אז אז אפילו א צובראכענע הארץ (ל-ב) איז א חלק פון די תורה.

יא דאס מיינט מיטן צוברעכן די לוחות האט משה האט געוויזען פאר די יודן אז א צובראכענע הארץ איז אויך חשוב ביים באשעפער.

יב אז 'בראשית' וועגן די יודען וואס האבן אין זיך די מידה פון יראה (וואס די יודען און מידת היראה ווערן אנגערופען 'בראשית') איז 'ברא אלהים' האט השי"ת באשאפען די וועלט.

יג רש"י זאגט אויפן פסוק תהו ובהו – 'תהו' איז א לשון פון 'תמה ושממון' וואונדער און פוסט, 'שאדם תוהה ומשתומם על בהו שבה' אז א מענטש וואונדערט זיך אויף די פוסטקייט וואס איז דא אין איר.

אין איר, **פֵּירוּשׁ - שֶׁנִּשְׁבָּר לִבּוֹ בְּקִרְבּוֹ עַל בְּחִינַת הַבֹּהוּ** פשט פון דאס איז: אז דער מענטש קוקט אויף זיך אליין און זיין הארץ ווערט צובראכען אין אים אויף זיין פוסטקייט, **הַיְינוּ עַל הֶעְדֵּר הָאוֹר הַדְּבֵיקוּת הַנַּ"ל** דאס מיינט אויף וואס ס'פעלט אים די ליכטיגקייט פון דביקות אין באשעפער ווי אויבענדערמאנט.

**אָז 'וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר'** דעמאלסט זאגט השי"ת אז פון די ערשטע ליכטיגקייט וואס עס שטייט 'ויאמר אלהים יהי אור' ווערט אויך באשאפען א צווייטע ליכטיגקייט און ס'איז 'ויהי אור', **פֵּירוּשׁ שֶׁנַּעֲשָׂה מִזֶּה הַבְּחִינָה גַּם כֵּן אוֹר גָּדוֹל** דאס מיינט אז פון די בחינה פון האבען א צובראכען הארץ פארן זיין דערוויטערט פון השי"ת איז אויך געווארן א גרויסע אור[יד].

**'וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד'**[טו], די פסוק זאגט 'ס'איז געווארן אווענט און ס'איז געווארן צופריה און ס'איז איין טאג', **פֵּירוּשׁ שֶׁשְּׁנֵי הַבְּחִינוֹת 'עֶרֶב וָבוֹקֶר'** פשט פון דאס איז: אז די ביידע בחינות וואס ווערן אנגערופען נאכט און טאג[טז], **נִתְחַבְּרוּ לִהְיוֹת אֶחָד בִּקְדוּשָּׁה גְּדוֹלָה** האבען זיך באהאפטען צו זיין איינס מיט גרויס קדושה, **עַל יְדֵי הַכְנָעַת לִבּוֹ וְגוֹדֶל עֲנָוָה** דורך זיין אונטערטעניגקייט און זיין ענוה.

**וְזֶהוּ שֶׁמְּרוּמָּז בְּתֵיבוֹת יוֹם לָיְלָה גִּימַטְרִיָּא עֲנָוָה** און דאס איז מרומז אין די ווערטער 'יום לילה' וואס איז גימטריא דיווארט 'ענוה', **שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת גּוֹדֶל עֲנָוָה נַעֲשָׂה מִן עֶרֶב - בּוֹקֶר** אז דורך די גרויסע ענוה וואס דער מענטש האט ווערט פון 'ערב' טונקעלקייט – 'בוקר' ליכטיגקייט, **וְנִכְלָל שְׂמָאלָא בִּימִינָא** (זח"א טז:)[יז] און ס'ווערט נכלל די בחינה פון 'שמאלא' אין 'ימינא', **וְנַעֲשָׂה יוֹם אֶחָד** און ס'ווערט איין טאג.

**יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

---

יד מיט דעם איז פארענטפערט די ערשטע קשיא פון בת עין פארוואס ס'שטייט דא צוויי מאל די ווארט 'אור' אינעם פסוק, די ערשטע מאל שטייט 'ויאמר אלהים יהי אור' דאס מיינט די ערשטע אור, די בחינה פון 'שמים', ווען דער מענטש פילט די ליכטיגקייט אין זיין הארץ, אבער דערנאך האט השי"ת געזאגט אז אפילו ווען דער מענטש פילט נישט די ליכטיגקייט און ער איז אין די בחינה פון 'ואת הארץ' איז נאך אלץ 'יהי אור' און ס'ווערט גערעכנט פאר ליכטיגקייט.

טו די פסוק זאגט ווייטער (פסוק ה') ויקרא אלהים לאור יום ולחושך קרא לילה ויהי ערב ויהי בקר יום אחד.

טז סיי די בחינה פון 'שמים' (ווי ערקלערט אין די פריערדיגע הערה) און סיי ווען דער מענטש איז אין די בחינה פון 'והארץ'.

יז דאס מיינט אז די שוואכערע בחינה ווערט נתעלה און חשוב אזוי ווי די העכערע בחינה וואס הייסט 'ימינא' -בוקר. אין זוהר דארט ווערט נתבאר אז חסד ווערט אנגערופען 'ימינא', און גבורה ווערט אנגערופען 'שמאלא' און די ערשטע בחינה ווען דער מענטש איז אין די בחינה פון 'בוקר' ווערט ער אנגערופען 'ימינא', און ווען דער מענטש איז די בחינה פון 'ערב' דעמאלסט ווערט ער אנגערופען אין די בחינה פון 'שמאלא', אבער ווען דער מענטש פילט זיין צובראכענקייט אויף זיין שוואכע מדריגה אין דביקות איז זיך מצרף די צוויי בחינות, און דעמאלסט ווערט די 'שמאלא' די בחינה פון 'ערב' נכלל אין די בחינה פון 'ימינא' וואס הייסט 'בוקר'.

כך כותב הבית יוסף הלכות ראש השנה, **נודרין לעילוי נשמת הצדיקים כי הם ממליצים על צאצאיהם**, דער בת עין האט נישט איבערגלאזט קיין קינדער אבער מיט אייער שטיצע קויפט איר אייך אים איין אלץ א מליץ יושר פאר די הייליגע טעג.
**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com

נתנדב לע"נ
**הרה"ק מריבניץ**
רבינו **חיים זאנוויל** ב"ר **משה** זי"ע
זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן

זכות הפצת גליון זה הוא לזכות
**חיים אברהם** בן **רבקה** לזה"ב
ברכה והצלחה בתורה ויראת שמים ובכל העניינים
אריכות ימים ושנים מתוך בריות גופא ונהורא מעליא




אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע היניזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

בראשית תשפ"ו

גליון 437

## אמרות שמשון

### פארבינדונג פון ענדע תורה צו אנפאנג תורה

**בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ** (א, א). מען קען ערקלערן די פארבינדונג פון ענדע תורה (וזאת הברכה) צו אנפאנג תורה (בראשית). לויט ווי עס שטייט אין גמרא (שבת ל:) אויפן פסוק אין קהלת (יב, יג) **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**, דרש'נט די גמרא, 'כי זה כל האדם' - שקול זה כנגד כל העולם כולו. דער מענטש וואס פארמאגט יראת שמים איז ווערד און חשוב אזוי ווי די גאנצע וועלט.

**אויך** זאגט די גמרא (שם), 'כי זה כל האדם' - כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל זה. די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן בלויז פאר דער מענטש.

**מיר** געפינען אז משה רבינו האט דערגרייכט די העכסטע מדריגה פון יראת שמים, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (ברכות לג:), יראת שמים איז געווען א קליינע זאך פאר משה רבינו. וויבאלד ער האט דאס שוין פולשטענדיג דערגרייכט מיטן תכלית השלימות.

**מיט** דעם קען מען ערקלערן דאס וואס די תורה ענדיגט אין פרשת וזאת הברכה (לד, יב), **וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל**. 'מורא הגדול' גייט ארויף אויף די גרויסע מדריגה פון יראת שמים וואס משה רבינו האט פארמאגט, וואס דאס איז 'שקול' מער ווי די גאנצע וועלט און גאנץ כלל ישראל (לעיני כל ישראל).

**דעריבער** פאנגט די תורה אן, און איז ממשיך מיט די ווערטער **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ** אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן נאר אין זכות פון משה רבינו מיט זיין יראת שמים. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די אויבנדערמאנטע גמרא, 'כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל זה'. און אזוי אויך טרעפט מען אין חז"ל (בראשית רבה, א, ד), 'בראשית, בשביל משה שנקרא ראשית' אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים לג, כא) **וַיַּרְא רֵאשִׁית לוֹ**. ('זרע שמשון' פרשת וזאת הברכה אות י' ד"ה אי נמי)

### די וועלט קען נאר שטיין צוזאמען מיט מדת החסד

**בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים** (א, א). עס שטייט אין חז"ל (בראשית רבה, יד), אז אין אנהייב האט דער אויבערשטער געוואלט באשאפן די וועלט מיט 'מדת הדין', שפעטער האט דער אויבערשטער געזען אז די וועלט וועט זיך נישט קענען האלטן אויב עס איז נאר מיט מדת הדין, האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט צוזאמען מיט 'מדת הרחמים'.

**מען** קען ערקלערן א טעם פארוואס די וועלט קען זיך נישט האלטן בלויז מיט מדת הדין, לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (עיין סוטה יד.) אויפן פסוק (דברים כח, ט) **וְהָלַכְתָּ בִּדְרָכָיו**, א מענטש דארף זיך פירן מיט די מדות פונעם אויבערשטן.

**אויב** דער אויבערשטער וואלט באשאפן די וועלט און זיך געפירט בלויז מיט 'מדת הדין', וואלטן זיך די מענטשן אויך געפירט מיט מדת הדין און נישט מיט רחמים. און אפילו אויב יעדער וואלט זיך אפגעהיטן פון עבירות 'בין אדם למקום', וואלט אבער געווען קנאה און שנאה און קיינער וואלט נישט געטון קיין חסד מיט אנדערע, און אזוי קען זיך די וועלט נישט האלטן, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (אבות פ"א מ"ב) 'על שלשה דברים העולם עומד וכו' ועל גמילות חסדים'. דעריבער האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט צוזאמען מיט מדת הרחמים והחסד. ('זרע שמשון' פרשת בראשית אות ט' ד"ה וי"ל שהרי)

לומדים
זרע שמשון



ניתן לתרום
מעות יזכור
לזכר נשמת רבינו
הזרע שמשון

02-80-80-500
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

### די ערד ווערט באשטראפט צוזאמען מיט אדם הראשון

**וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע עֵץ פְּרִי עֹשֶׂה פְּרִי לְמִינוֹ וגו'** (א, יא). עס שטייט אין חז"ל (הובא ברש"י ד"ה עץ פרי) אז דער אויבערשטער האט באפוילן די ערד זאל ארויסגעבןביימער וואס די ביימער זאלן האבן די זעלבע טעם אזוי ווי די פרוכט. אבער די ערד האט נישט געפאלגט, דעריבער ווען אדם הראשון איז באשטראפט געווארן אויפן חטא עץ הדעת, איז די ערד אויך באשטראפט געווארן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ג, יז) **אֲרוּרָה הָאֲדָמָה** וגו'.

**מען** קען ערקלערן פארוואס די ערד איז באשטראפט געווארן צוזאמען מיט אדם הראשון, לויט ווי עס שטייט אין מפרשים, אז

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
הרבני החשוב משרידי דור ישן עשה צדקה וחסד בכל לבו ומאודו
הרה"ח רבי חיים אלעזר בן הרה"ח רבי נתן נטע ווייס ז"ל
נלב"ע ל' תשרי א' דר"ח חשון תשע"ג
ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנו הרה"ח רבי זלמן לייב ווייס שיחי'

הצלחה וברכה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוגתו
מרים סאבל בת אסתר
בנו החתן שמעון יחזקאל ובניו ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לכל הברכות של המחבר זי"ע בקרוב ובניקל

לזכות ולברכה
להצלחת השותפים התורמים ומשפחותיהם החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי חיי אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

ישועה וברכה בקרוב
דניאל אורי בן רג'ינה מלכה
שיזכה לעשירות שפע ברכה והצלחה בכל העניינים ובשורות טובות בקרוב ממש

הצלחה וברכה
ברוך צבי ניסים בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו ויהיה ברכה ושפע רב בקרוב ממש מתוך מנוחת הגוף והנפש וימצא חן בעיני כולם

ברכה והצלחה
רפאל בן סופיה וזוגתו נטלי בת אליסיה
לברכה והצלחה בכל העניינים

שפע וברכה
שאול בן רחל
לרוב ברכה והצלחה ולשפע בלי גבול

נייע נומערן
קול זרע שמשון
אויף אידיש דריק 2
ארץ ישראל
02-80-80-400
ארה"ב
605-313-9610
לונדון
333-070-6534
• שיעורים • סיפורי ישועה • זרע שמשון • נייעס •
שמעו ותחי נפשכם
פאַר דירעקט אַקסעס צו אַלע דרשות וואָס זענען דערהייַנטיקט טעגלעך:
לשה"ק: 1-4 אידיש: 2-5
אנגלית: 3-1
פאַסאַנייטינג ינטערוויוז
1-1-5

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

צוליב דעם וואס די ערד האט נישט געפאלגט דעם אויבערשטן, דעריבער ווען אדם הראשון איז באשאפן געווארן פון ערד איז ער באשאפן געווארן מיט א געוויסע פארגרעבקייט, וואס האט שפעטער צוגעברענגט ער זאל זינדיגן מיטן עץ הדעת. דאקעגן אויב וואלט די ערד נישט געזינדיגט וואלט אדם הראשון נישט נכשל געווארן מיט די עבירה.

**מיט** דעם פארשטייט מען פארוואס די ערד איז באשטראפט געווארן צוזאמען מיט אדם הראשון, וויבאלד צוליב די חטא פון אדם הראשון האט מען געזען די גרויסע פגם וואס האט פאסירט פון דעם וואס די ערד האט נישט געפאלגט דעם אויבערשטן (וואס דאס האט גורם געווען אדם הראשון זאל זינדיגן).

**דאס** איז מרומז אינעם פסוק (שם) **אֲרוּרָה הָאֲדָמָה בַּעֲבוּרֶךָ**, דורך דיר - אדם הראשון - וואס דו האסט געזינדיגט, איז דערקענט געווארן די גרויסע פגם פון די ערד וואס האט נישט געפאלגט דעם אויבערשטן, דערפאר ווערט זי יעצט באשטראפט. (זרע שמשון פרשת בראשית אות ט"ו ד"ה ובתירוץ)

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

**עס פארציילט הרב מ. ט. ג. הי"ו פון ירושלים:**

## די פונקטליכע סומע אין די פונקטליכע צייט

**דעם** פארלאפענעם זוממער איז מיר געווען זייער א שווערע זוממער אין פרנסה, עס איז מיר אונטערגעקומען פארשידענע הוצאות, מיט וואס איך האב זיך געדארפט ספראווען גענצליך אומגערעכטן, און דאס האט מיר אומוועלנדיג אריינגעדרייט אין פארשידענע הלוואות און חובות, ווערנדיג דערשטיקט פון אלע זייטן.

**היות** איך בין א אחריות'דיגער מענטש, האב איך גענומען די פולסטע פאראנטווארטליכקייט אויף מיינע חובות וואס איך האב געדארפט צוריקצאלן, און איך האב געטון פארשידענע פעולות צו קענען באצאלן מיינע חובות ווי אמשנעלסטן.

**דעריבער** האב איך אויך געוואלט טון עפעס א רוחניות'דיגע השתדלות וואס זאל מיר צוגעבן זכותים, אז איך זאל בס"ד קענען ארויסקריכן פון מיין שווערע לאגע.

**דעריבער** האב איך זיך אונטערגענומען צו לערנען יעדן טאג דער ספר 'זרע שמשון', וואס איז מסוגל פאר ישועות, אזוי ווי דער מחבר זאגט צו אין די הקדמה פונעם ספר. און ווען ווילנדיג פארשטערקערן מיינע זכותים האב איך צוגעזאגט א שיינע סכום כדי צו פארשפרייטן תורת הזרע שמשון, כדי די זכות זאל מיר בייסטיין פאר א ישועה.

**איך** האב זיך דעמאלטס געזעצט מאכן סדר מיט די געלט, מאכנדיג א פונקטליכע חשבון וויפיל געלט איך דארף באצאלן, און וויפיל עס פעלט פון די חודש'ליכע הוצאות, און דאס געלייגט אין א זייט, ווארטנדיג אויף די ישועת ה'.

**צוויי** טעג שפעטער, נאך איידער איך האב געהאט די געלעגנהייט צו אריבערפירן די געלט פאר 'מכון זרע שמשון', האט מען מיר אנגעטראגן זייער א שיינע פאסטן, וואס איז פארבינדן מיט הרבצת התורה, צוזאמען מיט א שיינע מתן שכרה בצדה. טראץ וואס איך האב געדארפט האבן אסאך מער פון דעם כדי זיך צו קענען שטעלן געזונטערהייט אויף די פוס, עס איז געווען אבער א גוטע אנהייב.

**עטליכע** טעג שפעטער בין איך אנגעקומען צו אריבער פירן די געלט וואס איך האב צוגעזאגט פאר 'מכון זרע שמשון', און געבעטן דעם באשעפער ער זאל מיר צוהעלפן אז די זכות זאל מיר ביישטיין צו געהאלפן ווערן, אויף א גרינגע און לייכטע אופן.

**יענעם** טאג - נאכדעם וואס איך האב אריבערגעפירט די געלט - באקום איך א אומגעריכטע טעלעפאן קאל פון א אלטע ידיד פון אמעריקע, וועמען איך האב שוין נישט גערעדט א לאנגע צייט, און ער פארציילט מיר אז ער האט לעצטנס זוכה געווען צו גאר א גרויסע ישועה, און אלץ שבח והודי' צום באשעפער האט ער באשלאסן אז ער וויל געבן א גרויסע סומע געלט פאר א איד אין ארץ ישראל וואס זיצט און לערנט, און ער וויל אים מהנה זיין אויף א שיינע פארנעם.

**פארציילט** דער אמעריקאנער איד, ווען איך האב געטראכט פאר וועמען איך קען געבן די געלט אין ארץ ישראל, איז מיר פונקט ארויף געקומען דיין נאמען, וואוסנדיג און דו קענסט נוצן אביסל איבעריגע געלט, דעריבער האב איך באשלאסן אז איך וועל דיר שענקען די געלט.

**ווען** דער איד האט מיר געזאגט די סומע וואס ער וויל מיר געבן, בין איך ממש אויפגעשפרינגען פון ארט, דאס איז געווען פונקטליך די סומע וואס איך האב זיך געהאט פארשריבן עטליכע טעג צוריק, וואס איך דארף האבן כדי צו קענען דעקן די לעכער פון די חובות!

**הרב ג. פארענדיגט זיינע ווערטער:** איך האב געזען ממש בחוש, ווי דער הייליגער זרע שמשון האט מיר אונטערגעשיקט, די פונקטליכע סומע וואס איך האב געדארפט האבן, און האט עס געשיקט פונקט אין די ריכטיגע צייט, ווען איך האב באצאלט די סכום וואס איך האב צוגעזאגט להפצת תורת הזרע שמשון. זי"ע.


ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

האיגוד העולמי להפצת תורת
זרע שמשון
מתוך הבטחת רבינו המחבר: ועיניהם תלוינה בניס בני בנים כשתילי זיתים סביב לשלחנכם, חכמים ונבונים, וכתוב תחלות כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם.
זרע שמשון ע"ר 580624120

גנעקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

אויף אידיש

פרשת בראשית
תשפ"ו
גליון קס"ד
שנה ה'

## די עופות וואס זענען געבליבן נאכ'ן מבול האבן באקומען א ברכה זיך צו פארמערן

וַיְבָרֶךְ אוֹתָם אֱלֹקִים לֵאמֹר פְּרוּ וּרְבוּ וּמִלְאוּ אֶת הַמַּיִם בַּיַּמִּים וְהָעוֹף יִרֶב בָּאָרֶץ. (א, כא-כב)

פרוואס שטייט ביי די עופות "**והעוף ירב בארץ**" בלשון עתיד, און נישט "**פרו ורבו**" בלשון הוה אזוי ביי די פיש?

קען מען זאגן, ווייל דער אויבערשטער האט שוין געזען אז ביי די מבול גייען די עופות ווערן אפגעמעקט און נאר די וואס האבן זיך געהאלטן מיט זייער מין וועלן בלייבן, וועגן דעם האט ער זיי נישט געגעבן יעצט א ברכה "פרו ורבו", ווייל פאר די עופות וואס גייען זינדיגן קומט זיך דאך נישט די ברכה, נאר די וואס וועלן בלייבן נאכ'ן מבול וועלן האבן א ברכה זיך צו פארמערן.

וועגן דעם שטייט ביי די עופות "**והעוף ירב בארץ**" בלשון עתיד, אז נאר **נאכ'ן מבול** זאלן זיי זיך פארמערן, אנדערש ווי די פיש וואס האבן נישט געזינדיגט, אזוי ווי רש"י זאגט אין פרשת נח (להלן ז, כב) אז זיי זענען נישט אפגעמעקט געווארן ביים מבול, און זיי האבן געקענט באקומען א געהעריגע ברכה זיך צו פארמערן.

## אפילו רוב עופות זענען טהור קען מען זען לויט'ן וועג וויאזוי ער עסט אז דער עוף איז נישט טהור

וְהָעוֹף יִרֶב בָּאָרֶץ. (א, כב)

אין די מסורה ווערט געברענגט דריי מאל וואס עס שטייט "והעוף"; איינמאל דא, "**והעוף ירב בארץ**", די צווייטע איז אין פרשת וישב (בראשית מ, יז) "**והעוף**" **אוכל אותם מן הסל**, און די דריטע איז אין פרשת שמיני (ויקרא יא, מו) **זאת תורת הבהמה "והעוף"**.

קען מען מסביר זיין די שייכות פון די פסוקים, לויט ווי די גמרא זאגט (חולין סג:) אז די טהור'ע מיני עופות זענען מער ווי די טמא'נע, קומט דאך אויב אזוי אויס, אז נארמאל דארף יעדער עוף זיין בחזקת טהור ווייל מען גייט דאך נאך רוב און רוב עופות זענען טהור. פונדעסטוועגן אבער געבן חז"ל א סימן צו דערקענען וועלכע מין עוף איז טמא, אזוי ווי די גמרא זאגט (חולין נט.) אז אן עוף וואס איז דורס ואוכל איז א סימן טומאה, ממילא אן עוף וואס האט דעם סימן איז טמא, און מען וועט נישט גיין נאך רוב.

דאס איז די רמז פון די מסורה: "**והעוף ירב בארץ**" קוק וועלכע מין עוף איז די **רוב** - די טהור'ע זענען דאך מער ווי די טמא'נע, איז אויב אזוי וואלט מען בסתמא געדארפט זאגן אז אלע עופות זענען טהור ווייל מען גייט דאך נאך רוב, פונדעסטוועגן אבער "**והעוף אוכל אותם**" פון די וועג וויאזוי דער עוף עסט זיין שפייז האסטו א סימן אויף "**זאת תורת הבהמה והעוף**" צו וויסן דעם דין מיט'ן עוף, ווייל אויב ער איז דורס ואוכל איז א סימן אז ער איז נישט קיין טהור'ע מין.

## דער תכלית פון די יצירה פונעם מענטש בעוה"ז איז וועגן די יצירה לעולם הבא

וַיִּיצֶר ה' אֱלֹקִים אֶת הָאָדָם עָפָר מִן הָאֲדָמָה... (ב, ז)

אין מדרש תנחומא (תזריע א) שטייט, אז דער פסוק "אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי", גייט ארויף אויף אדם הראשון. זאגט רבי יוחנן, ביי די יצירה פון אדם הראשון שטייט "**וייצר**" מיט צוויי יוד'ן, ווייל ער האט געהאט איין יצירה בעולם הזה און איין יצירה לעוה"ב, משא"כ ביי די בהמות חיות און עופות שטייט (להלן פסוק יט) "וַיִּצֶר ה' אֱלֹקִים מִן הָאֲדָמָה כָּל חַיַּת הַשָּׂדֶה וְאֵת כָּל עוֹף הַשָּׁמַיִם" נאר מיט איין י'. ווייל די בהמות חיות ועופות האבן נישט קיין חלק לעולם הבא (הובא ברש"י כאן).

דארף מען פארשטיין, וואס האט די המשך פון רבי יוחנן א שייכות מיט'ן פסוק וואס דער מדרש הייבט אן "אחור וקדם צרתני" אז דאס גייט ארויף אויף אדם הראשון?

קען מען זאגן, לויט ווי די גמרא זאגט (מנחות כט:) אז די עוה"ז האט דער אויבערשטער באשאפן מיט'ן אות ה' און דעם עוה"ב מיט'ן אות י'. איז מיט דעם פארשטייט מען זייער גוט פארוואס עס שטייט ביי דעם מענטש נאך א י', צו ווייזן אז ער האט נאך א יצירה **לעולם הבא** וואס איז באשאפן געווארן מיט'ן אות י'.

און וועגן דעם זאגט דער מדרש "זהו שאמר הכתוב אחור וקדם צרתני", ווייל דער עיקר תכלית פון עוה"ז איז דאך זיך צוצוגרייטן צו חיי עוה"ב, אזוי ווי די משנה זאגט (אבות ד, כא) "העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העוה"ב התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין", וועגן דעם האט מען צוגעלייגט דייקא די אות י' וואס איז רומז לעוה"ב, ווייל דאס איז דער עיקר תכלית פון עוה"ז - זיך צוצוגרייטן צו חיי עוה"ב.

דאס זאגט דער מדרש, זהו שאמר הכתוב "**אחור**" - אז וועגן די **שפעטערע** זאך - עוה"ב - "**וקדם צרתני**" - האט דער אויבערשטער קודם באשאפן דעם מענטש בעוה"ז, כדי ער זאל דא איינקויפן חיי עוה"ב, און וועגן דעם

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי' לו המחבר למליץ
אם יהי' לו זכות




איר קענט שיקן קוויטלעך
צום ציון הק'
להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד
הר"ר **שלום מאיר הכהן רובין** הי"ו
לרגל הכנסת בנו כמר **משה חיים** נ"י
לעול התורה והמצוות

זכות הפצת תורת הגה"ק מפלאצק זי"ע
יעמוד בעדו לראות ולרוות רב תענוג
ונחת דקדושה מכל יוצ"ח
מתוך שמחה והרחבת הדעת

טאקע שטייט **"וייצר"** מיט נאך א י', ווייל דער עיקר תכלית איז די חיי עוה"ב וואס איז באשאפן געווארן מיט'ן אות י'.

**'מלא העומר' - תחילת פרשת תזריע**

## נאר דער אויבערשטער אליין קען ארײנלייגן א רוח חיים אין א זאך וואס רירט זיך אן מיט די ערד

**וַיִּיצֶר ה' אֱלֹקִים אֶת הָאָדָם עָפָר מִן הָאֲדָמָה וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים...** (ב, ז)

פארוואס איז דער פסוק מאריך, אז דער אויבערשטער האט באשאפן דעם מענטש פון עפר - אז דאס איז געקומען **"מן האדמה"**?

קען מען זאגן, ווייל אין זוה"ק שטייט (ח"ב קצב.) אז ווען די אידן האבן געברענגט די גאלד פאר דעם עגל שטייט אין פסוק "ויקח מידם" אז אהרן הכהן האט גענומען די גאלד פון זייער הענט, זאגט דער זוה"ק, אז אויב אהרן וואלט זיי ווען געהייסן לייגן די גאלד אויף דער ערד וואלט נישט געקענט ארײנגיין א רוח חיים אינעם עגל הזהב, נאר ווייל אהרן איז נישט נזהר געווען און ער האט גענומען די גאלד פון **זייער הענט** האט ליידער מעשה שטן מצליח געווען און עס איז ארײן אינעם עגל א רוח חיים.

זעט מען פון דעם, אז ארײנצולייגן א רוח חיים אין א דומם קען נאר געשען אויב מען געבט דאס איבער פון האנט צו האנט און עס רירט נישט אן די ערד. און מיט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק "עצביהם כסף וזהב - מעשה ידי אדם" אז די גוים וואס ווילן ארײנברענגען א רוח הטומאה אויף די פאלשע אפגעטער מוזן זיך באווארענען אז דאס זאל זיין "מעשה ידי אדם", און נישט לייגן די גאלד און זילבער אויף דער ערד ווייל דעמאלטס קען נישט ארײנגיין קיין רוח החיים אין דעם.

וועגן דעם דרוקט דא די תורה אויס, אז להבדיל אלף אלפי הבדלות די יצירה פונעם אויבערשטן איז געווען **וייצר ה' אלקים את האדם עפר "מן האדמה"** דייקא, און אפילו אזוי **"ויפח באפיו נשמת חיים"**, וואס קיין שום נברא שבעולם קען נישט באווייזן ארײנצולייגן א רוח החיים אין א זאך וואס רירט זיך אן מיט די ערד, נאר דער אויבערשטער אליין קען דאס טון.

**הגדה 'ברכת השיר' - פיסקא 'עצביהם כסף וזהב**

## אפילו פאר מתן תורה האט דער אויבערשטער געגעבן פאר יעדן איינעם א כח בוחר צו זיין זיך צו שלאגן מיט'ן יצר הרע

**וַיִּקְחוּ לָהֶם נָשִׁים מִכֹּל אֲשֶׁר בָּחָרוּ.** (ו, ב)

דער אויבערשטער זאגט (פרשת נח ח, כא) "כי יצר לב האדם רע מנעוריו", אז א מענטש האט א ביטער שווערע יצר הרע, און די איינציגע געווער קעגן דעם יצר הרע איז די תורה הקדושה, ווי די גמרא זאגט (קידושין ל:) אז דער אויבערשטער זאגט "בראתי יצה"ר בראתי תורה תבלין", און ווער עס איז עוסק בתורה ווערט נישט איבערגעגעבן אין די הענט פונעם יצר הרע.

קומט דאך אויס, אז אין די ערשטע דורות פאר מתן תורה, ווען מען האט נאכנישט געהאט די תורה מנצח צו זיין דעם שווערן יצר הרע האבן זיי געקענט האבן א טענה אז זיי האבן נישט געהאט בכלל קיין יכולת בייצוקומען דעם יצר הרע, איז אויב אזוי פארוואס איז זיך זיי געקומען אזא עונש פאר'ן זינדיגן?

נאר דער אמת איז, אז אפילו דער אויבערשטער האט טאקע געמאכט א שווערע יצר הרע, האט ער מיט דעם אלעם איבערגעלאזט ביי יעדע מענטש די בחירה זיך צו שלאגן מיט'ן יצר הרע און בוחר זיין אים בייצוקומען, און הגם אז דער יצר הרע איז באמת ביטער שווער האט אבער יעדער מענטש א כח בוחר צו זיין בדרך הטוב און אים מנצח זיין.

וועגן דעם זאגט דא דער פסוק **"ויקחו להם נשים - מכל אשר בחרו"**, אז אפילו עס איז געווען נאך פאר מתן תורה ווען זיי האבן נאכנישט געהאט די כח התורה בייצוקומען די יצר הרע, מיט דעם אלעם איז נאך געבליבן ביי זיי אין האנט די בחירה בוחר זיך צו מתגבר זיין, און דאס וואס זיי האבן געזינדיגט איז געווען **"מכל אשר בחרו"** פון זייער פרייוויליגע **בחירה**, ווייל דער אויבערשטער האט נאך איבערגעלאזט ביי זיי די בחירה און זיי האבן געהאט דעם כח בייצוקומען דעם יצר הרע.

**'מלא העומר' - פרשת וירא יח, כ**

מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868

שנה ו' - גליון רנ"ד

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

א אוצר פון דברי תורה און
דערציילונגען פון צדיקים

# גליון עוללות הכרם

פרשת בראשית

## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער ווייננאָרטען

### בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים

### מען קען אלעמאל אָנפאַנגן פון פריש

א איד דארף אלעמאל וויסן און גלייבן אז עס איז קיינמאל נישט צו שפעט פאר איהם תשובה צו טוהן, און ער קען נאך אלעמאָל אנפאנגן צו דינען דעם אייבישטער פון דאָסניי. און דעריבער הייבט מען אָן צו ליינען יעצט פרשת בראשית, צו מרמז זיין און ווייזן דערמיט פאר א איד, אז אפילו עס זענען שוין אדורך די טעג פון אלול, ראש השנה, יום כיפור, סוכות, שמיני עצרת, און שמחת תורה, און דער איד מאכט זיך א חשבון הנפש "וואו בין איך, וואו האלט איך אויף די וועלט" איך האב נאכנישט תשובה געטוהן, און איך בין געבליבן שטיין ח"ו אינדרויסען און דערווייטערט פון השי"ת. **דערפאר זאגט מען איהם "בראשית" וואס דאס איז טייטש פון 'אָנפאַנג' אז מען קען אלעמאל אנפאנגן פון פריש, אפילו יעצט ווען די הייליגע טעג זענען שוין אדורך.** ווייל יעדער איד האט אין זיך א 'חֵלֶק אֱלוֹקַי מִמַּעַל' ד.מ. אז דער אייבישטער רוהט אין איהם, און ער האט אין זיך א חלק פון הקב"ה אין זיין נשמה, און ממילא קען ער אלעמאל תשובה טוהן און אנהייבן מיט א התחדשות און באנייטע כוחות, מיט'ן הילף פון השי"ת.

(ספה"ק ישמח ישראל אות א')

### בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים

### א איד האט קיינמאל נישט געענדיגט

מרן דער **ישמח ישראל זי"ע** טייטשט בדרך רמז אין דעם ווארט 'בראשית', אז א איד זאל שטענדיג טראכטן אז ער האלט נאך אין 'אָנפאַנג'. ווייל ווען מען טוט מצוות און מעשים טובים דארף מען זיין געהיטן אז מען זאל חלילה נישט צוקומען צו 'גאוה' און זיין צופרידן פון זיך אז מ'איז שוין א צדיק און מ'טוט שוין גענוג. פארקערט, א איד דארף זיך אלעמאל האלטן קליין און וויסן אז ער האלט נאך ביי 'בראשית' און ער האט נאך א לאנגע וועג צו גיין ביז ער וועט אנקומען צום שלימות.

(ספה"ק ישמח ישראל אות א')

### בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים

### דאס הארץ איז ריין

עס ווערט געברענגט אין **ספרים הקדושים** אז די סוף פון די תורה און די אנהייב פון די תורה האבן א שייכות צוזאמען, ד.מ. די לעצטע ווערטער פון פרשת וזאת הברכה, און די ערשטע ווערטער פון ספר בראשית זענען פארבינדן און האבן א קשר און א שייכות איינע צו די אנדערע. און אזוי ווי מיר פירן זיך טאקע שמחת תורה אז באלד נאכ'ן ענדיגן ליינען וזאת הברכה, הייבט מען אָן תיכף אויך צו ליינען בראשית, כדי צו מאכן נאנט די סוף פון די תורה צו די אנהייב.

מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** (יארצייט כ"ט תשרי) טייטשט בדרך רמז, אז פרשת וזאת הברכה ענדיגט זיך מיט'ן אות 'למד' - פון לעיני כל ישראל, און די ערשטע אות פון בראשית איז א 'בית', וואס צוזאמען איז דאס די אותיות 'לב' וואס באדייט א הארץ. און דער תפארת שמואל איז מסביר דעם רמז אז ס'קומט צו געבן חיזוק און שטארקייט פאר א איד ווען ער קומט זיך זעצן לערנען און אנהייבן די הייליגע תורה -אזוי ווי מיר טוען יעצט אין די טעג פון בראשית, מיר פאנגן אָן צוריק די הייליגע תורה- דעמאלטס קומט צו איהם דער יצר הרע פיל מיט טענות און ער וויל איהם שטערן פון לערנען און פון דינען דעם אייבישטער, און דער יצה"ר זאגט איהם, ווער ביסטו צו לערנען דעם אייבישטער'ס תורה, דו ביסט דאָך פיל מיט עבירות און דו ביסט אזוי ווייט פונעם באשעפער, ווי אזוי קומט אזא פראסטע איד ווי דיר צו לערנען די הייליגע תורה? און מיט דעם וויל דער יצה"ר צוברעכן זיין הארץ אז ער זאל נישט וועלן לערנען און דאווענען און דינען דעם אייבישטער.

און דאס קומט די תורה הק' מרמז זיין, אז א איד דארף זיך שטארקן, און וויסן און גלייבן אז אפילו אויב ער האט ח"ו געזינדיגט און געטוהן עבירות, דאָך אבער אינעווייניג טיף אין זיין 'הארץ' איז ער געבליבן אינגאנצן ריין, ווייל יעדער איד האט אין זיך א 'נקודה פנימית' - דאס פינטעלע איד וואס וויל אלעמאל זיין געטריי צום אייבישטער און ער וויל נישט טוהן קיין עבירות. און מיט דעם כוח קען א איד שטענדיג אנפאנגן די תורה און יא לערנען אין דאווענען, ווייל זיין הארץ איז שטענדיג ריין צום אייבישטער. און דאס איז דער רמז פון די אותיות "לב ראשית" (ל' פון לעיני כל ישראל, און די ב' פון ב'ראשית, און די איבריגע אותיות ראשית) אז מיט'ן כוח פון א ריינע אידיש הארץ, מיט דעם קענען מיר אנפאנגן די הייליגע תורה.

(ספה"ק תפארת שמואל א')

## ענבי הכרם



### איי, די געפיל נאכן זינדיגן

א דבר נפלא זאגט אונז דער **כלי יקר** וואס מיר לערנען אין אונזער פרשה פונעם חטא עץ הדעת. ביי יעדע עבירה וואס א מענטש איז עוֹבֵר ח"ו, קומט פאָר א וויכוח ביי איהם צווישן דער יצר טוב און דער יצר הרע, דער יצר טוב בעט פון איהם אז ער זאל נישט טוהן די עבירה און ער זאט איהם צו גוטע שְׂכַר אויף יענער וועלט, דערוויל קומט אבער דער יצר הרע און ער רעדט צו דער מענטש יא צו זינדיגן, ווייל ער ווייזט איהם ווי געשמאק די עבירה איז אויף דער וועלט, און דער מענטש לאזט זיך שנעלער פאַרנאַרן מיט א זיסע הנאה אויף דער וועלט, ווי איידער א שכר וואס געפונט זיך נאר אין עולם הבא און ער האט דאס נאך קיינמאל נישט געזען אדער געפילט. און דאס זאגט די תורה די סיבה פארוואס "וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה" עס איז געפעלן פאר חוה די טענה פונעם נחש, איז וויבאלד "כִּי טוֹב הָעֵץ לְמַאֲכָל וְכִי תַאֲוָה הוּא לָעֵינַיִם" פאר די פליישיגע אויגן פונעם מענטש זעהט אויס די עבירה אסאך זיסער רח"ל.

נאך מער פון דעם זאגט דער **בית הלוי**, ביז די חטא עץ הדעת האט דער יצר הרע נאר געקענט צורעדן א מענטש צו אן עבירה אזויווי ס'שטייט און גייט, די עבירה האט געהאט אירע אמת'דיגע פאַרבן און דער מענטש האט געוואוסט וואס ער גייט טוהן. אבער דא האט דער יצר הרע באקומען א נייע כוח, ער קען 'אויפבלאזן' די געשמאק און די תאוה צו די עבירה, אז דער מענטש זאל זיך איינרעדן אז עס וועט זיין אויסערגעווענליך זיס און געשמאק, עס זאל ברענען אין איהם א תשוקה צו טוהן די עבירה ווייל ער מיינט נעבעך אז ס'וועט זיין ווער ווייסט ווי גוט... אבער אין די מינוט נאכן עובר זיין די עבירה באקומט מען צוריק דעם ניכטערן בליק און מ'זעהט אז ס'איז אלעס נאר געווען א דמיון, ס'איז גארנישט אזוי זיס ווי מ'האט געמיינט. דאס האט חוה געזאגט "הַנָּחָשׁ הִשִּׁיאַנִי וָאֹכֵל" אויף וואס דער **תרגום** זאגט "חוויא אטעייני" דער שלאנג האט מיר איינגערעדט א ליגענט ער האט געמאכט אז כ'זאל א טעות האבן פון פאראויס אין די עבירה כאילו ס'גייט עפעס זיין גאר געשמאק.

מיט דעם איז דער בית הלוי מסביר די באקאנטע ווערטער פון חז"ל (סוכה נ"ב.) לעתיד לבוא מביא הקב"ה ליצר הרע ושוחטו וכו' לצדיקים נדמה להם כהר ולרשעים נדמה להם כחוט השערה... ווען משיח וועט קומען וועט זיך דאכטן פאר די צדיקים אז דער יצר הרע איז געווען א גרויסע בארג, און די רשעים וועט זיך דאכטן אז ס'איז געווען נישט מער ווי א דינע בענדל... נו ווער פון זיי האט א טעות, לכאורה קען דאך נישט זיין ביידע אמת. נאר וואס דען, דער רשע האלט שוין נאכ'ן דורכפאלן און זינדיגן, ער ווייסט שוין דעם אמת אז די גאנצע עבירה איז נישט מער ווי א דינע בענדל וואס דער יצר הרע האט סך הכל 'אויפגעבלאזן' פון פריער כאילו ס'איז אזוי גוט. אבער דער צדיק דער האט דאך איינגענומען דעם יצר הרע נאך פארן עובר זיין די עבירה, ער מיינט נאך אז ס'איז א ריזיגע גרויסע זאך אזוויי ס'קוקט טאקע אויס ביים מענטש פארן זינדיגן.

# פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

### וְעָפָר תֹּאכַל כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ

מיר געפונען די קללה פונעם נחש אז זיין שפייז וועט אלעמאל זיין ערד, ווי די גמרא זאגט (יומא ע"ה.) אז וואו דער שלאנג געפונט זיך נאר האט ער שטענדיג צו עסן, סיי אויף דער ערד און סיי אויף א הויכע דאַך, אלעמאל וועט ער עסן די שטויב און די זאמד. **דער אלטער רבי פון ווארקא - הרה"ק רבי יצחק זי"ע** פרעגט, אויב אזוי וואס פאר א עונש איז דאס, אדרבה ס'איז גאר א ברכה, דער שלאנג האט אייביג צו עסן וואו ער שטייט און וואו ער גייט און ער ווערט קיינמאל נישט הונגעריג.

ערקלערט דער ווארקער רבי זי"ע אז די קללה איז, ווייל דער אייבישטער האט פארוואָרפן דעם שלאנג אז ער זאל מער נישט זוכה זיין זיך צו באהעפטן צו השי"ת, ער האט פארלוירן די מתנה פון קענען רעדן און בעטן צום אייבישטער. יעדער בריה אין די וועלט קען זיך באהעפטן צום אייבישטער דורך בעטן פאר זיין עסן, ווי דוד המלך זאגט אין ברכי נפשי (תהלים ק"ד) הַכְּפִירִים שֹׁאֲגִים לַטָּרֶף וּלְבַקֵּשׁ מֵקֵל אָכְלָם - די חיות בעטן און שרייען צום אייבישטער אויף זייער שפייז, זיי האבן די זכיה צו קענען מתפלל זיין און רעדן צו השי"ת, אבער דער שלאַנג קען נישט, ער האט אלעמאל גענוג און נאך צו עסן, ער האט שוין מער קיינמאל נישט די זכיה צו קענען עפעס בעטן פון השי"ת, און עס איז נישט פארהאן א גרעסערע קללה פון דעם צו ווערן דערווייטערט פונעם אייבישטער.

(שם משמואל)

### הֲלוֹא אִם תֵּיטִיב שְׂאֵת

אמאָל איז דא א איד וואס טוט טאקע גוטע זאכן, ער איז עוסק אין תורה און מצוות, אבער ער טוט דאס נישט 'באמת' פארן אייבישטער'ס וועגן, נאר מיט זייטיגע חשבונות ווי למשל צו פארדינען כבוד דערפון, וכדומה. דערפאר זאגט אונז דא די תורה "הל**א** א**ם** תיטי**ב** שא**ת**" וואס די לעצטע אותיות פון די ווערטער איז "באמת", כדי צו לערנען פאר א איד אז ווען ער פארבעסערט זיינע וועגן און ער קומט טוהן גוטס, זאל ער דאס טוהן באמת.

(אגרא דכלה)

## הָאִשָּׁה אֲשֶׁר נָתַתָּה עִמָּדִי הִוא נָתְנָה לִּי

אמאָל איז געווען אן אלכסנדר חסיד וואס האט געהאט א געראטענעם זוהן, און ער האט א שידוך געטוהן מיט איהם, נעמנדיג א כלה פאר זיין בחור. שפעטער האבן אנגעהויבן צו קומען קלאנגען צום מחותן אז די כלה פירט זיך נישט ערליך, און עס זענען געווען שמועות אז זי איז מחלל שבת וכדומה רח"ל. מיט גרויס צער איז דער חתן'ס טאטע געקומען צו פארן צו **מרן דער תפארת שמואל זי"ע** (יארצייט כ"ט תשרי) און ער האט זיך אויסגערעדט זיין וויטאג אז זיין זוהן'ס כלה פירט זיך נישט ערליך און ער ווייסט נישט וואס צו טוהן לגבי דער שידוך, ער וויל עס אפלאזן. ווען דער תפארת שמואל האט געהערט זיין צרה, רופט ער זיך אָן צו איהם און ער באפעלט איהם, גיי אהיים און רעד זיך צונויף מיט דיינע מחותנים צו באשטימען א זמן פאר די חתונה, כאילו עס וואלט גארנישט געווען.

דער חסיד איז געליבן שאקירט הערנדיג די ווערטער פונעם רבי'ן. ער איז געווען זיכער אז דער רבי וועט איהם הייסן תיכף ומיד אפלאזן דעם שידוך מיט אזא מיידל, און דא הייסט ער איהם גאר פארקערט ווייטער אנהאלטן און גאר באשטימען א צייט פון די חתונה. אבער ווי א ערליכער חסיד האט ער נישט געפרעיגט קיין קשיות, נאר ער איז תיכף אהיימגעפארן, און געשיקט א שליח צו די מחותנים אז ער וויל באשטעטיגן א זמן פאר די חתונה.

ווי נאר די כלה האט געהערט אז די מחותנים גרייטן זיך שוין ערנסט צו די חתונה, האט זי זיך שוין מער נישט געקענט איינהאלטן, און זי האט געשיקט אן אפענעם בריוו צום חתן ווי זי שרייבט ארויס קלאר אז זי וויל זיך נישט פירן ווייטער בדרך ישראל סבא, און נאר אויב דער חתן איז מסכים זיך אפצושערן זיין באָרד און נאכלאזן אין זיין אידישקייט ח"ו דעמאלטס איז זי גרייט חתונה צו האבן מיט איהם, אבער אויב נישט דאַן וויל זי נישט אנהאלטן דעם שידוך.

ווען דער חתן האט ענהאלטן דעם בריוו, איז זיין טאטע ווידער געקומען צו פאָרן צום תפארת שמואל און פרעגן וואס ער זאל יעצט טוהן. האט איהם דער תפארת שמואל געענטפערט מיט זיין גרויס חכמה און פארשטאנד, "אויף דעם האב איך געוואַרט". וויבאלד דער סדר איז געווען אז ווער עס האט אפגעלאזט א שידוך האט מען איהם גע'קנס'עט צו באצאלן פארן צווייטן צד א האלבע נדן וואס מ'האט זיך אונטערגענומען צו געבן פאר די חתונה. האט דער תפארת שמואל געזאגט צום מחותן, "אז זי פירט זיך נישט ערליך, האב איך געטראכט פארוואס זאלסטו אפלאזן דער שידוך און דו וועסט נאך דארפן באצאלן א געלט שטראף צו די זייט, בעסער זיי דו ממשיך פון דיין זייט מיט אלע נויטיגע הכנות צו די חתונה, אזוי ארום וועט דאס מיידל נישט האבן קיין ברירה און זי וועט צוברעכן דעם שידוך, און ממילא זאל זי דארפן באצאלן די קנס און נישט דו"...

אזוי איז טאקע געווען, ווען ביידע מחותנים האבן זיך אראפגעזעצט ביים רב פון זייער שטאט צו פארהאנדלן די געלט זאכן צווישן זיי, האט דער חתן'ס טאטע ארויסגעצויגן פון זיין טאש דער בריוו וואס די כלה האט געשיקט אז זי וויל נישט חתונה האבן מיט'ן בחור אויב וויל ער בלייבן ערליך און וואויל, און אז זי וויל אפלאזן דעם שידוך. און דער רב האט טאקע גע'פַּסק'ענט אז דער טאטע פונעם חתן דארף נישט באצאלן קיין קנס געלט, נאר דער מחותן פון די כלה'ס צד.

# א נקודה...

**מרן דער ישמח ישראל זי"ע זאגט:**

וְהֶבֶל הֵבִיא "גַם הוּא" - הבל האט זיך אליינס אויך מיטגעברענגט מיט זיין קרבן, דערפאר איז זיין קרבן געווען באליבט ביי השי"ת.



# אוצר הכרם

## אן אוצר פון ידיעות וענינים, בענינא דיומא ובפרשת השבוע

### די כוח פון זאגן ויכלו השמים והארץ

די גמרא זאגט אין אין מסכת שבת (קי"ט:) "כל המתפלל בערב שבת ואומר ויכלו, מעלה עליו הכתוב כאילו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית, שנאמר ויכלו, אל תקרי וַיְכֻלּוּ אלא וַיְכַלּוּ" אז דער מענטש מיט זיין זאגן ויכלו ענדיגט ער כיבכול צו די מעשה בראשית, און ער ווערט ווי א שותף צו די ווערק פון הקב"ה.

אזוי אויך זאגן אונז חז"ל דארט אז דער וואס זאגט ויכלו, טוען די צוויי מלאכים וואס באגלייטן א מענטש ארויפלייגן זייערע הענט אויף זיין קאפ און זיי זאגן איהם דעם פסוק (ישעי' ו') וְסָר עֲוֹנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר.

### מ'דארף מהרהר זיין בתשובה

עס איז באקאנט וואס דער **חיד"א** ברענגט אין זיין ספר **מורה באצבע**, אז ווען א איד מאכט קידוש דארף ער האבן גרויס כוונה און מהרהר זיין בתשובה, היות ווען מ'זאגט ויכולו קומט מען דאך דערמיט עדות זאגן אויף בריאת שמים וארץ, אז דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג און גערוהט אין שבת, און די הלכה איז אז א רשע איז פסול לעדות, דעריבער דארף מען קודם תשובה טוהן כדי מ'זאל זיין כשר צו קענען מעיד זיין.

אין ספר **קונטרס היחיאלי** (להגאון המקובל רבי יצחק אלפיה) ווערט געברענגט אז ווען דער **חיד"א** איז אמאל געווען צווישן די אשכנז'ישע אידן, ווי באקאנט איז דער חיד"א אסאך ארומגעפארן אין די וועלט און אין יענע צייט זיך געטראפן מיט מערערע גדולים און צדיקים פון זיין תקופה, דאן האט איהם איינער פון די רבי'ס געבעטן אז ער זאל דערציילן א געוויסע מעשה אדער א מנהג טוב וואס ער האט געזעהן און געדענקט פונעם **אור החיים הקדוש זי"ע**. אויף וועלכע דער חיד"א האט געענטפערט, אז דער אור החיים הק' זי"ע ווען ער פלעגט נעמען די כוס אין די האנט אריין פרייטאג צו נאכטס ביי קידוש, איז דאס צוגעגאנגען מיט א געוואלדיגע התלהבות און א קדושה, און ער פלעגט מהרהר זיין בתשובה, און בפרט אויף אזעלכע עבירות וואס מאכן דעם מענטש פסול לעדות. ויש אומרים אז דער אור החיים הק' פלעגט אויך לערנען רמב"ם הלכות עדות יעדן פרייטאג כדי צו וויסן וועלכע זאכן מאכן דעם מענטש פסול לעדות, און ער זאל וויסן אויף וואס תשובה צו טוהן.

אין ספה"ק **תפארת שלמה** (פר' כי תצא) שטייט אז דערפאר איז מען מוחל די עבירות פון א איד ביים זאגן ויכולו [לכאורה איז די כוונה צום אויבנדערמאנטע גמרא אז די מלאכים זאגן פארן מענטש וסר עונך וגו'], וויבאלד דער מענטש קומט עדות זאגן אויף די בריאה, מוז ער דאך זיין כשר לעדות, און אויב ער האט עבירות קען ער נישט זיין קיין עֵד, דערפאר מוז מען איהם מוחל זיין פון הימל כדי ער זאל זיין כשר לעדות.

### כפרת עוונות ערב שבת

דער **מהרש"א** אויפן פלאץ ערקלערט וואס איז דער ענין פארוואס די מלאכים לייגן ארויף די הענט און בענטשן דעם איד מיט'ן פסוק פון "וְסָר עֲוֹנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר", וויבאלד דאס איז דער פסוק וואס די מלאכים האבן געזאגט פאר אדם הראשון ערב שבת פארנאכט, אז דער אייבישטער איז איהם מוחל אויף זיין חטא, ווי ס'ווערט געברענגט אין **מדרש**. און דערפאר ווען א איד זאגט ויכלו וואס דעמאלטס ווערט ער דאָך א שותף צו הקב"ה אין די מעשה בראשית ווי געזאגט, ווערט נתעורר יענער ענין פון די כפרה וואס השי"ת האט מכפר געווען דעם חטא אדם הראשון ערב שבת ביים פארענדיגן די מעשה בראשית, און דערפאר ווערט דאס איבערגע'חַזֶר'ט פאר יעדער איד אין די צייט.

# גליון קוראי עונג

פרשת בראשית

נערך ע"י הרב יצחק דוד טווערסקי - מלמד בישיבת קארלין סטאלין

## דברי תורה

**בְּרֵאשִׁית בָּרָא.** (א, א)

דאס ווארט 'ברא' מיינט אין ארמי"ש קינדער, ווי עס שטייט (סנהדרין קד.) 'ברא מזכי אבא', 'ברא' מיינט אויך 'בריאות' - געזונט, 'ברא' מיינט אויך תבואה - עסן, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית מב, ג) 'לשבר בר'.

דאס זאגט דא די תורה, 'בראשית', צום ערשט דארף יעדע איד זוכה זיין, 'ברא' ער זאל האבן קינדער, 'ברא' ער זאל זיין געזונט, 'ברא' ער זאל האבן פרנסה בשפע. און אלע דריי זאכן זענען טאקע מרומז אין דאס ווארט 'ברא' וועלכע באטרעפט פונקט ווי די ווערטער 'בני חיי מזוני', וואס דאס מיינט קינדער, לעבן און שפייז.

(דער הייליגער רבי יחיאל מאיר פון אוסטראבצא זי"ע)

דער מדרש זאגט 'בראשית, בשביל התורה שנקראת ראשית'. און די גמרא זאגט (ברכות ה:) 'כל העוסק בתורה לשמה יסורין בטלין ממנו', דער וואס לערנט תורה לשמה, ווערט אויסגעהיילט פון אלע יסורים רח"ל.

דאס זאגט דער פסוק 'בראשית', אויב דו וועסט לערנען די תורה וועלכע ווערט אנגערופן 'ראשית', 'ברא', דאן וועסט דו זיין געזונט און מער נישט האבן קיין יסורים.

(דער הייליגער 'תשואות חן' פון ליניץ זי"ע)

**וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר.** (א, ג)

'ויאמר', ווען א איד זאגט פאר'ן רבונו של עולם: "'אלקים', איך בעט דיר אייבערשטער, 'יהי אור', מאך מיר ליכטיג מיט דיין גרויסע ליכטיגקייט, ווי לאנג וועט מיר נאך זיין פינסטער?" זאל ער וויסן אז 'ויהי אור', דער אייבערשטער וועט עם באלד ליכטיג מאכן.

(דער הייליגער רבי נח פון לעכעוויטש זי"ע)

**וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד.** (א, ה)

דער יצר הרע ווערט אנגערופן 'ערב', ווייל ער איז פינסטער ווי דער נאכט, און דער יצר טוב ווערט אנגערופן 'בוקר', ווייל דורך עם טוהן די אידן מצות וואס זענען ליכטיג.

א קינד ביז ער ווערט בר מצוה, האט ער נאר א יצר הרע, ווייל ביז דאן איז זיין נשמה גענוג ריין זיך אליין צו קענען שלאגן מיט'ן יצר הרע, אבער אינעם טאג פון זיין בר מצוה באקומט ער א יצר טוב, וואס העלפט עם צו אז ער זאל זיך קענען בעסער שלאגן מיט'ן יצר הרע.

דאס איז מרומז דא אין פסוק, 'ויהי ערב ויהי בוקר', ווען באקומט דער מענטש סיי א יצר הרע וואס הייסט 'ערב', און סיי א יצר הטוב וואס הייסט 'בוקר', דאס איז ווען עס איז ביי עם 'יום אחד', דאס ווארט 'אחד' באטרעפט דרייצן, דאס מיינט אין דעם טאג וואס ער ווערט דרייצן יאר - ביי זיין בר מצוה.

(ספר ציוני)

**וִיהִי מַבְדִּיל בֵּין מַיִם לָמָיִם.** (א, ו)

דער מדרש זאגט, אז ביים צווייטן טאג שטייט נישט 'כי טוב' וויבאלד עס איז דאן באשאפן געווארן די מדה פון 'מחלוקת', ווען די וואסערן זענען צוטיילט געווארן.

דארף מען פארשטיין, דער פערטע טאג איז דאך אויך צוטיילט געווארן צווישן טאג און נאכט, פארוואס שטייט דארט יא 'כי טוב'?

נאר וויבאלד טאג און נאכט זענען צוויי קעגן זייטיגע זאכן, האט דער אייבערשטער זיי געדארפט צוטיילן אז זיי זאלן זיך אויסמישן, דעריבער שטייט דארט 'כי טוב'.

אבער וואסער מיט וואסער זענען איין זאך, און ווען מען צוטיילט איין זאך אין צוויי, איז עס נישט גוט, דעריבער שטייט נישט ביים צוטיילן די וואסערן 'כי טוב'.

פון דא זעהט מען, אז ווען מען מאכט א מחלוקת צווישן צדיקים, איז דאס זייער נישט גוט. אבער ווען צדיקים טיילן זיך אפ פון רשעים, איז דאס זייער א גוטע זאך.

(דער הייליגער רבי יעקב פון הוסיאטין זי"ע)

**לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ.** (ב, יח)

ביי אלע באשעפענישן וואס זענען באשאפן געווארן אין די זעקס טעג, שטייט באזונדער אין פסוק, 'וירא אלקים כי טוב', אויסער ביי דעם מענטש שטייט נישט דעם פסוק. דאס איז ווייל דארט ווערט נאר דערמאנט דאס באשאפן פון אדם, וואס ער איז דערווייל געווען א 'פלג גופא', און ווילאנג ער איז א האלבע באשעפעניש, פעלט דאס פונעם 'טוב'.

דעריבער זאגט דא דער פסוק, 'לא טוב', עס איז נאך נישט דא קיין 'טוב', ווייל 'היות האדם לבדו', אדם איז נאך יעצט אליין, אָן זיין פרוי. אבער נאכדעם וואס חוה איז שוין באשאפן געווארן, שטייט אין פסוק (משלי יח, כב) 'מצא אשה מצא טוב', ווען מען טרעפט די פרוי, האט זיך דאן צוזאמען געטראפן דאס 'טוב'.

(דער הייליגער רבי דוד משה פון טשארטקוב זי"ע)

**וּמִפְּרִי הָעֵץ אֲשֶׁר בְּתוֹךְ הַגָּן אָמַר אֱלֹקִים לֹא תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ וְלֹא תִגְּעוּ בּוֹ.** (ג, ג)

פארוואס האט חוה טאקע מוסיף געווען אויפ'ן ציווי און געזאגט אז זי טאר נישט צורירן?

נאר דער דין איז, אז אין יום כיפור מעג מען צורירן צו עסנווארג, אבער אין פסח טאר מען נישט צורירן צו קיין חמץ, כאטש וואס ביי ביידע איז דא דער זעלבע עונש פון כרת.

דאס איז צוליב דעם וואס אין יום כיפור איז דער מענטש סיי ווי אפגעשיידט פון עסן בכלל, דעריבער מעג ער צורירן צו עסן, אבער אין פסח מעג מען דאך עסן אנדערע עסן אויסער חמץ, דעריבער דארף מען פון דעם חמץ זיין אינגאנצן אפגעשיידט, אפילו נישט צורירן דערצו.

דאס האט חוה דא געזאגט, 'מפרי עץ הגן נאכל', מיר מעגן דאך יא עסן פון אלע אנדערע פרוכט ביימער, קומט אויס אז דער 'פרי העץ אשר בתוך הגן', דאס איז דער 'עץ הדעת', וואס 'אמר אלקים לא תאכלו ממנו', קען דאס נישט האבן דער דין פון 'יום כיפור', וואס מען טאר דאס טאקע נישט עסן, אבער מען מעג יא צורירן דערצו, נאר עס מוז זיין אז 'ולא תגעו בו', דער 'עץ הדעת' האט דער דין ווי 'חמץ אין פסח', וואס מען טאר דאס נישט עסן און מען טאר אויך נישט צורירן דערצו.

(ספר כתנות אור)

**וַיְהִי הֶבֶל רֹעֵה צֹאן וְקַיִן הָיָה עֹבֵד אֲדָמָה.** (ד, ב)

באמת האט דער אייבערשטער געזאגט פאר אדם הראשון, אז יעדער איינער מוז ארבעטן פאר פרנסה, אבער הבל, ווען ער איז געגאנגען פאשען מיט די שעפעלעך, האט דאס עם ווי געטוהן, ווייל ער האט בעסער געוואלט דינען דעם אייבערשטער אין די צייט.

דעריבער זאגט דער פסוק, 'ויהי הבל רועה צאן', דאס ווארט 'ויהי' איז א לשון צער, ווייל עס האט עם ווי געטוהן אז ער איז א 'רועה צאן', ער האט ענדערש דאן געוואלט דינען דער אייבערשטער.

אבער ביי קין זאגט דער פסוק, 'וקין היה עובד אדמה', און דאס ווארט 'היה' איז א לשון שמחה, ווייל קין האט זיך זייער געפריידט מיט זיין ארבעט צו באַארבעטן דער ערד, אלס בעסער ווי צו דארפן דינען דעם אייבערשטער.

(דער הייליגער רבי ישראל פון רוזשין זי"ע)



koreioneg@gmail.com

**וירא אלקים את האור כי טוב.**

דער הייליגער רבי ברוך פון קאמינקא זי"ע האט אמאל ארויס געשיקט אקסן אויפ'ן וועג, ווען ער האט געהערט אז רויבער האבן בארויבט אקסן פון אנדערע סוחרים, איז ער געווארן באזארגט, אפשר האט מען צוגענומען זיינע אקסן אויך, וואס דאס איז געווען א פארמעגן מיט געלט.

האט ער געשיקט זיין שוואגער דער הייליגער רבי יוסף פון קאמינקא זי"ע צו דער הייליגער 'בעל שם טוב' זי"ע, עס צו פרעגן וואס צו טוהן.

האט דער הייליגער 'בעש"ט' גע'עפנט דעם ספר 'זוהר הקדוש' און האט דערין אריין געקוקט, און האט באלד געזאגט: "איך זעה די אקסן, קיינער האט זיי נישט צו גע'גנב'עט".

האט רבי יוסף געפרעגט מיט וואונדער: "צי דען שטייט דאס אין 'זוהר הקדוש'?"

האט דער הייליגער בעש"ט גע'ענפערט: "די חכמים זאגן, אז דער 'אור' וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אין די 'ששת ימי בראשית', האט ער באהאלטן אין די תורה, און דורך דעם 'אור' קען מען זעהן פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן, און דורך די 'אור' האב איך אין דעם 'זוהר הקדוש' געזעהן וואו די די אקסן געפונען זיך".

❋ ❋ ❋

**יום הששי. ויכלו השמים והארץ וכל צבאם.**

צום הייליגער רבי אברהם יעקב פון סאדיגורא זי"ע, איז אמאל אין א פרייטאג ביינאכט פאר קידוש, אריינגעקומען א גרופע 'משכילים' כדי צו אפלאכן פון זיין הייליגע עבודה.

ווען דער צדיק האט דאס באמערקט, האט ער זיך אנגערופן: "דאס גאנצע ענין פון זאגן 'ויכלו' ביי קידוש, איז דאך צו זאגן עדות אז דער אייבערשטער האט באשאפן הימל און ערד אין זעקס טעג און שבת האט ער גערוהט. און עס איז נישט דא קיין בעסערע צייט צו זאגן עדות, ווי יעצט ווען עס געפונען זיך אויפ'ן ארט אזעלכע וואס לייקענען דאס, דעריבער וועלן מיר יעצט זאגן עדות פארנט פון זיי".

און דער סאדיגורא רבי האט זיך באלד געשטעלט מאכן קידוש.

❋ ❋ ❋

**ונפקחו עיניכם והייתם כאלקים יודעי טוב ורע.**

דער הייליגער רבי משולם זוסיא פון אניפאלי זי"ע האט זיך אמאל געווענדעט צו זיין ברודער דער הייליגער רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע און געפרעגט: "ברודער לעבן! עס שטייט דאך אין די הייליגע ספרים אז אלע נשמות פון כלל ישראל זענען אריינגערעכנט אין אדם הראשון, קומט דאך אויס אז מיר זענען אויך געווען צווישן אלע אנדערע נשמות בשעת ווען אדם הראשון האט געגעסן פון דעם עץ הדעת, אויב אזוי פארוואס האבן מיר עס נישט אפגעהאלטן פון צו עסן פון דעם עץ הדעת?"

האט דער הייליגער רבי אלימלך עם גע'ענטפערט: "ברודער לעבן! מיר זענען דאך געווען געצווינגען עס צו לאזן עסן דערפון, ווייל אויב נישט וואלט דאך איבער געבליבן אין זיין הארץ פון די 'שקר' און 'לשון הרע' וואס דער נחש האט געזאגט.

ווייל עס שטייט אין פסוק אז דער נחש האט געזאגט פאר חוה 'כי ביום אכלכם ממנו ונפקחו עיניכם והייתם כאלקים יודעי טוב ורע', אז אויב איר וועט עסן פון דעם עץ הדעת וועט אייערע אויגן גע'עפנט ווערן און איר וועט זיין ווי דער אייבערשטער וואס ווייסט פון גוט'ס און שלעכט'ס.

זאגט דערויף רש"י אז דער נחש האט זיי געזאגט אז אויב זיי וועלן עסן פון דעם עץ הדעת, וועלן זיי קענען באשאפן וועלטן אזוי ווי דער אייבערשטער, ווייל דער אייבערשטער האט געגעסן פון דעם בוים און אזוי האט ער באשאפן די וועלטן.

דעריבער - האט רבי אלימלך ווייטער אויסגעפירט - האבן מיר עס געלאזט עסן פון דעם עץ הדעת, כדי ער זאל איינזעהן אז אלעס וואס דער נחש האט געזאגט איז ליגנט, ווייל כאטש ער האט געגעסן דערפון, דאך איז ער געבליבן נישט מער ווי א פשוט'ע מענטש!"...

❋ ❋ ❋

**ויקרא ה' אלקים אל האדם ויאמר לו איכה.**

ווען דער הייליגער 'בעל התניא' רבי שניאור זלמן פון ליאדי זי"ע איז געזיצן אין ארעסט הויז אין פעטעבורג, איז איין טאג אריינגעקומען צו עם אין צימער דער הויפט פון די פאליציי צו דורכפירן אַן אויספארשונג, און ער האט געפונען דעם 'בעל התניא' ווי ער זיצט זייער פארטראכט, האט ער באלד פארשטאנען אז דא רעדט זיך פון א הייליגער מענטש.

דער פאליציי הויפט איז געווען א געלערנטע מענטש און האט געוואוסט אביסל פון די תורה, רופט ער זיך אָן צום 'בעל התניא': "אפשר קענט איר מיר זאגן פשט אין פסוק 'ויקרא ה' אלקים אל האדם ויאמר לו איכה' (ה' האט גערופן צו אדם און געפרעגט "וואו ביסט דו?"), האט דען דער אייבערשטער נישט געוואוסט וואו אדם הראשון האט זיך באהאלטן?"

האט עם דער 'בעל התניא' צוריק געפרעגט: "גלייבט איר אז די תורה איז אַן אייביגקייט, עס איז ווירקליך אין יעדע צייט, אין יעדע דור און אין יעדע מענטש?"

האט דער פאליציי הויפט גע'ענטפערט אז ער גלייבט דערין.

האט דער 'בעל התניא' זיך אנגערופן: "דער אייבערשטער רופט יעדע צייט צו אלע מענטשן און ער פרעגט 'איכה'?! וואו ביסט דו אויף דער וועלט, דו לעבסט דאך שוין אזויפיל יאר אויף דער וועלט (ער האט עם דערביי געזאגט זיין פונקטליכן דאטום, ווי אלט ער איז), וואס האסט דו אויפגעטוהן אין דיינע יארן, צו דען האסט דו שוין אמאל גוט'ס געטוהן פאר איינעם?"

דער פאליציי הויפט איז געווארן שטארק איבערגענומען דערפון, און האט באלד פארשריבן אויפ'ן דאקומענט אז דער 'בעל התניא' איז א גרויסע חכם און הייליגע מענטש, און אלעס וואס מען האט אויף עם גע'מסור'ט איז נאר א פאלשע בלבול.

❋ ❋ ❋

**זה ספר תולדות אדם.**

דער הייליגער רבי ישכר דוב פון בעלזא זי"ע, זייענדיג א יונגערמאן און האט געוואוינט אין די שטאט טשערנאביל, ביי זיין עלטער-שווער דער הייליגער רבי אהרן פון טשערנאביל זי"ע, פלעגט ער פארשרייבן אין א ביכל אלע זיינע חידושי תורה וואס ער האט מחדש געווען ביים לערנען.

אמאל איז עם פארלוירן געגאנגען דעם טייערן ביכל פון זיינע חידושי תורה, און פארשטייט זיך אז ער האט דערפון געהאט גרויס צער.

ווען ער האט דאס דערציילט פאר זיין פאטער, דער הייליגער רבי יהושע פון בעלזא זי"ע, האט ער עם געטרייסט און געזאגט: "עס שטייט 'זה ספר תולדות אדם', וואונטש איך דיר, 'זה ספר' - אנשטאט דעם ספר, 'תולדות אדם' - וועסטו דו געבוירן גוטע קינדער".

❋ ❋ ❋

**ויתהלך חנוך וגו' ואיננו כי לקח אותו אלקים.**

דער בארימטער חסיד רבי שלמה סופר פון דאלינא זצ"ל האט אמאל דערציילט פאר דער הייליגער רבי יצחק אייזיק פון זידיטשוב זי"ע, אז ער האט געהערט פון דער הייליגער 'חוזה' פון לובלין זי"ע: "ווען רש"י הקדוש איז נסתלק געווארן פון דער וועלט, איז דער גאנצע פמליא של מעלה ארויס עם צו מקבל פנים זיין, אויסער 'חנוך' וואס ער איז אין הימל געווארן דער מלאך מט"ט 'שר הפנים', ווייל ער האט געהאט א טענה אויף רש"י, פארוואס ער האט אויף עם געשריבן די ווערטער 'קל בדעתו לשוב ולהרשיע'".

האט עם דער הייליגער זידיטשובער געזאגט: "איך וועל פארענטפערן די רייד פון רש"י: די גמרא זאגט (שבת לג:), ווען רשב"י איז ארויס פון די הייל נאך צוועלף חדשים, און געזעהן ווי מענטשן זענען פארנומען מיט'ן זייען און אקערן די פעלדער, האט דאס עם פארדראסן אז מען לאזט אפ 'חיי עולם' און מען איז פארנומען מיט 'חיי שעה', דעריבער וואו ער האט געקוקט האט זיך פארברענט, איז ארויס א בת קול פון הימל און געזאגט: "זענט איר ארויס פון הייל צו חרוב מאכן מיין וועלט? גייט צוריק אין דעם הייל".

דאס זעלבע איז געווען מיט חנוך, ער איז געווען אזא צדיק, אז ער האט נישט געקענט פארנעמען צו זעהן ווי דער וועלט איז פארנומען מיט'ן עולם הזה.

דעריבער זאגט רש"י, 'צדיק היה', ער איז געווען אזא צדיק, אז ער האט פשוט נישט געקענט סובל זיין די וועלט, 'וקל בדעתו לשוב להרשיע', מיט זיין דעת האט ער יעדן אנגעקוקט ווי זיי זענען רשעים, דעריבער 'מיהר הקב"ה והמיתו קודם זמנו', האט עם דער אייבערשטער געדארפט אוועק נעמען פון דעם וועלט, אז ער זאל נישט חרוב מאכן די וועלט ווי רשב"י האט געטוהן".

## סיפורי צדיקים

דערנאך האט דער הייליגער זידיטשוב׳ער זיך אנגערופן: "אט יעצט גייט דער הייליגער מלאך מט"ט ארויס אקעגן רש"י הקדוש, און ער ברענגט עם אריין אין זיין היכל".

✵ ✵ ✵

דער הייליגער רבי אהרן ׳הגדול׳ פון קארלין זי"ע האט אין זיין לעבן געמאכט אכציג טויזנט ׳בעלי תשובה׳, און ער איז נסתלק געווארן זייענ׳דיג אינגאנצן זעקס און דרייסיג יאר אלט.

זיין תלמיד, דער הייליגער רבי שלמה פון קארלין זי"ע האט געזאגט אויף עם א הספד, צווישן אנדערע האט ער געזאגט: "אויפ׳ן פסוק ׳ויתהלך חנוך את האלקים ואיננו כי לקח אותו אלקים׳, זאגט רש"י הקדוש ׳צדיק היה וקל בדעתו לשוב ולהרשיע לפיכך מיהר הקב"ה וסילקו והמיתו קודם זמנו׳.

דארף מען פארשטיין, אויב איז אמת אז ער וואלט גרינג געקענט ווערן א רשע ח"ו, פארוואס האט עם דער אייבערשטער צוגענומען יונגערהייט און עם געמאכט פאר׳ן מלאך מט"ט ׳שר הפנים׳?

נאר דער אמת איז ווי רש"י אליין זאגט ׳צדיק היה׳, ער איז געווען אזא גרויסע צדיק, אז ווען ער איז צוגעגאנגען צו א רשע, האט ער עם באלד געמאכט פאר א בעל תשובה, ווייל ער האט ביי דעם רשע צוגענומען די בחירה, אז ער זאל שוין מער נישט טוהן קיין שלעכט׳ס.

און וויבאלד ער האט יעדן רשע צוריק געקערט צו תשובה, האט מען אין הימל מורא געהאט, טאמער וועט ער לעבן לענגער, וועט ער דאס גאנצע וועלט ברענגען צו תשובה, און עס וועט צושטערט ווערן די בחירה ביי מענטשן.

דאס זאגט דא רש"י, ׳צדיק היה׳, חנוך איז געווען אזא צדיק, ׳וקל בדעתו׳, עס איז עם זייער גרינג געווען, ׳לשוב להרשיע׳, צוריק צו קערן די רשעים אז זיי זאלן מער קיינמאל נישט קיין שלעכט׳ס טוהן, און וויבאלד די בחירה וועט דאך בטל ווערן, דעריבער ׳המיתו קודם זמנו׳, האט דער אייבערשטער עם געמוזט אוועק נעמען פון דער וועלט פאר דער צייט.

דער זעלבע זאך - האט רבי שלמה קארלינ׳ער אויסגעפירט - האט יעצט פאסירט פאר׳ן הייליגער רבי׳ן, רבי אהרן ׳הגדול׳ פון קארלין זי"ע, ער איז נסתלק געווארן יונגערהייט, זייענ׳דיג אינגאנצן זעקס און דרייסיג יאר, ווייל דער שטן האט גע׳טענה׳עט אין הימל אז ער האט שוין ביז יעצט געמאכט אכציג טויזנט בעלי תשובה, און אין די קומענ׳דיגע יארן וועט ער נאך ברענגען די גאנצע וועלט צו תשובה, און עס וועט בטל ווערן די בחירה ביי מענטשן, דעריבער האט מען דעם רבי׳ן געמוזט אוועק נעמען פון דער וועלט יונגערהייט".

✵ ✵ ✵

דער מחבר פון ספר ׳דודאים בשדה׳, א תלמיד פונעם הייליגן ׳חוזה׳ פון לובלין זי"ע, האט געזאגט פשט אין רש"י וואס איז מפרש: ׳צדיק היה, וקל בדעתו לשוב להרשיע׳. דאס מיינט פשוט, אז ער איז געווען א צדיק אבער ער האט לייכט געקענט זיך קערן ווערן א רשע, אזוי ווי די שווערע דור המבול, לפיכך מיהר הקב"ה וסילקו והמיתו קודם זמנו.

האט דער מחבר מפרש געווען, אז ח"ו חנוך וואלט קיינמאל נישט מרשיע געווען מיט עבירות, נאר רש"י מיינט צו זאגן אז ער האט יעדן טאג תשובה געטוהן אויף די נעכטיגע עבודת השם זיינע, ביז איין טאג איז ער שוין אנגעקומען אזוי הויך אין קדושה, אז ער האט שוין מער נישט געמעגט תשובה טוהן אויף דעם ווייל עס איז שוין געווען א זייער גרויסע יחוד און מדריגה אין עולמות עליונים, און עס וואלט שוין געהייסן אזוי ווי ער טוהט תשובה אויף ריכטיגע זאכן. האט עם דער אייבערשטער נאך דעם סארט עבודה און דרגה שנעל אוועק גענומען, בעפאר ער גייט תשובה טוהן אויף דעם אויך.

דאס זאגט רש"י, ׳צדיק היה, וקל בדעתו לשוב ולהרשיע׳, דאס מיינט ׳לשוב׳ צו תשובה טוהן, ׳ולהרשיע׳ און דורך דעם אליין צו זינדיגן ח"ו.

יענע נאכט איז רש"י געקומען צו עם אין חלום און מכיר טובה געווען, ווייל ביז יעצט האט חנוך געהאט טענות אויף זיינע רייד, אבער לויט דעם פשט וועט יעדער איינער פארשטיין אז רש"י האט געמיינט לטובה פון חנוך, און יעצט איז רש"י שוין אנגעקומען אין היכל חנוך.

✵ ✵ ✵

## אמרות חכמים

**בראשית, אין המקרא הזה אומר אלא דרשוני.** (רש"י)

דער הייליגער רבי ישראל פון רוזשין זי"ע האט אמאל געזאגט: "די תורה האט א שטארקע פארדרוס אויף די סארטן מגידים און בעלי דרשנים, וועלכע פארדרייען די הייליגע פסוקים פון די תורה, לויט זייער אייגענעם ווילן, אויף צו דרש׳ענען דערפון לויט זייער געשמאק.

דעריבער בעט זיך רש"י הקדוש מיט זיין הייליגער לשון, ׳בראשית, אין המקרא הזה אומר׳, באלד אין דער ערשטע פסוק פון די תורה, בעט זיך די תורה מיט רחמים ביי די מגידים און בעלי דרשנים, אז איר זאלט נישט זאגן סתם קיין דרשות, ׳אלא דרשוני כמו שדרשו חז"ל׳, נאר דרש׳נט מיר אויפ׳ן זעלבן שטייגער ווי חז"ל האבן מיר גע׳דרש׳נט, אדער ׳בשביל התורה׳, אויף צו לערנען א ריכטיגע פשט אין די תורה, אדער ׳בשביל ישראל׳, צו דערנענטערן אידן צום ריכטיגן וועג דורך עם ערוועקן צו תשובה און מעשים טובים!"...

✵ ✵ ✵

**את השמים.**

דער הייליגער רבי מרדכי פון קאזמיר זי"ע איז אמאל געווען אין שטאט חעלם, און ער האט געזאגט בדרך צחות: "דאס וואס דער וועלט זאגט אויפ׳ן שטאט חעלם אז זיי זענען שוטים, זענען זיי זעלבסט שולדיג דערין. ווייל אמאל ווען מיין הייליגער פאטער דער טריסק׳ער מגיד זי"ע האט באזוכט אין שטאט חעלם, האט מען עם מכבד געווען צו אנהייבן שרייבן א נייע ספר תורה מיט׳ן שרייבן דער ערשטע פסוק. ער האט געדארפט אריינפילן אין די אותיות וועלכע דער סופר האט פון פריער אנגעצייכנט. האט ער באמערקט ווי דאס ווארט ׳השמים׳ איז געשריבן געווארן מיט א ט׳ אנשטאט א מ׳, וואס לייענט זיך ׳הַשֹּטִים׳. דעריבער זענען זיי שולדיג פארוואס מען רופט זיי ׳שוטים׳!"...

✵ ✵ ✵

**והארץ היתה תהו ובהו.**

אויף א געוויסע בעל דרשן, האט מען געהאלטן אז ער איז בקי אין אלע מדרשים און אין אלע אגדות חז"ל, מען קען עם דארט פרעגן וואו מען וויל, אויך קען ער אויף יעדן ענין האלטן א דרשה, אָן דעם וואס ער זאל זיך צוגרייטן פון פריער.

אמאל אין א שבת בראשית האט עם איינער געזאגט: "עס איז נישט קיין חכמה אז דו טוהסט צוגרייטן דיינע דרשות, לאמיר זעהן ווי דו וועסט דרש׳ענען פאר׳ן ציבור, ווען איך וועל דיר געבן א צעטל, און דיין דרשה וועט זיין איבער׳ן ענין וואס שטייט אינעם צעטל".

דער ביהמ"ד איז פול פון איין עק צום צווייטן, יעדער וויל זעהן און הערן ווי דער בעל דרשן זאגט א דרשה, אָן צו וויסן פריער אויף וועלכן ענין ער דארף רעדן, און אט גייט ער ארויף אויפ׳ן בימה, און ער באקומט באלד א קליין צעטעלע.

דער בעל דרשן קוקט אָן דעם צעטל און זעהט אז עס איז ליידיג אויף ביידע זייטן.

ער האט זיך אבער נישט פארלוירן און באלד אנגעהויבן זיין דרשה: "איר זעהט דעם צעטל? עס איז ליידיג פון ביידע זייטן, דער רבונו של עולם האט באשאפן דעם וועלט א ׳יש מאין׳, עס איז גארנישט געווען אויף דער וועלט, און פון דעם ליידיגן און וויסטן ארט איז באשאפן געווארן א גאנצע וועלט"...

אזוי האט ער ווייטער ממשיך געווען זיין לאנגע דרשה, רעדנ׳דיג אויפ׳ן וואכעדיגע פרשה בראשית איבער דאס גרויסקייט פון ׳בריאת העולם׳...

✵ ✵ ✵

# שליחי מצוה אינן ניזוקין

## ערציילונג איבער דער הייליגער ריבניצער רבי זיע"א

הרה"ק רבי חיים זנוויל, דער הייליגער ריבניצער רבי זצוק"ל, וועמענ'ס יארצייט עס פאלט אסרו חג סוכות, איז געווען א תלמיד מובהק פון כ"ק הרה"ק רבי אברהם מתתיהו פון שטעפינעשט זי"ע, און אויפגעוואקסן ביי אים ממש ווי אַן אייגן קינד.

דער ריבניצער רבי האט אליין דערציילט אויף זיך אז ביי די אכצן יאר איז נישט געווען קיין איין רש"י אין ש"ס וואס ער האט נישט געקענט פון אויסנווייניג. אין זיינע יונגע יארן האט ער זיך געלערנט שחיטה און מילה, און ער האט עוסק געווען אין די הייליגע מצוות. דער ריבניצער רבי איז געווען דער יחיד וואס האט גע'שחט'ן און גע'מל'ט די אידישע קינדער מיט גרויס מסירות נפש. ער איז ארומגעפארן טעג און נעכט, נאר אז אידישע קינדער זאלן קענען עסן כשר, און נישט זיין ערלים ח"ו.

גאר אסאך וואונדערליכע סיפורים פון מסירות נפש ווערן דערציילט פון יענע יארן.

ווי באוואוסט האט פאר'ן רבי'ן גארנישט אינטערעסירט, נאר איין זאך - דעם הייליגן באשעפער. עס האט דערציילט איינער פון די אידן וואס זענען געווען מיט'ן הייליגן ריבניצער רבי'ן זי"ע אין די שווערע טעג און רוסלאנד, אז אין די שווערע תקופה ווען דער רבי האט זיך געפונען הינטער'ן אייזערנעם פורהאנג, אונטער די רוסישע קאמוניסטישע מאכט וואס די קעי-זשי-בי איז געקומען אין באשלוס צו דערגיין פונקטליך די וואס פארשפרייטן אידישקייט, און איינמאל פאר אלעמאל פון זיי פטור צו ווערן. פארשטייט זיך אז דער רבי איז געווען דער ערשטער אויף די שווארצע ליסטע. אויפ'ן רבי'ן האבן זיי געהאט גאנצע ליסטעס מיט עבירות וואס ער איז עובר, אבער זיי האבן אים פונקט נישט געכאפט יעצט ביי די מעשה.

זיי האבן געטראפן אַן עצה. זיי האבן אונטערגעשיקט איינעם פון זייערע חברה, ער זאל שפילן דעם מצב פון א צובראכענער איד וואס שמאכט אונטער די קאמוניסטן. אזוי האט ער טאקע געטון. ער איז געקומען צום רבי'ן און אנגעפאנגען צו וויינען אז ער פארמאגט גארנישט, און ער בעט פון רבי'ן צדקה. דער רבי האט נישט געקלערט קיין סאך און אויסגעליידיגט זיין קעשענע פון אלע פרוטות וואס ער האט דארט געהאט און דאס געגעבן פאר יענעם.

עס זענען אריבער עטליכע טעג, און די קעי-זשי-בי האט זיך אראפגעלאזט צום רבי'נ'ס שטוב און אים ארעסטירט, מען האט אים אריינגעפירט אין געריכט-הויז און אנגעפאנגען פארצולייענען א לאנגע מגילה פון עבירות, און ספעציעל די שרעקליכע עבירה פון געבן צדקה, קעגן די קאמוניסטישע געזעצן.

דער רבי שטייט און רופט זיך גארנישט אָן. ער קוקט גוט אָן דעם שופט, און נאך עטליכע מינוט, הויבט ער אויף זיינע הייליגע אויגן-ברעמען, און גיט א זאג צום שופט: "איידער דו נעמסט דיר איבער מיר, גיב א קוק וואס עס טוט זיך ביי דיר אינדערהיים," און דער רבי זאגט ווייטער: "דיין ווייב ליגט אין בעט און האלט פאר'ן שטארבן."

עס האט אנגעכאפט א ציטערניש פאר דעם שופט, ער האט בכלל נישט פארשטאנען וואס דער רבי וויל פון אים, ער האט אבער געזען אז דער רבי זאגט עס מיט אזא ערנסטקייט, האט ער זיך אנגערופן: "אויב איר זעט אז זי איז קראנק, קענט איר דאך זען אז זי זאל געהיילט ווערן." דער רבי האט אים טאקע צוגעזאגט אז "זי וועט זיין געזונט, אבער מיט איין תנאי, אז ער וועט אים לאזן גיין פריי, טאמער נישט..." פארשטייט זיך אז דער רבי איז באלד באפרייט געווארן.

זייענדיג אין ריבניץ, האט דער רבי נישט געהאט קיין ווארעמע מקוה, איז ער שטענדיג געגאנגען ברעכן די אייז אין ים. דערציילט דער ליובאוויטשער משפיע רבי מענדל פוטערפאס זצ"ל, וועלכער פלעגט ארומגיין מיט'ן רבי'ן מל'ען אידישע קינדער, אז איינמאל האבן זיי געדארפט ארויסגיין אויף א ברית. דער רבי האט אבער געזאגט אז ער מוז גיין קודם אין מקוה. דער וועטער איז געווען דרייסיג אונטער זערא, די טייך איז געווען גוט פארפרוירן, און קיין ווארעמע מקוה איז דאך נישטא, וואס טוט מען? דער רבי האט דאן געוויזן פאר ר' מענדל אז ער גייט אין טייך און געזאגט: "פון א מצוה ווערט מען נישט געשעדיגט."

"מיר זענען אראפ צום טייך," האט רבי מענדיל דערציילט, "און זיך אויסגעטון. איך האב אריינגעשטעקט איין פוס אין וואסער, און געזען אז איך בין נישט מסוגל צו גיין ווייטער. אבער דער רבי שרייט אז איך זאל זיך נישט לאזן ברעכן און איך זאל גיין ווייטער, כל עוד נשמתי בי האב איך זיך אנגעטון אז איך זאל נישט פארפרוירן ווערן. אבער דער רבי איז אריין שטייטעליך, עס האט אויסגעזען ווי ער גייט אין א ווארימע מקוה, ער טובל'ט זיך איינמאל, צוויי מאל, דריי מאל. איך קוק אָן דעם רבי'ן, און איך שטעל זיך פאר אז ער איז אינגאנצן פארפרוירן. אבער ווי ערשטוינט בין איך געווארן, ווען איך האב געזען אז עס גייט א פארע פון רבי'נס הייליגע גוף, ווי ער וואלט געווען אין הייס-קאכעדיגע וואסער."

"און דאס איז נאכנישט אלעס." דערציילט ער ווייטער, "ווען דער רבי האט זיך שוין געהאלטן איינמיטן אנטון, איז אריבער א גוי, און דער רבי האט א בליק געגעבן אויף אים, האט דער רבי זיך צוריק אויסגעטון און נאכאמאל אנגעפאנגען די גאנצע מעשה."

דער ריבניצער רבי זצ"ל האט דערציילט, אז אמאל זייענדיג איינמיטן ווינטער אין א טייך וואס איז געווען אינגאנצן פארפרוירן, איז אים קוים געלונגען אויפצוברעכן א שטיקל פלאץ אריינצוגיין, איז געקומען א גוי, א רשע, און אריינגעשטיפט דעם שטיקל אייז צוריק אין לאך, און פארשטאפט די עפענונג פון וואו דער רבי איז אריין, כדי דער רבי זאל חלילה וחס דארט בלייבן, רח"ל.

ווען דער רבי האט געוואלט ארויפקומען, האט ער נישט געפינען דעם לאך. ער האט שוין געהאלטן ביים אויסגיין, האט ער געבעטן א תפילה און געזאגט: "רבונו של עולם! אזא מיתה ווילסטו איך זאל שטארבן?!" באלד האט זיך די אייז געריקט פון פלאץ, און דער רבי איז ארויס.

שפעטער האט דער רבי אוועקגעמאכט דעם מופת, און געזאגט: "דער נאטור פון אייז איז, אז נאך אפאר מינוט ריקט זיך עס ארויס פון פלאץ."

***זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן***

*המשך פון ערשטע זייט:*

**דער צאל פונעם אות:** פופציג

**געוויסע זאכן דארפן האבן פופציג שטאפלען צו גרייכן שלימות:**

- **אידן גרייטן זיך צו 'קבלת התורה' דורך פופציג טעג ציילן ספירה.**
- **מיר טוען תשובה פאר פופציג טעג - פון ראש חודש אלול ביז הושענא רבא.**
- **מיר האבן פופציג 'שערי בינה'. די נעמען פון די שבטים פארמאגן פופציג אותיות. דער ווארט 'תורה' ערשיינט אין די תורה פופציג מאל. דאס לערנט אונז אז אלע חכמה טרעפט מען אין די תורה.**
- **שטייג ווייטער, חזור ווי עס דארף צו זיין, לעב מיט אמונה, און ס'וועט דיר זיין 'נועם' - אנגענעם און זיס.**

בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בראשית תשפ"ו

גליון 814 [שנה י"ז]

**די סמיכות התורה תחלתו וסופו**

בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ: (א א) כדי צו מחבר זיין סוף התורה וּלְכֹל הַיָּד הַחֲזָקָה וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל: (דברים לד יב) צו בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים, ווייל בְּרֵאשִׁית איז אמונה פאר כלל ישראל אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, און דאס מיינט לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל איז בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים, אבער די אפיקורסים טייטשן בְּרֵאשִׁית בָּרָא, אז דער בְּרֵאשִׁית האט באשאפן אֱלֹקִים, און ביי תַּלְמַי הַמֶּלֶךְ ברענגט די גמ' (מגילה דף ט ע"א) אז 72 חכמים האבן געשריבן די אֱלֹקִים בָּרָא בְּרֵאשִׁית, דעריבער שטייט וּלְכֹל הַיָּד הַחֲזָקָה וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה, אז דורך מלחמות האט מען איינגענומען ארץ ישראל, און בְּרֵאשִׁית מיינט צוליב די אידן וואס ווערן אנגערופן רֵאשִׁית, צו ווייזן אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט און האט געגעבן א"י פאר די אידן. (ברכת טוב ר' משה נריאל ויניציאה תע"ג זעהט זיין באשרייבונג אין דעם גליון)

**דער אור הגנוז איז מרומז קלאר אין פסוק**

וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר: (א ג) שטייט אין גמ' (מגילה דף י ע"ב) אז וואו עס שטייט אין פסוק וַיְהִי מיינט דאס א לשון צער (אסתר א, א) וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ איז געווען הָמָן (רות א, א) וַיְהִי בִּימֵי שְׁפֹט הַשֹּׁפְטִים, איז געווען א הונגער, פרעגט די גמ' עס שטייט וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד: יוֹם שֵׁנִי: יוֹם שְׁלִישִׁי: וואס דארטן איז נישטא קיין צער? ענטפערט די גמ' אז נאר וואו עס שטייט וַיְהִי בִּימֵי, איז דארט געווען א צער, אבער וַיְהִי אליין קען זיין צער און קען אויך מיינען נישט צער עכ"ד הגמ', לכאורה איז שווער פארוואס פרעגט נישט די גמ' פון פסוק וַיְהִי אוֹר (ג) אז וַיְהִי איז נישט קיין צער וואס דאס שטייט פארן פסוק וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד (ה)? נאר מען קען ענטפערן אז עס שטייט אין מדרש אז די אוֹר איז אין אנפאנג געווען 7 מאל ליכטיגער פון אונזער אוֹר, נאר דער אויבערשטער האט געזען אז די וועלט איז נישט ראוי און האט דאס באהאלטן פאר די צדיקים לעתיד לבא, קען מען זאגן אז דאס איז מרומז אין די ווערטער פון פסוק, ווייל עס איז ידוע אז די אות ו' ווען מען לייגט דאס צו א ווארט קען דאס מאכן א לשון עתיד, און קען דאס מאכן א לשון עבר, דהיינו: די ווארט הָיָה, מיינט עס איז געווען, אבער וְהָיָה מיינט עס וועט זיין, א לשון עתיד, און פארקערט יְהִי, איז א לשון עתיד, עס וועט זיין, אבער וַיְהִי מיינט עס איז געווען, א לשון עבר, ממילא אז עס שטייט וַיְהִי אוֹר, מיינט עס איז געווען אוֹר, אבער יעצט נישט, ווייל מען האט דאס גונז געווען, און דאס איז געווען א צער פארן אויבערשטן דאס צו גונז זיין ווייל די וועלט איז נישט געווען ראוי פאר דעם, דעריבער האט די גמ' נישט געפרעגט פון דעם פסוק, ווייל דער "וַיְהִי אוֹר" איז זיכער געווען א צער, אבער די פסוקים וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר זענען זיכער נישט געווען קיין צער וועגן דעם פרעגט נישט די גמ' פון זיי. (דברי מהרי"א אסאד) לויט דעם מהלך וואלט מען געקענט צולייגן אז דער מדרש שטייט אויך אין פסוק וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר, וואס יְהִי איז א לשון עתיד, דער אויבערשטער האט געזאגט יְהִי אוֹר, אז לעתיד וועט זיין די גרויסע ליכט, אבער וַיְהִי אוֹר, יעצט צוליב די דורות, איז דער אור נאר געווען א קורצע צייט און נאכדעם באהאלטן געווארן אויף לעתיד. (שמח זבולון תשפ"ו)

**פארוואס איז הבל געווען בצער און קין איז געווען בשמחה?**

וַתֹּסֶף לָלֶדֶת אֶת אָחִיו אֶת הָבֶל וַיְהִי הֶבֶל רֹעֵה צֹאן וְקַיִן הָיָה עֹבֵד אֲדָמָה: (ד ב) פארוואס ביי הֶבֶל שטייט וַיְהִי הֶבֶל, א לשון צער, און ביי קַיִן שטייט וְקַיִן הָיָה, א לשון שמחה? נאר מען קען זאגן בדרך מוסר אז דאס וואס דער אויבערשטער האט געגעבן די קללה פון בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם (ג יט) פאר אדם הראשון, איז דאס נישט גוט פאר צדיקים וואס זיי דארפן וואנדערן פון פלאץ צו פלאץ צו ברענגען פרנסה, און אזוי שטערט דאס זיי פון לערנען און דאווענען, משא"כ פאר די רשעים איז דאס א שמחה, ווייל אזוי האבן זיי מיט וואס אנצופילן זייער צייט, און צוליב דעם דארפן זיי נישט לערנען און דאווענען, דעריבער ביי הֶבֶל, די צדיק, איז געווען וַיְהִי א צער, אז ער איז א רֹעֵה צֹאן, א ארבעט פון אסאך שעות און האט אים געשטערט פון זיין עבודת ה', אבער קַיִן, די רשע, הָיָה, איז געווען פריילאך אז ער איז געווען א עֹבֵד אֲדָמָה, וואס דאס נעמט נאך מער צייט פון א רֹעֵה צֹאן, ממילא האט ער געהאט א אנגעפילטע טאג און נישט געדארפט טאן זיין עבודת ה', (הרי בשמים יעקב יוסף גינז) צו מוסיף זיין, שטייט אין די ספרי המקובלים אז הֶבֶל די צדיק איז געווארן מגולגל אין מֹשֶׁה, און מֹשֶׁה איז די ר"ת מֹשֶׁה שֵׁת הֶבֶל, איז הֶבֶל די צדיק, אבער ביי קַיִן שטייט שִׁבְעָתַיִם יֻקַּם (בראשית ד טו) וואס יֻקַּם איז די ר"ת יִתְרוֹ, אִישׁ מִצְרִי און קֹרַח, וואס די רשע איז געווארן מגולגל אין זיי, און וועגן דעם האט מֹשֶׁה וואס איז הֶבֶל, געהארגעט דער אִישׁ מִצְרִי, וואס איז געווען קַיִן, איז קַיִן מרומז אויפן רשע, מען דארף אנפילן די צייט מיט תורה ועבודה. (שמח זבולון תשפ"ו)

**ידיעות וועגן פריערדיגע ספרים און מחברים [פרק יב]**

**דער ווינקל האבן מיר געשריבן אין שנת תש"פ מיט 11 פרקים און אין די קומענדיגע וואכן וועל איך באשרייבן אומבאקאנטע ספרים על התורה פון די פריערדיגע גאונים אז מען זאל זיך באקענען מיט זיי און עס זאל זיין א טובה פאר די מחברים:**




**עס איז דא א ספר "ברכת טוב" נוסח השער - כולל דרשות ופירושים נחמדים ויקרים כאשר עיני הקורא תחזינה מישרים הכינו וגם חקרו לכבוד ה' ולהדרו, החכם השלם המקובל האלקי כמוהר"ר משה נראל הכהן זצוק"ל מק"ק קרעמניץ יע"א- געדרוקט אין ויניציאה שנת תע"ג דורכן זון פון מחבר הגאון ר' טוביה הרופא וואס איז געווען א רופא מומחה און מחבר פון די באוואוסטע ספר "מעשה טוביה" וואס רעדט ארום אלע איברים פון מענטש על פי רפואה און אסטראנאמי' און שמירת הגוף געדרוקט אין ויניציאה שנת תס"ט, ספר ברכת טוב איז צוטיילט אויף ליקוטים עפ"י נגלה און אויך לאנגע דרושים עפ"י קבלה, 303 דף. עס האט די הסכמה פון הגאון רבי דוד בהגאון ר' אברהם אופנהיים זצ"ל (נפ' ז' תשרי תצ"ז), מחבר ספר שו"ת "נשאל דוד". דער זון שרייבט אז זיין טאטע איז נפטר געווען אין שטאט מי"ץ תי"ט, און ער איז געווען א גאר גרויסער עניו און א גאון סיי בנגלה און סיי בנסתר און א "ברכת טוב" פאר יעדן הויז צו האבן זיע"א.**

## מדור העובדות
<u>לכבוד ההילולא שב"ק בראשית כ"ו תשרי תקפ"ז</u>

*****דורך העלפן דעם גרויסער ר' אשר מסטאלין זצוק"ל מאכן א סוכה, האט ער באקומען אריכות ימים מיט עשירות*****

הרה"ק ר' אהרן הגדול מקארלין זצוק"ל דער גרויסער תלמיד פון הייליגן מגיד פון מעזריטש איז נסתלק געווארן י"ט ניסן תקל"ב זייענדיג אלט 36 יאר, און צדיקים האבן געזאגט ער איז פארברענט געווארן פון זיין הויכע יראת שמים, זיין זון ר' אשר מסטאלין זצוק"ל איז געבוירן געווארן שנת תק"כ, און איז געבליבן א יתום ביי די 12 יאר, און ער איז געהאדעוועט געווארן ביי הרה"ק ר' שלמה קארלינער זיע"א וואס איז געוועזן א תלמיד פון ר' אהרן הגדול, ר' אשר האט געזאגט אז זיין רבי ר' שלמה האט אים גלייך געמאכט אלע זיינע ספיקות. כ"ב תמוז תקנ"ב איז ר' שלמה געהרגעט געווארן דורך א גוי זייענדיג אלט 52 יאר, ר' אשר האט איבערגענומען די הנהגת החסידות תקנ"ב ביז זיין הסתלקות כ"ו תשרי תקפ"ז. ר' אשר איז געפארן צו הונדערט און צען צדיקים. ר' אשר האט געהאט איבער 100 בני עליה בעלי רוח הקודש נאר פון שרייען ביים דאווענען. צוליב די מתנגדים האט ר' אשר געמוזט <u>גיין קיין שטאט סטאלין, און אזוי שפעטער האבן אונזערע צדיקים געוועזן סיי אין קארלין און סיי אין סטאלין.</u>

איינמאל איז אויסגעקומען אז דער רבין איז געוועזן אויף א ווייטע נסיעה און געמוזט דארטן בלייבן אויף סוכות, דער רבין האט געפרעגט וועגן א סוכה אין שטעטל האט מען אים דערציילט אז אין יענעם שטאט איז געוועזן נאר איין סוכה און פונקט יענעם יאר איז געווארן זייער קאלט אנפאנג תשרי און דער דאך פון סוכה איז געווארן צוגעדעקט מיט א דיקע אייז און עס איז נישט געוועזן מעגלאך צו עפענען די דאך און נוצן די סכך, דער רבי איז געגאנגען קוקן אויפן סוכה, האט געזאגט אז ער וועט נישט קענען אויסהאלטן סוכות אן א סוכה, אבער ער מוז דא בלייבן, און גענומען שטארק וויינען!

דאס וויינען פון רבין האט זיך צושפרייט אין שטאט און א יונגערמאן וואס איז געוועזן א גיבור, געקומען צום רבין און געזאגט אז ער וועט ערליידיגן אז די סוכה זאל זיין גרייט אויף יו"ט, דער רבי האט אים באדאנקט און דער יונגערמאן איז ארויף אויפן דאך און פרובירט מיט זיין גאנצן כח אראפ צונעמען די אייז אבער ער האט געזען ווי דיק די אייז איז, און האט געזען אז ער אליין וועט דאס נישט קענען מאכן, האט ער גערופן אסאך חבירים צו קומען העלפן האקן די אייז אין די שטארקע קעלט און אזוי וועט דאס ווערן גרינגער פאר אים דאס צו ערליידיגן, זיינע חברים האבן פרובירט צו העלפן, אבער די קעלט איז געוועזן צו גרויס פאר זיי און זיי זענען אוועק געגאנגען.

דער יונגערמאן האט זייער שטארק געוואלט העלפן דעם רבין און האט מחליט געוועזן ער וועט גיין מיט מסירת נפש און דאס טאן, און ער האט גענומען האקן און ער האט געשוויצט אין די גרויסע קעלט ביז ענדע האט ער מצליח געוועזן אראפ צו ווארפן די אייז פון די דאך און ער האט געעפענט דעם דאך, און עס איז געווארן כשרע סכך אויפן סוכה, דער גרויסער סטאלינער האט זיך זייער געפרייט און אים באדאנקט פאר זיין מסירת נפש.

אבער פון שטארק שוויצן אין דעם פארפרוירערנעם וועטער, האט דער גיבור באקומען הויכע היץ און א לונגן אנצינדונג און פארלוירן זיינע כוחות און נישט געקענט ארויסגיין פון בעט, מען איז געגאנגען אים מזכיר זיין ביים רבין וואס האט זיך אינטערעסירט אויף זיין מצב, אבער ער האט נישט געוואונטשן! סוכות קומט אריין דער רבי אין סוכה מאכן קידוש, און ער הייסט מען זאל גיין ברענגען דעם יונגערמאן צו די סוכה ווייל ער וויל עסן מיט אים צוזאמעמאכן אין סוכה.

דער יונגערמאן וואס איז געוועזן גאר שוואך האט זיך זייער געפריידט אז ער האט באקומען דעם איינלאדענונג פון רבין, און זייענדיג קראנק און שוואך האט מען אים געברענגט מיט זיין בעט, דערווייל האט דער גרויסער סטאלינער געווארט און ווען דער יונגערמאן איז אנגעקומען אין סוכה מיטן בעט, איז דער רבי אים געגאנגען מקבל פנים זיין מיט גרוים שמחה און אים נאכאמאל באדאנקט אויף זיין געוואלדיגע טירחה און מסירת נפש אז עס זאל זיין א סוכה!

דער יונגערמאן איז געווארן גייסטיש געשטארקט און געזאגט פארן רבין, אז דער רבי זעהט דאך וואס עס האט מיר געברענגט! רופט זיך אן דער רבין "שרעק זיך נישט, דארפסט נישט דאגה'ן דו וועסט אי"ה זיין אינגאנצן געזונט", דער יונגערמאן האט געהערט די ווערטער און איז גלייך געווארן בארוהיגט, דער רבי האט געזאגט מען זאל ארויסנעמען דעם יונגערמאן פון בעט און אים זעצן לעבן אים, דער רבי האט אים אנגעגאסן א כוס וויין, און אים מכבד געוועזן צו מאכן קידוש און זאגן לישב בסוכה, און פון מינוט צו מינוט פילט דער יונגערמאן אז זיינע כוחות קומען צוריק, דער רבי האט געהייסן לייגן לחם משנה פאר אים און געבעטן אז ער זאל עסן, און ער פילט שוין אסאך בעסער. נאכן בענטשן האט אים דער רבי ווייטער געגעבן א ברכה ער זאל זיין אינגאנצן געזונט, און דער יונגערמאן איז אהיים פול מיט אמונה פילנדיג אסאך בעסער, און ב"ה ביז ענדע סוכות איז ער געווארן אינגאנצן אויסגעהיילט! נאך סוכות ווען דער רבי האט געוואלט אהיים פארן, האט ער זיך געזעגנט פון די שטאט'סלייט און דער יונגערמאן איז אויך געקומען א געזונטער מיט די פולע כוחות, און דער רבי האט זיך מיט אים געזעגנט און אים אנגעוואונטשן מיט אריכות ימים און עשירות און נחת פון די קינדער, אין זכות פון זיין מסירת נפש!

הרה"ח ר' נחמן יוסף ווילהעלם זצ"ל דער שווער פון הרה"ק ר' יוחנן פון רחמיסטריווקא פון ירושלים זצוק"ל, האט דערציילט אז ער איז געוועזן אין סטאלין שנת תרנ"ב ביים הייליגן רבין דער אור ישראל פון סטאלין זצוק"ל און האט זיך געטראפן מיט יענעם איד וואס איז אויך געקומען נעמען א ברכה, און דער איד איז שוין געוועזן אריבער די הונדערט יאר. און ער האט זוכה געוועזן צו עשירות מופלגת, און גאר חשובע קינדער, אלעם אין זכות פון זיין מסירת נפש, זיע"א.

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

תיקון ליל שבועות זיטאמיר תרכ"ב מצב מפואר $3500 סעט שו"ע זיטאמיר חסר או"ח ח"ג $3000 טור אבהע"ז וחו"מ סלאוויטא $600 ירושלמי דפוס זיטאמיר מצב מפואר כריכת עור מעיר סאטמאר נייר לבן, $3500 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $6000 ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 מהר"ם שיק עם חתימת וחותמת הגאון ר' אליעזר צוקער מבערגסאז עם ב' הגהות ממנו $3000 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 18 גמרות זיטאמיר ריגאל עם הג' בבות יבמות גיטין ועוד רובם מצבים מצויינים $35000 נ"ך זיטאמיר ח"ג $400 נ"ך זיטאמיר ח"ד $400 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $8500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת עם הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 חיי אדם זיטאמיר $800 אדמו"י מלכות בית טשערנאביל $500 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר צדקת יוסף עם הקדשת הרבי מפיטסבורג הר"ר מרדכי זצ"ל $500 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו $3500 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com. WE sell old USA coins and supplies albums coin holders also silver coins for Pideon Haben*

# אינהאלט

## פרשת בראשית

דתשרי על עמיה - דער חודש תשרי איז נאָר אַ 'הקדמה' צום גאַנצן יאָר הבא עלינו לטובה.......... ד
בראשית ברא אלוקים - די ערשטע זאַך איז אמונה אין באַשעפער.......................... יא
בראשית ברא - די וועלט איז באַשאַפן געווארן וועגן דיין התחדשות......................... טז

**ספה"ק בת עין**

**סְגוּלָה וְעֵצָה שֶׁיּוּכַל אָדָם לְקַשֵּׁר מַחֲשַׁבְתּוֹ אֶל הַדִּיבּוּר בִּתְפִלּוֹת שַׁבָּת** א סגולה און עצה פאר א מענטש אז ער זאל קענען צובינדען זיין מחשבה צו זיין דיבור, וואס ער רעדט ביים דאווענען צום אייבערשטען אום שבת קודש, (אז ער זאל אינזין האבן וואס ער זאגט ארויס מיט זיין מויל ביים דאווענען) **הוּא לִרְאוֹת לִקְרוֹת הַפַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם דַּוְקָא בְּיוֹם וָא"ו עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ** דאס איז, אז ער זאל זעהן מעביר סדרה צו זיין צווי מאהל די פסוקים פון די פרשה און איין מאהל די תרגום, דוקא אויף פרייטאג ערב שבת קודש.

**וְהַטַּעַם** און די טעם פאר דעם איז, **כִּי תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב מְרַמֵּז עַל בְּחִי' הַמַּחֲשָׁבָה** ווייל תורה שבכתב [וואס דאס איז די פסוקי התורה] איז מרמז אויף די בחינה פון מחשבה **וְתוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה שֶׁהוּא פֵּירוּשֵׁי הַתּוֹרָה מְרַמֵּז עַל בְּחִי' הַדִּיבּוּר** און די תורה שבעל פה וואס דאס איז די טייטש אויף די תורה [אזוי ווי די תרגום וואס טייטשט אפ די פסוקי התורה] איז א בחי' פון דיבור – רייד, **עַל כֵּן קְרִיאַת הַפַּרְשָׁה עִם הַתַּרְגּוּם שֶׁהוּא פֵּירוּשׁוֹ שֶׁקּוֹרָא בְּיוֹם וָא"ו עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ** צוליב דעם, דורכן לייענען די פסוקי התורה צוזאמען מיט די תרגום, וואס איז די פירוש אויף די תורה וואס ער ליינט אויף פרייטאג ערב שבת קודש, **עוֹשֶׂה פְּעוּלָה שֶׁיִּהְיֶה דָּבוּק וּמְקוּשָּׁר אַחַר כָּךְ בְּשַׁבָּת קוֹדֶשׁ בְּעֵת הַתְּפִילָּה מַחֲשַׁבְתּוֹ וְדִיבּוּרוֹ כְּאֶחָד** טוט ער מיט דעם א פעולה צוזאמצושטעלן די מחשבה מיט די דיבור, און דאס איז מעורר אז דערנאך אום שבת קודש, זאל ער קענען ביים דאווענען צוזאמשטעלן אז זיין מחשבה און וואס ער רעדט ארויס ביים דאווענען זאלן זיין אייניג.

**(סוף דרוש לשבועות)**

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת בראשית

**דתשרי על עמיה - דער חודש תשרי איז נאָר אַ 'הקדמה' צום גאַנצן יאָר הבא עלינו לטובה**

**מיר** זאָגן אין די זמירות (ליל שב"ק, 'אומר בשבחין' וכו') 'יהא רעוא קמיה דתשרי על עמיה'. האָבן צדיקים געטייטשט די ווערטער, אַז מיר בעטן דעם אויבערשטען אַז די השפעה, פון חודש תשרי זאָל בלייבן ביי אונז[א] אַ גאַנץ יאָר[ב], ווייל דער תכלית פון די עבודה פון די הייליגע טעג שעברו עלינו לטובה, און אַלע השפעות פון קדושה און שמחה זענען נישט געמאַכט געוואָרן פאַר זייער צייט[ג], נאָר משפיע צו זיין אויפ'ן גאַנצן יאָר[ד], ספּעציעל אויפ'ן ווינטער הבא עלינו לטובה.

---

**א.** מיר האָבן געהערט אַ מורא'דיגע געדאנק פון אַ תלמיד חכם, אַ 'פה מפיק מרגליות', וואָס ער האָט געזאָגט ביי אַ 'שבע ברכות', ווי פאָלגענד:

אַ איד פון דער שטאָט לעלוב, פלעגט יעדעס יאָר פאָרן קיין לובלין אויף פסח, צו זיין ביי זיין רבי'ן, דער הייליגער לובלינער זי"ע. אויפ'ן וועג פלעגט ער אַדורכפאָרן אַ 'פרשת דרכים' - אַ שיידוועג, וואו עס איז געשטאַנען אַ שטאַנג מיט פיר שילדן, ווייזנדיג אויף פיר ריכטונגען. יעדער שילד האט געוויזן אויף דער ריכטונג פון אַן אַנדערע שטאָט, כדי די מענטשן וואָס פאָרן אויפ'ן וועג, זאָלן וויסן וואו צו גיין. צום ביישפיל, אויפ'ן שילד וואָס איז געווען אויסגעדרייט צו מזרח-זייט, איז געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות, דער נאָמען פון דער שטאָט 'וואַרשע'. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ סימן, אַז דער וואָס וויל אָנקומען אין וואַרשע, דאַרף זיך ווענדן צו דער ריכטונג פון מזרח. דאָס זעלבע האָט מען אויפגעשטעלט אַ שילד צו צפון, וואו ס'איז געווען אויפגעשריבן 'לובלין', און אַזוי ווייטער.

איין יאָר האָט אין משך פון גאַנצן ווינטער שטאַרק גערעגנט און געשנייט, באַגלייט מיט גרויס שטורעם-ווינטן און שניי-זאַווערוכעס, אַזוי אַז ווען דער לעלובער איד האָט געוואָלט פאָרן אויף פסח קיין לובלין, און ער איז אָנגעקומען צום דערמאנטן שיידוועג, איז איהם געוואָרן 'פינצטער פאַר די אויגן'. ער האָט נישט געטראָפן דעם שטאַנג מיט די פיר שילדן, און ער האָט פאַרשטאַנען אַז אַ ווינט האָט אומגעוואָרפן דעם שטאַנג. ער האָט אַלזאָ נישט געוואוסט וואוהין צו פאָרן, צו מזרח אָדער צו מערב, צו צפון, אָדער צו דרום. אויך האָט ער נישט געטראָפן אַנדערע דורכפאָרער וואָס זאָלן איהם קענען אָנווייזן דעם וועג וואו מ'דאַרף פאָרן. האָט ער זיך גענומען זוכן דעם שטאַנג מיט די שילדן, און נאָך לאַנגע זוכונגען האָט ער געטראָפן דעם שטאַנג ליגן אין די בלאָטעס, אונטער אַ באַרג פון שניי און אייז, ווי אַן 'אבן שאין לה הופכין'. ער האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט וואו צו גיין, ווייל כאָטש ער האָט געוואָלט צוריקשטעלן דעם שטאַנג אויף זיין אַלטן אָרט, האָט ער אָבער נישט געוואוסט ווי אַזוי עס אַוועקצושטעלן. דער אויבערשטער האָט איהם דערלויכטן די אויגן, און ער האָט זיך געכאַפּט: **איין זאַך ווייס איך דאָך אויף זיכער, 'מאין באת' - איך געדענק דאָך קלאָר פון וואו איך בין געקומען**, ממילא, דאַרף איך אויפשטעלן דעם שטאַנג אויף אַן אופן אַז דער שילד וואָס ווייזט קיין לעלוב, זאָל זיין אויסגעדרייט צו די זייט פון וואו איך בין געקומען. דאַן וועט אַלעס זיין אין אָרדענונג, ווייל אויך די אַנדערע שילדן וועלן שוין ווייזן אַזוי ווי פריער, און אַזוי וועל איך קענען פאָרזעצן צו פאָרן ווייטער אויפ'ן וועג, און אָנקומען צו מיין ציל, לחיים ולשמחה ולשלום...

דאַן האָט דער בעל דרשן זיך געוואָנדן צו דעם חתן, און איהם געזאָגט: דו לאָזט זיך יעצט אַרויס אויפ'ן וועג צום טאָג-טעגליכן לעבן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יט, ו) 'והוא כחתן היוצא מחופתו, ישיש כגיבור לרוץ אורח'... דו לאָזט זיך אַרויס אויף אַ 'שפּאַציר' איבער'ן 'ים הגדול', און דו ציטערסט מסתמא, ווייל דו ווייסט דאָך נישט אויף וועלכן וועג צו גיין, רעכטס אָדער לינקס... דאַרפסטו צוערשט געדענקען איין זאַך: 'מאין באת'... דו ווייסט דאָך דעם מקור פון דיין אָפּשטאַם, וואו דו ביזט ערצויגן געוואָרן, און וואָס פאַר אַ חינוך דו האָסט באַקומען. אויב אַזוי, איז דער וועג וואָס דו ביזט געגאַנגען ביז יעצט, וועט דינען פאַר דיר אַלס אַ מורה-דרך ווי אַזוי צו גיין ווייטער, און קענען שטייגן אין עבודת השם.

לענינינו, מיר שטייען יעצט ביים אָנהייב פונעם נייעם יאָר הבעל"ט. דאַרף מען גוט אַרייננעמען אין מח און אין האַרץ **'מאין באת'**. מיר האָבן דאָך ערשט געהאַלטן ביי ראש השנה, יום כיפור, סוכות, און שמחת תורה... יעדער איינער פון אונז האָט געהאַט אַ התעלות לויט זיין מדריגה. יעדער איינער האָט געוואָלט מורא האָבן פונעם באַשעפער... דער זכרון פון די הייליגע טעג דאַרף שטיין פאַר אונזערע אויגן, און אַזוי וועלן מיר קענען פאָרזעצן צו גיין אויפ'ן ריכטיגן וועג.

אַזוי שרייבט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זצ"ל (ח"ב, ע' רכז), **ס'איז די טבע פונעם מענטש אַז צומאָרגנס פונעם יום טוב, פאַרגעסט ער אינגאַנצן וואו ער איז געווען נעכטן, און וואָס ער האָט געטראַכט.** וואָס זיין האַרץ האָט געוואָלט ווען ער האָט געטאַנצן מיט די תורה. 'אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי'. אויף דעם זאָגט דער פסוק **'אסרו חג בעבותים'. דו זאָלסט צובינדן דעם יום טוב מיט שטאַרקע שטריק, אַז עס זאָל נישט אַרויספאַלן פון דיינע הענט, און עס זאָל איבערבלייבן אַ 'חקיקה' פונעם יום טוב אויפ'ן גאַנצן יאָר.**

הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויבער זי"ע האָט דערציילט וועגן אַ בחור וואָס איז געווען אַ קנאַפּער בר-דעת. זיינע מעשים האָבן זיך אַפילו געגרעניצט מיט טיפּשות, אַזוי אַז אַלע האָבן איהם גערופן 'מאָטל נאַר'.

אַלזאָ, מאָטל נאַר האָט חתונה געהאַט. אין טאָג פון די חופה האָט מען געזעהן ווי מאָטל זיצט און וויינט בדמעות שליש. זיינע חברים, וועלכע האָבן איהם גוט געקענט און געוואוסט אַז זיין וויינען האָט נישט קיין שום ערנסטן באַדייט, האָבן זיך געוואונדערט אויף דעם וואָס ער וויינט אין צייט פון זיין שמחה, וואָס דאַרף זיין דער פריילעכסטער טאָג אין זיין לעבן. האָט מאָטל זיי געזאָגט: 'יעצט רופן מיך טאַקע אַלע 'מאָטל חתן', אָבער איך וויס דאָך אַז אין אַ וואָך פון יעצט, נאָך די 'שבע ברכות', וועלן אַלע מיך ווייטער רופן 'מאָטל נאַר'.. 'אוי לאותה בושה, אוי לאותה כלימה'... און אויף דעם וויין איך...

די כוונה דערפון איז, אַז דער טיפּש וויינט ווייל אין אַ וואָך אַרום וועט ער ווידער זיין דער זעלבער 'מאָטל נאַר', אָבער דער קלוגער מענטש ווייסט אויסצונוצן די צייט, אַז די השפעה פון די ימים טובים זאָל איבערבלייבן אויפ'ן גאַנצן יאָר.

און דער הייליגער 'עטרת צבי' זי"ע האָט אויסגעפירט די מעשה מיט אַ צובראָכענע שטים: מיר אַלע זענען דאָך נישט אַנדערש ווי 'מאָטל נאַר'. במשך פון גאַנצן יאָר פאַרגעסן מיר פון אַלעם וואָס מיר האָבן געומען אויף זיך אין חודש תשרי... און דאַן, ווען עס קומען נאָך אַמאָל די סליחות-טעג, און די ימים נוראים דערנענטערן זיך, ווערט צוריק נתעורר דער הייליגער פונק אין האַרצן פון יעדן איד, און מיר אַלע ווערן 'מאָטיל חתן' מיט פּראַכט און גלאַנץ. **דאַרפן מיר יעצט, ווען די הייליגע טעג זענען שוין אַדורכגעגאַנגען, מתפלל זיין צום באַשעפער אַז מיר זאָלן נישט זיין דער זעלבער 'מאָטיל נאַר' אַזוי ווי פריער**, און מיר זאָלן זיך נישט אומקערן צו אונזערע נאַרישע וועגן חלילה, נאָר מיר זאָלן נתעורר ווערן פון יעצט און ווייטער צו דינען דעם אויבערשטען מיט א אמת.

הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע פון סלאָנים, האָט געזאָגט אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ג, ט) 'ויאמר לו **איכה**', מיט אַ 'מעשה', אַ חסיד איז געשטאַנען אויפ'ן בריק אינמיטן די הויפּטשטאָט וואַרשע, און געזעהן ווי מענטשן לויפן אַרום צעטומלט. האָט ער זיך געגעבן א צושריי: רבונו של עולם, וואו ביזטו, און וואו בין איך... דאָס זעלבע, האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו אדם הראשון: **'איכה'** - זיי זיך מתבונן וואו ביזטו געווען פאַר'ן חטא. דו ביזט דאָך דעמאָלס געשטאַנען אויף אַ מדריגה העכער פון די מלאכים, און וואו ביזטו יעצט? ווי אַזוי ביזטו אַזוי פיל געפאַלן.

אַזוי דאַרף יעדער איד זאָגן שבת בראשית, **'איכה'**. וואו געפינסטו זיך יעצט? עס איז דאָך ערשט געווען דער הייליגער חודש תשרי, ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום כיפור, סוכות, שמיני עצרת און שמחת תורה, ווען יעדער איינער האָט זיך אויפגעהויבן און געשפּירט אַ התעוררות אין האַרץ. **'איכה'** - **ווי אַזוי האָסטו שוין פאַרגעסן פון אַלעם, און דו ביזט שוין 'צוריק צום אַלטן'...**

דער ראָפּשיצער רב זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, אַ איד האָט געוואוינט אין אַ קליין דערפל, איינער אַליין צווישן די גוים, און ער האָט ליידער נישט דעוויסט וויאזוי צו דאַווענען, נישט אין די וואָכן-טעג, און אַוודאי אין די שבתים און ימים טובים. אין אַ העלן טאָג האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין אַ גרויסע שטאָט, וואו איינער פון די שטאָט-לייט האָט זיך דערבאַרימט אויף איהם און אָנגעהויבן איהם לערנען ווען ס'איז דער זמן פון תפילת שחרית, און וואָס

דער סדר התפילה איז בכלל, און אַזוי אויך וועגן שבת. ווען ס'איז געקומען צו 'שבת סליחות', האָט דער שטאָטישער איד דערציילט פאַר דעם דאָרפסמאַן אַז עס גייען קומען די ימי הרחמים והסליחות צום נייעם יאָר, און מאָרגן אינדערפרי (דעם ערשטן טאָג סליחות) שטייען אַלע אויף צו זאָגן 'סליחות'. ער האָט איהם געוויזן דעם סדר פון די סליחות, צוגעבנדיג, אַז פון יעצט אָן, קומט מען יעדן טאָג פרי אין שול זאָגן סליחות. אין דעם טאָג פאַר ערב ראש השנה, האָט ער איהם געזאָגט אַז מאָרגן שטייט מען אויף גאָר פרי, ווייל ס'איז דאָ אַסאַך סליחות צו זאָגן... ער האָט איהם אויך אויסגעלערנט דעם גאַנצן סדר פון ראש השנה, די תפילות און די תקיעות, ווי אויך די מערערע 'פיוטים' וואָס מ'זאָגט, אַזוי אַז מ'געפינט זיך כמעט אַ גאַנצן טאָג אין שול. אויך האָט ער איהם געזאָגט גענוי וועגן די סליחות וואָס מ'זאָגט אין די עשרת ימי תשובה.

פאַר ערב יום כיפור האָט ער איהם געלאָזט וויסן, אַז מ'דאַרף ווייטער אויפשטיין פרי, נאָנט צום עלות השחר, צו 'שלאָגן כפרות', און ער האָט איהם אויך אויסגעלערנט דעם גאַנצן סדר פון יום הקדוש, פון 'כל נדרי', ביז נאָך 'נעילה'.

יעצט האָט דער דאָרפסמאַן שוין געמיינט, אַז נאָך דעם ווי מ'בלאָזט שופר ביים סוף פון 'נעילה' מוצאי יום כיפור, קומט שוין די 'וואַקאַציע'... האָט דער איד איהם געזאָגט, אַז יעצט קומען פיר טעג ווען אַלע זענען פאַרנומען מיט קויפן די ארבעה מינים און בויען אַ סוכה, און דערנאָך די זיבן טעג פון יום טוב ווען אַלע געפינען זיך יעדן טאָג פונעם יום טוב אַ פאָר שעה אין שול, און מ'דאַווענט שחרית, מ'זאָגט הלל און 'הושענות'. 'הושענא רבא', זאָגט מען אַסאַך די 'הושענות' און מ'בעט דעם אויבערשטען, און צום סוף קומען די צוויי הייליגע טעג פון שמיני עצרת און שמחת תורה, ווען מ'פרייט זיך מיט די תורה און מ'טאַנצט לאַנגע שעה'ן מיט די ספרי תורה.

דאַן האָט דער דאָרפס-מאַן געפרעגט דעם שטאָטישן איד, און וואָס טוט מען נאָך שמחת תורה? האָט דער איד איהם געענטפערט, אַז פון דאָ און ווייטער גייט מען צוריק צום אַלטן טאָג-טעגליכן לעבן, אַזוי ווי פאַר חודש אלול. ווען עס איז געקומען שמחת תורה, האָט דער דאָרפסמאַן געטאַנצט און זיך געפרייט אויף אַן אויסערגעווענליכן אופן, נישט ווערנדיג מיד. ער האָט ערקלערט פאר זיינע ארומיגע זיין גרויסע שמחה, אַז '**ברוך השם, מאָרגן גייט מען צוריק צום אַלטן, מ'וועט שוין נישט דאַרפן שטיין אַזוי פיל לאַנגע שטונדן און דאַווענען...**

און דער ראָפשיצער רב האָט אויסגעפירט: אָך און וויי פאַר דעם וואָס איז אַזוי ווי יענער אומוויסנדער דאָרפסמאַן, און ער פרייט זיך אַז מ'איז 'ברוך השם' שוין אַריבער די הייליגע טעג... ער פאַרשטייט נישט אַז **די הייליגע טעג זענען דער מקור פון אונזער חיות אויפ'ן גאַנצן יאָר, און פון זיי וועלן מיר שעפן קדושה אויפ'ן גאַנצן יאָר, און אויף דעם דאַרף מען אייביג אַרויסקוקן און האָפן...**

אַמאָל מוצאי שמחת תורה, האָט הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, געזאָגט צו איינעם פון די חסידים: וואָלסטו דען נישט געוואָלט אָנהייבן יעצט נאָך אַמאָל זאָגן 'תהילת ה' ידבר פי'... און בשעת מעשה, האָט דער 'אמרי חיים' זיך אונטערגעזינגען די תנועה וואָס מ'זינגט דעם ערשטן טאָג סליחות, ווען דער בעל תפילה זאָגט 'תהילת ה' ידבר פי, ויברך כל בשר שם קדשו לעולם ועד'... דער 'אמרי חיים' האָט פשוט געהאַט געוואַלדיגע געגועים און בענקענישן צו די הייליגע טעג, אַזוי אַז באַלד ווען עס האָט זיך געענדיגט, האָט ער געוואָלט אָנהייבן נאָך אַמאָל פון די סליחות...

**ב.** דאָס וואָרט 'תשרי' האָט עטליכע טייטשן: **א)** פון לשון אויפבינדן, ווי 'שרי ואסר' (רש"י בראשית יח, ב) ווייל אין חודש תשרי קען יעדער איד זיך אויפבינדן פון זיין רוחניות'דיגע 'תפיסה', און באַפרייען זיין נשמה פון די שטריק פונעם יצר הרע, און אַריינקומען אין קיום התורה ומצוות, צו ווערן נאָנט צו דעם אויבערשטען ברוך הוא. **ב)** פון לשון קיום, אַזוי ווי 'והכל שריר וקיים'. עס זאָל בלייבן אין הארץ די השפעה פון דעם געהויבענעם חודש תשרי, אויפ'ן גאַנצן יאָר הבא עלינו לטובה.

**ג.** הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל האָט געזאָגט דעם פאָלגענדן משל. מ'האָט געפראַוועט אַ הערליכע חתונה אין אַ שיינעם זאַל. ביי דער חתונה, האָבן געשפילט מוזיקאַנטן מיט שיינע מוזיק, און מ'האָט סערווירט פאַר די איינגעלאַדענע געסט אַ סעודה 'כיד המלך'.

נאָך די שבע ברכות, האָט דער חתן אָבער איבערגעלאָזט די כלה איינזאַם און פאַרשעמט, און איז צוריק אַהיימגעגאַנגען צו זיינע עלטערן. די כלה האָט אויסגעבראַכן אין אַ יאָמערליכן געוויין, אויף דעם וואָס איר חתן האָט איר גורם געווען אַזאַ צער און עגמת נפש. ווען די חברים פונעם חתן האָבן איהם געפרעגט פאַרוואָס ער

האָט אַזוי געטוהן, איבערצולאָזן זיין כלה און פאַרשעמען אַ אידישע טאָכטער, האָט ער געענטפערט, וואָס איז דען אַ נפקא מינה? דער עיקר איז, אַז ס'איז געווען אַ שיינע 'חתונה'...

דער זינלאָזער חתן פאַרשטייט נישט, אַז די גאַנצע חתונה איז נאָר אַ הקדמה צו דעם 'בנין עדי עד', שפּעטער אין לעבן...

דער נמשל איז, מיר האָבן, ברוך השם, געפראַוועט הערליכע ימים טובים. מ'איז אָנגעקומען צו שמיני עצרת, ווען דער אויבערשטער פרייט זיך מיט אידישע קינדער, אין דער בחינה פון 'יחוד השלם'... **דאַרף מען אָבער זעהן נישט צו בלייבן שטיין ביי די 'חתונה'... מ'דאַרף געדענקען אַז דאָס אַלעס איז נאָר אַ 'הקדמה' צום גאַנצן יאָר הבא עלינו לטובה.**

על דרך צחות, ווערט געברענגט אַ וואָרט אויף דעם וואָס חז"ל זאָגן, אַז שמיני עצרת זאָגט דער אויבערשטער צו די אידן, 'קשה עלי **פרידתכם**, עכבו עמי יום אחד'. ס'איז מיר זייער שווער צו געזעגענען זיך פון אייך, איך בעט פון אייך, איר זאָלט זיך אויפהאַלטן מיט מיר נאָך איין טאָג. אַ 'פרידה', איז א בהמה וועלכע קען נישט האָבן קינדער. זי האָט נישט נאָך זיך אַ המשך פון דורות. דאָס איז דער רמז אין די ווערטער פון חז"ל, אַז דער אויבערשטער זאָגט **'קשה עלי פרידתכם'**. דער אויבערשטער כביכול רעדט זיך אָפּ, עס איז פאַר מיר זייער שווער דער פאַקט אַז די הייליגע טעג זענען ביי אייך אין דער בחינה פון אַ 'פרידה' - אָן אַ המשך... **'עכבו עמי'** - דער אויבערשטער בעט זיך ביי אידישע קינדער, עס זאָל בלייבן אַ קיום און 'צוריקהאַלט' פאַר אַלע גרויסע אורות און השפעות פון קדושה אויפ'ן גאַנצן יאָר.

**ד.** ס'איז באַקאַנט די מעשה וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אַ איד וואָס האָט געהייסן רבי אייזיק רבי יעקלי'ס, וועלכער האָט געוואוינט אין קראָקע, און איז נפטר געוואָרן אין יאָר ת"ג. אין די פריערדיגע יאָרן איז ער געווען אַ בלוטיגער אָרימאַן ל"ע. איין נאַכט האָט ער געזעהן אין חלום אַז אונטער די גרויסע בריק וואָס פירט אַריין אין שטאָט, איז באַהאַלטן אַ גרויסער אוצר. ווען ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי, איז ער געגאַנגען מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ זוכן דעם 'רייכטום' וואָס איז פאַר איהם אָנגעגרייט אונטער'ן בריק. ער האָט געגראָבן אונטער'ן בריק, זוכנדיג דאָרט דעם אוצר. איז צוגעקומען צו איהם אַ מיליטערישע קאָמאַנדיר און איהם געפרעגט וואָס ער גראָבט דאָ. האָט רבי אייזיק איהם געענטפערט תמימות'דיג, אַז ער זוכט דאָ אַן אוצר, וואָס מ'האָט איהם אָנגעוויזן דערויף פון הימל... האָט דער הויכער אָפיציר זיך צעלאַכט: אויך איך האָב געזעהן אין חלום, אַז אונטער דעם אויוון אין הויז פון אַ איד מיט'ן נאָמען 'אייזיק יעקלי'ס', ליגט באַהאַלטן אַ ריזיגער אוצר פון גאָלד און זילבער. נו, קלערסטו אַז איך וועל דאָרט אַהין גיין זוכן?... ס'איז דאָך נישט מער ווי אַ חלום, און חלומות זענען פאַלש - 'חלומות שוא ידברון'.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז רבי אייזיק רבי יעקלי'ס האָט נישט דערציילט פאַר דעם אָפיציר ווער ער איז, נאָר ער איז שנעל צוריקגעגאַנגען אַהיים, און אָנגעהויבן גראָבן אונטער דעם אויוון. ביז אַ קורצע צייט האָט ער דאָרט טאַקע געפונען אַ גרויסן אוצר מיט גאָלד און זילבער, פון וועלכן ער איז געוואָרן גאָר רייך. ער האָט פון דעם געלט אויך געבויט די באַקאַנטע גרויסע שול אין קראָקע, וואָס ווערט גערופן אויף זיין נאָמען: 'רבי אייזיק רבי יעקלי'ס שול'.

צדיקים פלעגן דערציילן די דאָזיגע מעשה, און אַרויסלערנט פון דעם אַ לימוד אין עבודת השם.

הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, פלעגט דערציילן די מעשה (געברענגט אין ספר 'ליקוטי אמרי חיים', מוצאי יו"כ), אַלס אַ משל אויפ'ן סדר החיים פון יעדן איד. עס זענען דאָ מענטשן וואָס אַ גאַנץ יאָר זענען זיי 'אָרים' אין מעשים טובים, זייענדיג זיכער אַז דער 'אוצר' געפינט זיך **אין די טעג** פון ראש השנה און יום כיפור. **דעמאָלס** איז די צייט צו שעפּן פולע הויפנס פון די שפע פון קדושה. אַזוי וועלן זיי קענען שטייגן גאָר הויך. ווען עס קומען אָבער די הייליגע טעג, געפינען זיי אויס אַז דאָס עשירות געפינט זיך גאָר **'ביי זיי'. אין יעדן איד, איז באַהאַלטן אַ ריזיגער אוצר מיט כוחות הנפש צו דינען דעם אויבערשטען.** זיי נעמען אויף זיך גוטע קבלות צו פאַרבעסערן זייערע מעשים. דאָס איז די עבודה פון אַ איד נאָך די הייליגע טעג, צו שפּירן און מיטלעבן די רוחניות'דיגע אוצרות, און האַלטן אַלעס וואָס מ'האָט גענומען אויף זיך.

דער ראָפּשיצער רב זי"ע פלעגט זאָגן ביים אַרויסגיין פון יום טוב סוכות: **'מיר גייען אַרויס פון גרויסע הייליגע טעג, און מיר גייען אַריין אין הייליגע נעכט'.**

**דער** גאון בעל 'נודע ביהודה' זצ"ל האָט געטייטשט דעם פסוק (ישעיה א, ו) 'מכף רגל ועד ראש אין בו מתום'. שמיני עצרת ווערט אָנגערופן 'רגל' בפני עצמו (ר"ה ד:). איז דער נביא מרמז, ער רעדט זיך אָפּ אויף די מענטשן וואָס 'מכף רגל' - פון נאָך דעם טאָג פון שמיני עצרת (וואָס ווערט אָנגערופן 'רגל' בפני עצמו). 'עד ראש' ביז קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט, 'אין בו מתום' - לאָזט ער אָפּ דעם ערליכן וועג. ער טוט וואָס זיין האַרץ גליסט אַזוי ווי ביז יעצט, נאָר פון ראש השנה ביז נאָך שמיני עצרת, וויל ער זיך פירן ערליך און גוט.

---

דער מונקאַטשער רב, הרה"ק בעל 'מנחת אלעזר' זי"ע, האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'דרכי חיים ושלום', אות תת"י) אַז צדיקים פלעגן אָנרופן די נעכט פונעם ווינטער, מיט'ן נאָמען **'די הייליגע ווינטער נעכט'**, ווייל דעמאָלס קען יעדער איד קונה זיין אַ קנין אין די תורה.

הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט אָנגערופן די ווינטער נעכט אַלס, **'די גאָלדענע נעכט'** ('אמרי פנחס' השלם, שער עבודת השם, אות יג), און דער 'נתיבות שלום' ברענגט, אַז הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשסיחא זי"ע פלעגט באַצייכענען די ווינטער-נעכט, אַלס **'די גוטע פריינט'**.

הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויבער זי"ע, בעל 'עטרת צבי', אַז **די ווינטער-נעכט האָבן אין זיך די קדושה פון חול המועד**.

אויך האָט ער געזאָגט, אַז **מ'קען יעדן פאַרטאָגס אין ווינטער, פועל'ן אַזוי ווי יום כיפור ביי תפילת 'נעילה'** (געברענגט אינעם ספר 'אוצר ישראל').

> ## מן הבאר
>
> אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הרה"ק בעל 'בית אהרן' פון קאַרלין זי"ע, אַז ווען עס גייען אַדורך די ימים נוראים, טוט איהם וויי דאָס האַרץ, וואו וועט ער זיך נאָך קענען אָנוואַרימען מיט'ן אור פון די הייליגע טעג. **ווען עס קומען אָבער די לאַנגע ווינטער-נעכט ווערט ער באַרואיגט.**
>
> דער לעלובער רבי האָט אויסגעפירט: לכאורה וואָס האָט דער 'בית אהרן' שוין געקענט פאַרדינען פון די לאַנגע ווינטער-נעכט? ער האָט דאָך סיי-ווי געלערנט יומם ולילה, טאָג און נאַכט, סיי זומער, און סיי ווינטער... נאָר וואָס דען, אין די קאַלטע ווינטערדיגע נעכט, איז שווער פאַר דעם מענטש אויפצושטיין פון בעט, און צוליב דעם זענען די ווינטערדיגע נעכט געווען טייער ביי די הייליגע צדיקים, ווייל **אַן עבודה וואָס קומט אָן מיט שוועריגקייטן, איז פיל חשוב'ער ווי אַן עבודה וואָס קומט אָן גרינגער.**

אין אַסאַך קהילות האָט מען אָנגעהאַלטן די מנהגים פון חודש תשרי, ביז נאָך **שבת בראשית.** צום ביישפיל, מ'האָט איינגעטינקען די חלה אין האָניג, און מ'האָט געלאָזט הענגען דעם ווייסן פרוכת אויף דעם ארון קודש ביז נאָך שבת בראשית.

הרה"ח ר' משה גראָס ז"ל פון גענף, שווייץ, וועלכער איז געווען אַ הייסער בעלזער חסיד, האָט זייער געוואָלט פאַרברענגען יום טוב סוכות בצל קדשו פון זיין רבי'ן הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע, אין די יאָרן ווען דער בעלזער רב האָט שוין געוואוינט אין ארץ ישראל. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ שיף קיין ארץ ישראל, אָבער די נסיעה האָט זיך פאַרצויגן און ער איז אָנגעקומען אין ארץ ישראל ערשט הושענא רבא פאַרנאַכטס. ער איז געווען געצוואונגען צו פאַרבלייבן אין חיפה אין יום טוב פון שמיני עצרת און שמחת תורה. ער איז ערשט אסרו חג געפאָרן קיין ירושלים, צו ווילן כאָטש שבת בראשית ביים בעלזער רב זי"ע.

ביי שלש סעודות, ווען מ'האָט געזינגען דעם פיוט 'אמונים אשר נאספו' (וואָס מ'זאָגט פאַר 'עזרת אבותינו', שמיני עצרת ביי שחרית. מ'זינגט עס שבת פרשת בראשית ביי שלש סעודות דריי מאָל, ווי ס'איז דער מנהג אין בעלזא) **האָט געקלעמט דאָס האַרץ ביי ר' משה גראָס**, שפּירנדיג דעם גרויסן שאָדן אַז ער האָט נישט זוכה געווען צו זיין שמחת תורה ביים הייליגן בעלזער רב זי"ע. דער רב ז"ל האָט ברוח קדשו תופס געווען זיין מחשבה, און ווען מ'האָט געענדיגט זינגען, האָט דער רב איהם דערלאַנגט זיין כוס, זאָגנדיג: **'שבת בראשית האָט נאָך אַ שייכות מיט די הייליגע טעג'...** (ער האָט מסתמא געמיינט צו זאָגן, אַז מ'קען נאָך 'אַריינכאַפּן'...) (געברענגט אין ספר 'פניני החסידות', אין נאָמען פון דעם בעל העובדא, ר' משה גראָס ז"ל).

די עצה אז מ'זאָל האַלטן אין זיך אַלע אורות פון די ימים טובים, איז אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קיח, כז) 'אסרו חג בעבותים'. מ'זאָל 'צובינדן' דעם יום טוב מיט 'שטריק', דורך גוטע קבלות[ה], פון וועלכע מ'זאָל זיך קיינמאָל נישט אַוועקרוקן.

**נאָך** אַ גוטע עצה איז, ווי דער הייליגער רבי ר' מענדעלע פון רימנוב זי"ע האָט געזאָגט, יעדן יום טוב טוט דער אויבערשטער אַריינשיינען אין יעדן איד אַ גרויסע הארה. דורך אט דעם אור שטאַרקט זיך דער שכל פונעם מענטש, און ער ווערט באַנייט אין

---

**ה.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, האָט געזאָגט, מיר טרעפן צוויי מאָל אין פסוק דאָס לשון 'עבות' - שטריק. איין פסוק איז 'אסרו חג **בעבותים**' (תהלים קיח, כז), און דער צווייטער פסוק (שם ב, ג) 'ננתקה את מוסרותימו ונשליכה ממנו **עבותימו**'.

האָט דער 'אמרי אמת' געזאָגט, ס'זענען דאָ מענטשן וואָס נאָך שמחת תורה זאָגן זיי, לאָמיר זיך **אָפרייסן** פון אַלע ענינים פון דעם יום טוב, און אַראָפּוואַרפן פון זיך די 'שטריק': ננתקה את מוסרותימו, ונשליכה ממנו עבותימו. דער מענטש וואָס האָט שכל, זאָגט אָבער, אדרבה, לאָמיר זיך **צובינדן** מיט שטריק צו דעם יום טוב וואָס איז אַדורכגעגאַנגען.

האָט זיין זון, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זצ"ל, צוגעלייגט, אַז דער מענטש דאַרף זיך געוואוינען צו זאָגן 'אסרו חג בעבותים', מ'דאַרף **צובינדן דעם יום טוב צו זיך**. באמת, דאַרף מען אָבער נישט 'צובינדן' דעם יום טוב צו זיך, ווייל **דער יום טוב אַנטלויפט בכלל נישט**. מיר דאַרפן זעהן נישט צו אַנטלויפן פונעם יום טוב, נאָר זיך גוט באַהעפטן און **צובינדן זיך צום יום טוב**.

רעדנדיג וועגן גוטע קבלות, איז אַוודאי אין פלאַץ צו ברענגען דאָ וואָס הרה"ק רבי יהודה'לע דזשיקובער זי"ע האָט דערציילט, אַז איין יאָר האָט הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויבער זי"ע געזאָגט, אַז ער איז גרייט מוותר צו זיין אויף אַלע הייליגע אורות וואָס ער האָט משיג געווען אין ראש השנה, יום כיפור, סוכות, הושענא רבא, און שמחת תורה, כדי ער זאָל זוכה זיין צו צעברעכן איין קליינע מדה, ווייל דאָס איז אַ גרעסערע עבודה פון אַלע עבודות וואָס אַ איד לייגט אַוועק פאַר'ן באַשעפער.

הרה"צ המפורסם רבי זלמן בריזל זצ"ל האָט געזאָגט, נאָר ביי דעם קרבן תמיד זאָגט דער פסוק (במדבר כח, ב) 'ריח ניחוחי', ווייל ס'איז אַ זאַך וואָס קומט מיט אַ קביעות, און כאָטש ס'איז נישט מער ווי איין לעמעלע, פונדעסטוועגן, **וויבאַלד עס קומט מיט אַ קביעות, איז עס מער באַליבט ביים אויבערשטן.**

דאָס איז אויך געזאָגט געוואָרן לגבי דעם ענין פון **קביעות שיעור בתורה**, אַז מ'זיצט ביי אַ שיעור בקביעות, אפילו אויב מ'איז אַמאָל מיד, איז עס אַזוי ווי מ'לערנט ממש.

מ'דערציילט, אַז אין די צייטן פון דער ביטערער קאָמוניסטישער הערשאַפט אין רוסלאַנד, וואו מ'האָט נישט ערלויבט פאַר אידן צו לערנען תורה און אָפּהיטן אירע מצוות, זענען געווען אַסאַך אידן וואָס האָבן מיט מסירות נפש געדינט דעם אויבערשטען באַהאַלטענערהייט, מיט מסירות נפש ממש.

אין אַ געוויסן קעלער, פלעגן זיך צוזאַמענקומען עטליכע אידן תלמידי חכמים און געלערנט תורה צוזאַמען. צום שיעור פלעגט קומען אַ איד, וואָס איז ליידער געווען אַן עם הארץ און נישט פאַרשטאַנען דאָס לערנען. וויבאַלד אין דעם קעלער איז געווען זייער ווייניג אָרט, די ענגשאַפט האָט דאָרט געהערשט, און ס'איז געווען הייס, אָן לופט, האָבן עטליכע אידן פון די חבורה געוואָלט בעטן דעם איד ער זאָל אויפהערן קומען צום לערנען, ווייל ער פאַרשטייט דאָך סיי-ווי גאָרנישט וואָס מ'לערנט, און ער מאַכט נאָך ענגער דאָס פלאַץ אינעם קעלער.

איינמאָל האָבן זיי איהם געפרעגט בדרך כבוד: פאַרוואָס זיצסטו דאָ מיט אונז ביים שיעור, דו פאַרשטייסט דאָך סיי-ווי נישט וואָס מיר לערנען? האָט דער איד געענטפערט, אַז ער איז אַמאָל געזעסן אין אַ 'שענק' צו כאַפּן אַ טרינק בראָנפן. ביי אַ דערנעבנדיגן טישל, זענען געזעסן עטליכע פאַרשוינען וואָס האָבן געמאַכט פלענער צו ווידערשפעניגן קעגן די מלוכה און מאַכן אַן אויפשטאַנד. די מלוכה האָט אויסגעפונען דערפון, און בשעת זיי זענען געזעסן דאָרט אין די שענק, זענען געקומען אַ גרופע סאָלדאַטן און זיי דערלאַנג שרעקליכע קלעפּ. 'וויבאַלד איך בין געזעסן נישט ווייט פון די חברה, האָבן די סאָלדאַטן אויך מיך נישט 'געשוינט', און זיי האָבן אויך מיר דערלאַנגט אכזריות'דיגע קלעפּ. עס האָבן נישט געהאָלפן מיינע געבעטן און געשרייען אַז איך בין דאָ נאָר געזעסן אין די

עבודת השם און אין לימוד התורה. ווען דער יום טוב גייט אַרויס, גייט אויך דער אור אַרויס פון איהם, און דער מענטש וואָס האָט שכל, טוט מרבה זיין בלימוד התורה באַלד ווען דער יום טוב גייט אַרויס. אַזוי בלייבט איבער ביי איהם דער אור, און עס העלפט איהם דינען דעם אויבערשטען און צו זיין נאָנט צו איהם אַ גאַנץ יאָר. (ספר 'קול יעקב', פון זיין תלמיד הגאון בעל 'מלא הרועים' זי"ע, פ' אמור)

אַזוי שרייבט דער גאון רבי חיים פאלאג'י זצ"ל (ספר 'חיים', סי' ל"ו): מיר האָבן בקבלה, אַז לויט ווי דער מענטש פירט זיך אין די ערשטע 12 טעג פון מוצאי

---

שענק, און וואָס ווילט איר פון מיר, ווייל די סאָלדאַטן האָבן גע'טענה'ט: **אויב דו ביזט געזעסן מיט זיי, ביזטו אַזוי ווי איינער פון זיי...**

- פון דעם האָב איך זיך אַראָפּגעלערנט אַ לימוד, אַז אויב מ'באַטייליגט זיך ביי אַ שיעור פון תורה, איז מען זוכה צו אַסאַך שכר, אפילו אויב מ'פאַרשטייט נישט וואָס מ'לערנט, ווייל **אויב יענע רשעים האָבן פאַרשטאַנען אַז דער וואָס זיצט נעבן די אויפשטענדלער איז אַזוי ווי איינער פון זיי, איז דאָך אַ קל וחומר, 'מדה טובה מרובה', אַז דורך זיצן ביי אַ שיעור פון תורה נעבן תלמידי חכמים, האָב איך אויך אַ חלק אין אייער לערנען, און איך וועל באַקומען שכר דערפאַר אויף יענער וועלט.**

פון דעם לערנען מיר, אַז אויך אויב מ'שפירט נישט אַ טעם אינעם שיעור, און מ'איז מיד און פאַרמאַטערט, זאָל מען זיך נישט אַרויסדרייען פון זיך באַטייליגן אינעם שיעור, אַזוי ווי די ערבה וואָס מ'שאָקלט אין יום טוב סוכות, כאָטש עס האָט נישט אַ טעם און אַ ריח, אָבער אַזוי לאַנג ווי ס'איז צוזאַמענגעבונדן מיט די אַנדערע מינים קושט מען עס און מ'ווייזט אַרויס אַ חביבות צו די ערבה. נאָר הושענא רבא, ווען זי איז באַזונדער פאַר זיך, קלאַפּט מען איר און מ'וואַרפט עס אַוועק.

דער נאַראָלער רב, הגה"צ רבי חיים מאיר יחיאל שפירא זצ"ל, האָט דערציילט, אַז עטליכע חסידים זענען אמאל געקומען פון רוסלאַנד צו זיין אין משך פון די הייליגע טעג פון חודש תשרי, ביים הייליגן בעלזער רב דער שר שלום זי"ע.

ביים זיך געזעגענען מוצאי שמחת תורה, האָבן זיי געפרעגט דעם רבי'ן, ווי אַזוי קען מען אַריבערגיין פון אַזעלכע געהויבענע טעג און 'אַריינשפּרינגען' אין די רוסישע קעלטן - 'תרתי משמע', סיי ברוחניות, סיי בגשמיות.

האָט דער בעלזער רב זי"ע זיי געענטפערט מיט אַ מעשה וועגן די חכמים פון 'כעלם'. אַמאָל זענען זיי זיך צוזאַמענגעקומען צו טראַכטן אַן עצה ווי אַזוי צו האַלטן די זון די זאָל נישט אונטערגיין, כדי עס זאָל נישט זיין אַזוי קאַלט אין די ווינטערדיגע נעכט. האָבן זיי 'באַשלאָסן' אַריינצולייגן גרויסע טעפּ אינעם ים, און זיי וועלן צוריקהאַלטן די זון פון אונטערגיין אין די נאַכט-שעהן. אַזוי האָבן זיי געטוהן, אָבער צו זייער אַנטוישונג, האָבן זיי געזעהן ביינאַכט אַז 'עולם כמנהגו נוהג' - די זון איז אונטערגעגאַנגען אַזוי ווי אין די אַנדערע טעג. זענען זיי געגאַנגען קוקן צו זעהן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די טעפּ, און זיי האָבן געזעהן אַז די טעפּ זענען געוואָרן פאַרפרוירן אין די קעלט.

האָט איין 'חכם' זיך אָנגערופן, אַז די זון איז אַוודאי אַריין אינעם פעסל אונטער דעם אייז, און אויב מ'וועט צעברעכן דאָס אייז, וועט מען דאָרט געפונען די זון-שטראַלן אויך אין דער טונקעלער נאַכט. זיינע ווערטער זענען זיי געפעלן, האָבן זיי גענומען העק און אַנדערע 'כלים' כדי צו צעברעכן דאָס אייז, און וויבאַלד חז"ל זאָגן דאָך (גיטין סז:) 'גדולה מלאכה שמחממת את בעליה' - די אַרבעט טוט אָנוואַרימען דעם אַרבעטער, זענען אויך די ביינער פון די כעלעמער 'חכמים' געוואָרן אָנגעוואַרימט ביים פּרובירן אויפהאַקן דאָס אייז...

מיט די 'מעשה' האָט דער 'שר שלום' געמיינט אָנצודייטן פאַר די חסידים, **אַז כדי אָנצוהאַלטן די אורות פונעם יום טוב ווען מ'גייט אַריין אין די ווינטערדיגע וואָכן-טעג, דאַרף מען פירן אַ 'מלחמת מצוה', און האָרעווען שווער קעגן דעם יצר הרע און זיינע חיילות.**

ס'איז באַקאַנט וואָס דער פראַנצויזישער הערשער נאַפּאָלעאָן האָט געזאָגט, אַז אַן אַרמיי עקזיסטירט אַדאַנק דריי זאַכן: געלט, געלט, און געלט... דאָס זעלבע קען מען זאָגן (להבדיל) וועגן יעדן איד, אַז ער שטייט אויף דריי זאַכן: אויף תורה, און אויף תורה, און ווידעראַמאָל אויף תורה...

יום טוב, אַזוי וועט ער זיך אייביג פירן, 'מראשית השנה ועד אחרית שנה'. ס'איז געווען דער מנהג פון ערליכע אידן אין די פריערדיגע דורות, זיך צו היילינגן גאָר שטאַרק במחשבה, בדיבור ובמעשה, פון שמחת תורה ביז 12 טעג נאָך יום טוב, אַנטקעגן די 12 חדשים פונעם יאָר.

**ער** שרייבט ווייטער, אין די צוועלף טעג קומען זיי זיך צוזאַמען אין די הייזער, און זיי חזר'ן איבער זייערע לימודים, יעדער איינער לויט זיינע מעגליכקייטן. ס'איז אַ וואונדערליכע סגולה פאַר דעם מענטש וואָס טוט אַזוי, אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפן פון אָנהייב יאָר ביז'ן סוף פונעם יאָר, 'וכל אשר יעשה יצליח, הן בתורה, הן בחסידות, והן בכל משא ומתן'. ער וועט האָבן הצלחה אין אַלע זיינע מעשים, סיי אין תורה, סיי אין חסידות, און סיי ביים האַנדלען מיט אַנדערע מענטשן.

**אַזוי** שרייבט דער הייליגער חיד"א ז"ע ('מורה באצבע', אות רח"צ): נאָך יום טוב, אין חודש חשון, זאָלסטו זיך שטאַרקן אין תורה און יראת שמים, און דו זאָלסט לערנען תורה לשמה, ווייל ס'איז דער אָנהייב פונעם יאָר, און עס איז אַ גוטער סימן פאַר'ן גאַנצן יאָר. און וויבאַלד ס'איז נאָנט צו די עשרת ימי תשובה[ו], דאַרף מען ווייזן אַז אַלעס וואָס מ'האָט געטוהן איז נישט געווען נאָר 'לפָנים' ח"ו, און אויב מ'וועט יעצט אָנהייבן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול, און דו וועסט זיך מתרשל זיין אין עבודת השם, וועט עס חלילה נישט זיין לרצון. נאָר אדרבה, מ'זאָל מאַכן אַ גוטן סימן פאַר'ן גאַנצן יאָר: 'ירוץ כגיבור בעסק התורה והמצוה, כיד ה' הטובה עליו' - ער זאָל לויפן ווי אַ שטאַרקער מענטש מקיים צו זיין די תורה און מצוות ווי ווייט מעגליך, עכ"ל.

### בראשית ברא אלוקים - די ערשטע זאַך איז אמונה אין באַשעפער

'**בראשית** ברא אלוקים את השמים ואת הארץ' (א, א). האָבן צדיקים געטייטשט, 'בראשית' - די ערשטע זאַך דאַרף דער מענטש וויסן אַז דער

**ו.** עס איז דער שטייגער פונעם יצר הרע, נאָך אַזעלכע געהויבענע טעג, אַריינצוברענגען קאַלטקייט אין אידישע הערצער, מיט דמיונות אַז מ'האָט זיך שוין דערוויטערט און אָפגעקילט פון די התעוררות, און מ'שטייט שוין נישט אין די זעלבע מדריגה. ממילא, וואָס האָט ער פון די גאַנצע התעוררות...

קען מען צושטעלן דערצו, די באַקאַנטע מעשה וואָס איז פאָרגעקומען אין 'כעלם', ווען עס איז אויפגעקומען דער פּאַטענט פון אַ באַן, האָבן די 'חכמי כעלם' אויך זייער שטאַרק געגליסט צו אַזאַ באַן, וואָס זאָל הייבן דעם נאָמען און כבוד פון זייער שטאָט, און זיי האָבן געברענגט באַן-וואַגאָנען. מיט זייער נאַרישן שכל, האָבן זיי אָבער 'פאַרגעסן' צוצוגרייטן באַן-שינעס, אויף וועלכע די באַנען זאָל קענען אַריינפאָרן און אַרויספאָרן פון זייער שטאָט. זיי האָבן אויך נישט צוגעגרייט אַ 'לאָקאָמאָטיוו', פון וואו עס זאָל אַרויסקומען די פּאַרע ווען די באַן וועט פאָרן. די 'חכמים' פון כעלם האָבן געשיקט פינף פון זייערע שטאַרקסטע מענטשן פון שטאָט, אַז זיי זאָלן שטופּן די באַן פון אונטן, ביז עס וועט אָנהייבן צו פאָרן. האָבן די גיבורים פון כעלם געשטופּט און געשטופּט די באַן, און פון גרויס אָנשטרענגונג איז זיי געוואָרן זייער הייס, און זיי האָבן אויסגעטוהן זייערע אנצוגן. אַזוי האָבן זיי ווייטער געשטופּט די באַן-וואַגאָנען. אינצווישן איז דאָרט אָנגעקומען אַ פיפיגער גנב, און ער האָט צוגעגנב'עט אַלע רעקלעך, אָן דעם וואָס די גיבורים זאָלן אַפילו באַמערקן זיין 'שטיקל'.

שפּעטער, ווען די פינף גיבורים זענען צוריקגעקומען צו נעמען זייערע אנצוגן, און נישט געפונען זייערע רעקלעך, האָבן זיי זיך געפרייט זאָגנדיג: מיר האָבן באַוויזן צו שטופּן די באַן-וואַגאָנען אַזוי ווייט, אַז מ'זעהט שוין נישט אונזערע רעקלעך... די נאַרישע כעלמער גיבורים האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז בעצם זענען זיי געבליבן 'שטעקן' אויפ'ן זעלבן אָרט, און דאָס וואָס זיי זעהען נישט זייערע רעקלעך, איז עס דערפאַר ווייל יענער גנב האָט עס אַוועקגענומען פון דאָרט...

דער לימוד פון די 'מעשה' לענינינו פאַר אונז איז, דער יצר הרע איז גענוג קלוג צו 'גנב'ענען' די 'קליידער', און אַריינוואַרפן יעדן מענטשן אין נאַרישע איינרעדענישן אַז מ'האָט זיך שוין דערוויטערט פון די התעוררות. מ'זעט ליידער נישט דעם אמת אַז מ'איז נאָך אַלץ 'נאָנט' צו דעם אויבערשטען. 'כי קרוב אליך הדבר מאד'. עס טוט זיך דיר נאָר דאַכטן אַז דו ביזט געוואָרן דערוויטערט, ווייל דער יצר הרע וויל דיר אַזוי איינרעדן.

איבערשטער האָט באַשאַפן די הימלען און די ערד׳. אמונה איז דער ׳אָנהייב׳ פון אידישקייט, צו גלייבן אַז

---

**ז.** דער ׳ברית אברם׳ ברענגט אין דער היינטיגער סדרה, אין נאָמען פון הרה״ק רבי מאיר הגדול מפּרעמישלאַן זי״ע (און אַזוי שטייט אויך אין ספר ׳שפתי צדיקים׳, אין נאָמען פון הייליגן אַפּטער רב, בעל ׳אוהב ישראל׳ זי״ע), **אַז די ראשי תיבות פון די ווערטער ב׳ראשית ב׳רא א׳לוקים א׳ת, זענען די זעלבע ראשי תיבות ווי ב׳ך ב׳טחתי א׳ל א׳בושה** (תהלים כה, ב) און אויך פון די ווערטער **א׳שרי א׳דם ב׳וטח ב׳ך** (שם פד, יג), און צוליב דעם הייבט זיך אָן די תורה מיט די ווערטער, אונז צו לערנען אַז **דאָס איז דער אָנהייב פון דעם מהות פונעם מענטש, זיך צו אייביג פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען.**

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט אַן איידים פון דעם גאון בעל ׳חפץ חיים׳ זצ״ל, פון וועלכע הנהגה פון זיין גרויסן שווער, ער איז אַממערסטן נתפעל געוואָרן. האָט דער איידים געענטפערט, אַז די וואונדערליכסטע זאַך וואָס מ׳האָט געזעהן ביים ׳חפץ חיים׳ איז געווען זיין **ישוב הדעת און שלוות הנפש אין יעדן מצב און אין יעדן זמן.** אויך אין די שווערסטע צייטן ווען ער האָט געליטן יסורים ל״ע וכדומה, איז ער געווען רואיג. ער האָט זוכה געווען צו אַזאַ שלוות הנפש, אַדאַנק זיין אמונה אין די הנהגה פון דעם אויבערשטען אויף דער גאַנצער וועלט, ׳הזן את העולם כולו בטובו בחן בחסד וברחמים׳.

## מן הבאר

עס ווערט דערציילט אַז הרה״ק בעל ׳ישמח ישראל׳ זי״ע פון אלכסנדר, איז אַמאָל געווען אין דער שטאָט לאָדזש פאַר אַ וויכטיגן צוועק. ער האָט זיך דאָרט געדרייט אַסאַך אינעם ׳שטיבל׳, פאַרברענגענדיג מיט די חסידים אין דברי תורה וחסידות.

אַמאָל איז דער ׳ישמח ישראל׳ צוגעגאַנגען דאָרט אינעם ׳שטיבל׳ צום ספרים שאַנק, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ ספר, און געקוקט דערין אַ פּאָר מינוט. דאַן ער האָט צוריקגעלייגט דאָס ספר אויף זיין אָרט, און ער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אינעם שטיבל אַרויף און אַראָפּ מיט גרויס התלהבות. ווען ער האָט זיך ׳באַרואיגט׳, האָט דער ׳ישמח ישראל׳ ווייטער געשמועסט מיט די חבריא, און דערנאָך האָט מען געדאַווענט מעריב.

ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיין אכסניא, האָט דער בעל אכסניא באַמערקט אַז דער ׳ישמח ישראל׳ איז נאָך אַלץ שטאַרק פאַרטוהן אין זיינע הייליגע געדאַנקען, און אויף זיין פראַגע וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט דער ׳ישמח ישראל׳ איהם געענטפערט, אַז ער האָט אַריינגעקוקט אינעם ׳שטיבל׳ אין ספר ׳יסוד העבודה׳, און דאָרט האָט ער געזעהן אַ טייער וואָרט אויפ׳ן פּסוק **׳ואמונתך סביבותיך׳ - ׳מיט אמונה, נעמט מען ארום דעם אויבערשטען.** די דאָזיגע ווערטער האָבן איהם ממש ׳אָנגעצונדן׳. (ספר ׳תפארת ישראל׳, אות קפ״ו)

דער באַקאַנטער מגיד מישרים הגה״צ רבי יאַנקעלע גאַלינסקי זצ״ל, פון די לעצט-איבערגעבליבענע תלמידים פון דער נאַווהאַרדאָקער ישיבה, האָט דערציילט, אַז ווען ער איז געווען יונג, האָבן די משכילים אָנגעהויבן אַרויסגעבן זייערע צייטונגען, כדי אַריינצוכאַפּן אין זייער נעץ די יוגנט. פלעגט זיין מאמע, וועלכע האָט געוואָלט היטן אירע קינדער נישט אַריינצופאַלן חלילה אין דער פינצטערער נעץ פון די משכילים און אַנדערע פרייע ווינטן, אַהיימברענגען יעדן טאָג די אָרטאָדאָקסישע צייטונג ״דער אידישער טאָגבלאַט״, וואָס איז ערשינען אויף דער דייטשער שפּראַך, אָבער ס׳איז געווען אויסגעהאַלטן ברוח התורה, און מ׳האָט עס געקענט אַריינברענגען אין אַ פרומע אידישע שטוב.

רבי יאַנקעלע׳ס מאמע פלעגט יעדן נאָכמיטאָג געבן אַ ׳שיעור כללי׳ אין דעם ׳טאָגבלאַט׳ פאַר אַלע אירע שכנים, וועלכע האָבן נישט געקענט די דייטשע שפּראַך, און אַזוי האָט זי אָפּגעהיטן אויך אַנדערע אידן נישט אַריינגעכאַפּט צו ווערן אין די משכיל׳ישע נעץ, דורך לייענען זייערע טריפה׳נע צייטשריפטן און בלעטלעך.

איין טאָג, ווען זיין מאמע איז געשטאַנען אין קוך און געשיילט קאַרטאָפל, האָבן די שכנים זיך שוין געהאַט פאַרזאַמלט אין דערנעבנדיגן צימער, צו הערן דעם ׳שיעור׳ אינעם ׳טאָגבלאַט׳. האָט איינע פון אירע שכנ׳טעס גענומען די צייטונג, און זי האָט דאָרט געזעהן אַן איבערגעדרייט בילד פון אַ שיף. איז זי אַריינגעקומען אין קוך, און געשריגן אויף זיין מאמע: היתכן, ווי אַזוי קענסטו שטיין רואיג אין קוך און שיילן קאַרטאָפל, אין דער צייט ווען אַ גרויסע שיף האָט זיך איבערגעדרייט אין ים מיט אַלע פּאַסאַזשירן...

ווען רבי יאַנקעלע'ס מאמע האָט געהערט די 'טענות' פון איר שכנ'טע, האָט זי איר ערקלערט, אַז באמת איז דאָס אַ נייע שיף וואָס מ'האָט יעצט געענדיגט בויען די שיף מיט אַלע שענסטע און נייעסטע איינריכטונגען, נאָר וויבאַלד דו קענסט לייענען די דייטשע שפּראַך, האָסטו געהאַלטן די צייטונג איבערגעדרייט, און צוליב דעם האָסטו געמיינט אַז די שיף האָט זיך איבערגעדרייט און אַריינגעפאַלן אין אָפּגרונט פונעם ים...

און רבי יאַנקעלע האָט אויסגעפירט די מעשה, אַז פון דעם האָט ער געלערנט אַ וועג אין לעבן, אָפט מאָל דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער ליידט פון פאַרשידענע צרות און פּראָבלעמען ח"ו, אָבער דאָס איז נאָר דערפאַר ווייל **ער קוקט אויף די זאַך 'פאַרקערט'**. ער דאַרף נישט מער ווי 'אויסגלייכן' זיין בליק און זיך מתבונן זיין מיט אַן אויג פון אמונה, אַז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד' - **אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט איז פאַר די טובה פונעם מענטש**, און דאַן 'הכל על מקומו יבוא בשלום' - אַלעס וועט זיך אויסשטעלן גוט.

צען יאָר צוריק, פאַר יום טוב סוכות שנת תשע"ו, האָט אַ בחור אויפגעשטעלט אַ סוכה אין וויליאַמסבורג. בויענדיג די סוכה, איז ער געשטאַנען אויף אַ הויכן לייטער. פּלוצלינג, האָט דער לייטער זיך אָנגעהויבן שאָקלען, און ווען דער בחור האָט געזעהן וואָס דאָ גייט פּאַסירן מיט איהם, האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אין אַן אייזערנעם באַלקן וואָס איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. ליידער, אָבער, איז ער אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד (פון עטליכע שטאָק הויך) צוזאַמען מיט'ן אייזן, און זיין מאמע האָט שנעל אלאמירט די 'הצלה'. קודם האָבן זיי געזאָגט פאַר זיין מאמע אויפ'ן טעלעפאָן, אַז זי זאָל קוקן אויף וועלכע זייט פון קערפּער איר זון איז אַראָפּגעפאַלן. האָט די מאמע זיך צעשריגן: קומט שנעל אַהער, **איך גיי נישט קוקן...** זי האָט דאָך מורא געהאַט, ווער ווייסט וואָס עס האָט חלילה פּאַסירט מיט איר בחור...

למעשה, אָבער, האָט דער בחור נישט געליטן אַן ערנסטן זעץ, און ביז די 'הצלה' וואָלונטירן זענען אָנגעקומען אַהין, איז דער בחור שוין אַרומגעגאַנגען אויף די פיס כאחד האדם... דאַן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער בחור איז געפאַלן אויף אַ גרויסן הויפן פון היי און שטרוי - 'פסולת גורן ויקב'... צוליב דעם איז זיין לעבן געראַטעוועט געוואָרן בעזהי"ת.

איי, וועט מען פרעגן, ווי קומט אַהין אַ הויפן מיט מיסט און שטרוי אין הויף פון זייער הויז? איז דער ענטפער אויף דעם, ווייל אַ וואָך פריער האָבן די שכנים באַשטעלט אַ גוי צו קומען רייניגן דעם הויף פון הויז לכבוד דעם יום טוב סוכות. דער גוי איז געקומען און גענומען געלט, אָבער ערשט נאָכ'ן איהם באַצאָלן, האָבן זיי געזעהן אַז ער האָט בכלל נישט געטוהן די אַרבעט פון אָפּרייניגן דעם הויפן מיט מיסט... בשעת מעשה האָט עס אויסגעזעהן ווי אַ שוועריגקייט (ווייל צווישן די שכנים האָט אויסגעבראָכן אַ וויכוח וואָס מ'זאָל טוהן). פּאַקטיש, אָבער, האָט דער אויבערשטער דאָ צוגעגרייט פאַר דעם בחור אַ רעטונג צו ראַטעווען זיין לעבן, אַדאַנק דעם מיסט וואָס איז דאָרט איבערגעבליבן...

לענינינו, אָפט מאָל דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז עס שטייט איהם אין וועג אַ 'באַרג מיט מיסט' ברוחניות אָדער בגשמיות, אָבער באמת איז עס נאָר אַ וועג צו העלפן אין זיין רעטונג...

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, ביים סוף פון יאָר תרצ"ט, און די נאַציס ימ"ש האָבן אַריינמאַרשירט אין פּוילן און ליטע, זענען הונדערטער טויזנטער אידן אַנטלאָפן פון זייערע היימען, אָנצוקומען וואָס ווייטער פון די דייטשע פאַרכאַפּטע מקומות, אָדער פּרובירט זיך באַהאַלטן אין די וועלדער (ליידער, האָבן זיי ביז אַ קורצע צייט איינגעזעהן אַז ס'איז שוין נישטאָ וואו צו אַנטלויפן).

אויך די משפחה פונעם בריסקער רב, הגרי"ז סאָלאָוועיטשיק זצ"ל, האָבן געוואָלט אַנטלויפן, אָבער מ'האָט געוואָרט צו הערן וואָס דער רב וועט זאָגן. נאָכ'ן איבערטראַכטן גוט די זאַך מיט זיין הייליגן און גרויסן מח, צי דאָס איז טאַקע אין גדר פון 'השתדלות' וואָס אַ מענטש איז מחויב צו מאַכן, אָדער ס'איז דאָ אין דעם אַ סתירה צו דעם חיוב פון בטחון אין באַשעפער, האָט דער בריסקער רב באַשלאָסן, אַז מ'דאַרף טאַקע אַנטלויפן אין אַ דערנעבנדיגן וואַלד, אָבער ער האָט אָנגעזאָגט די משפחה, **מ'זאָל נישט מיטנעמען מיט זיך קיין מאכלים, נאָר מ'זאָל 'מיטנעמען' מיט זיך די אמונה אין דעם אויבערשטען, אַז 'אין עוד מלבדו'...** זיי האָבן זיך טאַקע אַרויסגעלאָזט אין וועג, נישט האָבנדיג אין באַזיץ אַפילו איין שטיקל ברויט.

נאָכ'ן לויפן אַ פּאָר שעה, איז זיי אַנטקעגן געקומען אַ איד מיט צוויי גרויסע קאָרבן אין די הענט. די קאָרבן זענען געווען פול מיט פאַרשידענע געשמאַקע מאכלים, און דער איד האָט זיי געפרעגט אויב זיי האָבן שוין היינט געגעסן. האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן נישט אַריינגענומען אין מויל אַריין אַפילו איין ביסן. האָט דער איד זיי

דער אויבערשטער פירט אַלעס. יעדע זאַך וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט איז מיט די השגחה פרטית פון דעם באַשעפער.

הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון מדרש (ויק"ר פל"ו, ד, געברענגט אויך אין רש"י אָנהייב היינטיגע סדרה, בראשית) 'בשביל ישראל

---

געוויזן זיינע מאכלים, צולייגנדיג, אַז היינט האָט ער געזאָלט פראַווען אַ חתונה פאַר זיין קינד, און מ'האָט שוין אַפילו אָפּגעקאָכט דאָס גאַנצע עסן פאַר די חתונה, נאָר ליידער, צוליב די מהומה פונעם פלוצלינגדיגן אויסברוך פון די מלחמה, האָט מען געמוזט אָפּלייגן די חתונה אויף אַן 'אומבאַשטימטע צייט', און אלע פּאָרציעס זענען געבליבן ליגן אומבאַרירט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין האַרץ אַרויסצוּוואַרפן די פּאָרציעס אין מיסט, צוליב 'בל תשחית', און דעריבער האָט ער עס מיטגענומען מיט זיך צו פאַרטיילן עס פאַר הונגערע מענטשן וואָס ער וועט באַגעגענען אויף די וועגן. אויב זיי ווילן - האָט דער איד געזאָגט - קען ער זיי געבן דאָס גאַנצע...

האָט דער בריסקער רב זצ"ל אויסגעפרעגט דעם איד איבער די כשרות פון די מאכלים, און נאָך דעם ווי עס האָט זיך איהם אַרויסגעשטעלט אַז אַלעס איז בתכלית ההידור והדקדוק, האָט ער געלאָזט די בני בית עסן דערפון, און זיי האָבן זיך טאַקע אָנגעזעצט עסן אַ 'סעודת שלמה בשעתו' אינמיטן וואַלד... דער בריסקער רב האָט אָנגעזאָגט די קינדער, אַז מ'זאָל גאָרנישט איבערלאָזן פון די מאכלים אויף מאָרגן, ווייל מ'דאַרף האָבן בטחון אין דעם באַשעפער אַז ער וועט זיי אויך מאָרגן צושטעלן אַלעס וואָס זיי דאַרפן, פונקט אַזוי ווי ער האָט היינט געזעהן דערצו אַז זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן... דאַן זענען זיי ווייטער געלאָפן אין וואַלד.

אַ טאָג שפּעטער, האָבן זיי באַמערקט אַן אַנדערן איד מיט קאָרבן פון שפּייז אין די הענט, און ער האָט זיי געזאָגט די זעלבע ווערטער, אַז אויך ער האָט געזאָלט חתונה מאַכן אַ קינד, און די חתונה איז דערווייל בטל געוואָרן... האָבן זיי אויך פון איהם גענומען דאָס עסן, און מ'האָט געעפּענט די קאָרבן אַרויסצונעמען פון דאָרט צו מאכלים, כדי זיך אַוועקצוזעצן צו עסן אַ סעודה. דאָרט זענען טאַקע געווען אַלע סאָרטן מאכלים, אויסער דעם 'נאָך-שפּייז' וואָס מ'גיט ביים סוף פון די סעודה. אַוודאי איז קיינער נישט געווען איבעריג 'באַאומרואיגט' פון דעם וואָס עס האָט געפעלט דער נאָך-שפּייז... מיט'ן אויסנאַם פון בריסקער רב זעלבסט... האָבן די קינדער זיך געוואונדערט, ווייל אַפילו אין פרידנס-צייטן האָט דעם בריסקער רב קיינמאָל נישט אינטערעסירט וואָס פאַראַ מאכלים מ'גיט איהם צו עסן, און אַוודאי און אַוודאי, אין צייט פון אַ מלחמה... ספּעציעל אַז זיי האָבן שוין געגעסן גענוג, און וועמען פעלט יעצט די 'לעצטע פּאָרציע'...

דער בריסקער רב האָט זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט זיינע קינדער, אויב עמיצער האָט עפּעס איבערגעלאָזט פון די סעודה. אַלע זענען געבליבן שטיל, קיינער האָט נישט געענטפערט אַ וואָרט. האָט דער בריסקער רב נאָך אַמאָל געפרעגט די קינדער אויב עמיצער האָט נעכטן עפּעס איבערגעלאָזט פון די סעודה, האָט איינער פון די קליינע קינדער מודה געווען, אַז ער האָט עפּעס איבערגעלאָזט, און דער בריסקער רב האָט איהם געהייסן דערציילן הויך אויפ'ן קול וואָס ער האָט נעכטן איבערגעלאָזט. האָט דאָס קינד געזאָגט, אַז ער האָט מורא געהאַט אַז היינט וועלן זיי נישט האָבן וואָס צו עסן, און דעריבער האָט ער באַהאַלטן אַביסל נאָך-שפּייז אין אַ פלעשל, כדי ער זאָל האָבן היינט וואָס צו עסן. האָט דער בריסקער רב געזאָגט צו די קינדער:

- זעהט נאָר די וועגן פון דעם באַשעפער. דאָס קינד האָט איבערגעלאָזט אַביסל נאָך-שפּייז, האָבן מיר עס היינט נישט באַקומען. פון דעם לערנען מיר ווי ווייט **דער אויבערשטער היט אונז און ער שיצט אונז לויט וויפיל בטחון מיר האָבן אין איהם**, און אויב מיר וועלן זיך פאַרלאָזן נאָר אויף איהם אַליין, וועלן מיר אייביג זוכה זיין צו זעהן ווי ער שיצט אַלע וואָס פאַרזיכערן זיך און פאַרלאָזן זיך אויף איהם.

## מן הבאר

אויף די ווערטער פון רש"י ז"ל אָנהייב היינטיגע סדרה, 'בראשית', 'מה טעם פתח מבראשית', האָט דער הייליגער באַרדיטשובער רב זי"ע געזאָגט (געברענגט אין ספר 'תפארת בית לוי', ילקוט קדושת לוי), אַז רש"י'ס כוונה איז, **'מה טעם'** - וואָס פאַראַ זיסן טעם האָט דער איד וואָס 'פתח מבראשית' - ער לעבט מיט די אמונה אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן הימל און ערד. 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'.

שנקראו ראשית' - די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין זכות פון די אידן, וואָס זיי ווערן אָנגערופן 'ראשית'.

**האָט** דער 'יסוד העבודה' געזאָגט אַ כוונה דערין. דער עיקר פון די בריאה איז פאַר די אידן וואָס חזר'ן אייביג אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן הימל און ערד, און ער איז איז דער בעה"ב וואָס פירט די גאַנצע וועלט. אין זכות פון אט די אמונה, וואָס אידן גלייבן אין די השגחה פרטית פון דעם אויבערשטען, איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן.

**דאָס** איז די כוונה פון די ווערטער, 'בשביל ישראל שנקראו ראשית', אַז די אידן חזר'ן אייביג דעם פסוק 'בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ'[ח].

(ספר 'תורת אבות')

**דער** פסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (ד, טו) 'וישם ה' לקין אות לבלתי הכות אותו כל מוצאו'. האָט הרה"ק רבי מרדכי לעכעוויטשער זי"ע געזאָגט (געברענגט אין ספר 'דברי שלום', לנכדו הרה"ק מקוידינוב זצ"ל), **דער וואָס** גלייבט אין דעם אויבערשטען, ווערט נישט צובראָכן פון קיין שום זאַך וואָס פאַסירט מיט איהם. סיי ביי אַ געלט שאָדן אָדער אַן אַנדערער שאָדן ח"ו וואָס עמיצער האָט איהם גורם געווען, ווייל ער געדענקט אייביג וואָס חז"ל זאָגן (חולין ז:) 'אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה'. דער מענטש רירט נישט אַ פינגער אויף דער וועלט, נאָר אויב מ'האָט עס פריער אויסגערופן אויבן אין הימל.

**קומט** אויס אַז נישט 'יענער' האָט עס געטוהן, און אַוודאי טאָר מען אויך נישט זאָגן אַז עס האָט פאַסירט 'פון זיך אַליין', נאָר אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, פאַר די פולשטענדיגע טובה פונעם מענטש.

**דאָס** זאָגט דער פסוק: 'וישם ה' לקין אות', דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר קין אַ 'צייכן' פון ריינע אמונה, און ממילא, 'לבלתי הכות אותו כל מוצאו' - ער וועט נישט ווערן 'אַראָפּגעקלאַפּט' פון קיין שום זאַך וואָס וועט מיט איהם פאַסירן, ווייל ער ווייסט דאָך און ער געדענקט אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא[ט].

**אַזוי** שרייבט הרה"ק בעל 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע, אין זיין ספר 'כתונת פסים' (פ' בהר, ע' כז., דפו"י) אויף דעם פסוק (תהלים קמד, יד) 'אלופינו מסובלים'. דורך דעם וואָס דער מענטש גלייבט אַז דער אויבערשטער איז דער 'אלופו של עולם' ער פירט אַלעס אויף דער וועלט, און קיין זאַך פאַסירט נישט אויף דער וועלט אָן זיין באַפעל. 'מסובלים' - קען ער אויסהאַלטן אַלעס וואָס פאַסירט מיט איהם'.

---

**ח.** אַזוי שרייבט הגאון רבי אלעזר מנחם שך זצ"ל, ראש ישיבה פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, אין אַ בריוו: 'חי נפשי', אפשר איז עס נאָך פון מיין יוגענט אָן, יעדער מענטש האָט עליות און ירידות, אויסער יחידים, אַזוי ווי דער 'חפץ חיים' זצ"ל, וואָס זענען געווען קדושים מרחם. אָבער **אין אלגעמיין, האָט יעדער איד תקופות פון עליה, און תקופות פון ירידה.** איך בין אבער אייביג געווען רואיג ווען איך געלערנט חומש בראשית, ווייל די אמונה איז געוואָרן ביי מיר אַ זאַך וואָס איך האָב עס ממש געשפירט.

**ט.** די גמרא דערציילט (ברכות ס.) אַז הלל הזקן איז אַמאָל צוריקגעקומען אין זיין היימשטאָט, האָט ער פונדערווייטנס געהערט אַ קול פון אַ געשריי אין שטאָט, און ער האָט געזאָגט, איך בין זיכער אַז דער געשריי קומט נישט פון מיין הויז. פון וואו האָט הלל הזקן געוואוסט אַז דער קרעכץ און געשריי קומט נישט פון זיין הויז?

ענטפערט דער גאון רבי משה אלמושנינו זצ"ל (געברענגט אין ספר 'משפט צדק', תהלים יט) אַז הלל האָט אויסגעלערנט זיינע בני בית אַ וועג פון אמונה, זיי זאָלן אָננעמען מיט ליבשאַפט אַלעס וואָס קומט פאַר מיט זיי, און **אין קיין שום מצב זאָל זיי קיינמאָל נישט שרייען אָדער אַרויסלאָזן אַ קרעכץ.** צוליב דעם, ווען ער האָט געהערט אַ קול פון קרעכצן און שרייען אין שטאָט, איז ער געווען **זיכער** אַז דאָס קול קומט נישט פון זיין הויז, ווייל זיינע בני בית שרייען נישט, אַפילו אין אַ שווערן מצב ח"ו.

**י.** מיר האָבן שוין דערציילט, אַז הרה"ק בעל 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר הרה"ק רבי מענדעלע וויטעבסקער זי"ע, ווי שווער ס'איז אויסצורייסן די שענדליכע מדה פון כעס. רבי מענדעלע האָט אָבער גאָרנישט געענטפערט פאַר'ן 'תולדות'.

עטליכע טעג שפּעטער, איז דער 'תולדות' געפאָרן אויפ'ן וועג מיט עטליכע חסידים. אינמיטן וועג, האָט אַ דורכגייער זיי אָפּגעשטעלט און געפרעגט אויב זיי קענען איהם מיטנעמען מיט זייער וואָגן, און דער 'תולדות' האָט

**דער** בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן לשון פון די ברכה, ב'רוך ש'אמר ו'היה ה'עולם, איז ראשי תיבות 'בשו"ה'. דאָס מיינט, אַז דער זעהט אין יעדע זאַך וואָס ער גייט אַריבער אויף דער וועלט, דעם אויבערשטען - 'שאמר והיה העולם', און אַז אַלעס קומט פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, קען ער אָננעמען אַלעם 'בשוה' - אויף אַ גלייכן אופן. ער ווערט נישט נתפעל און דערשראָקן פון קיין שום זאַך אויף דער וועלט.

**ווי** גרויס ס'איז דער שכר פון די אידן וואָס האָבן אמונה אין דעם אויבערשטען, קען מען זעהן פון די ווערטער פונעם 'אור החיים' הקדוש זי"ע, אויף די פסוקים אין דער היינטיגער סדרה (ד, יד-טו), קין האָט געזאָגט צו דעם אויבערשטען, 'והיה כל מוצאי יהרגני', און דער אויבערשטער האָט איהם געענטפערט: 'לכן כל הורג קין שבעתים יוקם', און דערנאָך זאָגט דער פסוק: 'וישם ה' לקין אות, לבלתי הכות אותו כל מוצאו'.

**זאָגט** דער 'אור החיים' הקדוש, דער זוהר הקדוש שרייבט (ויקרא, דף טז:) אַז ווען אַ איד איז מקיים אַ מצוה, ווערט אָנגעצייכנט אויף זיין שטערן אַ צייכן איהם צו היטן און באַשיצן. די סיבה פאַרוואָס קין האָט זוכה געווען צו אַזאַ צייכן, איז געווען ווייל ער האָט אנערקענט אַז אויב דער אויבערשטער וועט איהם נישט היטן, וועט קומען דערצו אַז 'כל מוצאי יהרגני', און וועגן דעם האָט ער זוכה געווען אַז דער אויבערשטער זאָל איהם באַשיצן.

**זאָגט** דער 'אור החיים' הקדוש ווייטער, אַז אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'לכן' כל הורג קין. ווייבאַלד ער האָט געגלייבט און אנערקענט אַז אויב דער אויבערשטער וועט איהם נישט היטן און באַשיצן וועט ער גע'הרג'עט ווערן פון עמיצן וואָס וועט איהם באַגעגענען, אין זכות פון אט די מצוה האָט דער אויבערשטער רחמנות געהאַט אויף קין, און געזאָגט, 'כל הורג קין' וגו', און ער האָט אָנגעצייכנט אויף זיין שטערן אַ סימן, אַזוי ווי ביי יעדן מענטש וואָס איז מקיים אַ מצוה, אַז עס ווערט אָנגעצייכנט אויף זיין שטערן אַ צייכן.

**בראשית ברא - די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן וועגן דיין התחדשות**

**דער** באַשעפער האָט געגעבן פאַר יעדן איד דעם כח פון התחדשות, באַנייאונג[א], אַז אין יעדע מצב ווי

---

געהייסן אַרויפנעמען איהם אויפ'ן וואָגן. ווייבאַלד ס'איז אָבער נישט געווען גענוג פלאַץ אויפ'ן וואָגן, האָט מען אַוועקגעזעצט דעם איד פון אונטן, צווישן די פעקלעך - אַן אָרט וואו ס'איז נישט באַקוועם פאַר מענטשן צו זיצן.

אינמיטן פאָרן, האָט דער 'תולדות' עטליכע מאָל געפרעגט דעם איד צי עס איז איהם נישט צו-ענג פון אונטן, און דער איד האָט געענטפערט, אַז ער זיצט באַקוועם. שפעטער האָט דער 'תולדות' איהם נאָך אַמאָל געפרעגט אויב ער זיצט דאָרט באַקוועם, ביז דער איד האָט געענטפערט, **'אשרי העם שככה לו'. וואויל איז פאַר דעם פאָלק וואָס 'ככה' לו - ס'איז איהם גוט אויף יעדן אופן ווי דער אויבערשטער פירט זיך מיט איהם**, ווייל ער ווייסט אַז אַלעס קומט פון דעם אויבערשטען, און ער האָט נישט קיין טענות אויף זיין מעמד ומצב...

די חסידים וואָס זענען געזעסן אויפ'ן וואָגן, האָבן הנאה געהאַט פון די שיינע ווערטער פון דעם פרעמדן איד. דער הייליגער 'תולדות' זי"ע, האָט זיך אָבער גאַר שטאַרק 'צעפלאַמט', הערנדיג דעם איד'ס ווערטער, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מ'וויל איהם דאָ מרמז זיין פון הימל, **אַז אויב ער וועט געדענקען און ער וועט וויסן אַז אַלעס וואָס פאַסירט איז פאַר זיין פולשטענדיגע טובה, וועט ער קיינמאָל נישט אַריינפאַלן אין כעס, און ער וועט אַלעס אָננעמען רואיג.**

עטליכע טעג שפעטער, ווען דער 'תולדות' האָט זיך ווידער באַגעגנט מיט זיין ידיד הרה"ק רבי מענדעלע וויטעבסקער, און רבי מענדעלע האָט זיך אָנגערופן צום 'תולדות':

- זעהסטו, פון הימל האָט מען דיר צוגעשיקט אליהו הנביא, ער זאָל דיר ענטפערן אויף דיין שאלה, ווי אַזוי מ'קען זיך אָפּהיטן פון די מדה פון כעס.

**יא.** יעדער איד דאַרף געדענקען, אַז דער גאַנצער מהות פון אידישע קינדער איז התחדשות - באַנייאונג, ווי מיר זאָגן ביי 'קידוש לבנה', 'שהם עתידים להתחדש כמותה', און ווי רש"י שרייבט אָנהייב היינטיגע פרשה, 'בשביל ישראל שנקראו ראשית'. די אידן ווערן אָנגערופן 'ראשית', אויפ'ן נאָמען פון זייער באַנייאונג...

א מענטש געפונט זיך, אויך ווען ער געפינט זיך אין אַ נידעריגן מצב ח"ו, איז ער בכח זיך צו באַנייען און אָנהייבן פונדאָסנײַ: 'בראשית'[יב]!

**עס** איז אַ גרויסער כלל, אַז דער מענטש זאָל נישט קוקן אויפ'ן 'עבר', זיך צו דערמאַנען פון זיינע נפילות און דורכפעלער, נאָר ער זאָל אייביג קוקן אויף דעם 'עתיד', ווייל 'מאי דהוה הוה' - וואָס ס'איז געווען, איז געווען.

**עס** איז אַ 'מנהג ישראל תורה', אַז באַלד ווען מ'איז מסיים צו לייענען די תורה (אין שמחת תורה, ווען מ'לייענט פרשת ברכה), הייבט מען אָן פרשת בראשית[יג]. דאָס איז אַ רמז אַז בשעת מ'מאַכט אַ סיום, איז די

---

**יב.** דער הייליגער שינאַווער רב זי"ע האָט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס מ'לייענט פרשת בראשית באַלד נאָך די ימים נוראים, כדי מרמז צו זיין אַז 'מאי דהוה הוה' - וואָס ס'איז געווען ביז יעצט, איז געווען, און יעצט עפענט מען אַ 'נייַ בלעטל' - 'בראשית'. **די אויפגאַבע פון אַ איד איז מסיח דעת צו זיין פונעם עבר, און קוקן נאָר אויפ'ן עתיד.**

די תורה ענדיגט זיך (סו"פ ברכה) מיט די ווערטער 'לעיני כל ישראל'. זאָגט רש"י, 'שנשאו לבו לשבור הלוחות לעיניהם'. זיין האַרץ האָט איהם צוגערעדט צו צעברעכן די לוחות פאַר די אויגן פון די אידן. האָט דער פיטסבורגער רבי, הרה"ק בעל 'צדקת יוסף' זי"ע, געזאָגט, אַז די תורה קומט אונז דאָ מרמז זיין, **אַז אויך אויב דער מענטש איז אין אַ מצב פון 'שבירת הלוחות', דאַרף ער זיך נאָך אַלץ מחזק זיין און פרייען זיך מיט די תורה, און אָנהייבן באַלד פון 'בראשית'...**

### מן הבאר

דאָס איז די הויפט-עבודה פון אַ איד, מקיים צו זיין 'אל תזכור לנו עוונות ראשונים'. מ'זאָל אייביג פּרובירן צו שטייגן העכער און העכער אין עבודת ה', ווי דער באַקאַנטער חסיד רבי בן ציון אַפּטער זצ"ל האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ג, ז) 'ויתפרו עלי תאנה'. אדם הראשון און חוה האָבן זיך צוגעדעקט נאָכ'ן חטא עץ הדעת, מיט בלעטער פון אַ פייגן-בוים. האָט רבי בן ציון אַפּטער געזאָגט, דער טייטש פון 'תאנה' אויף אידיש, איז אַ **'פייג'**. ס'איז די שטייגער ביי מענטשן, ווען איינער זאָגט אַ וואָרט פאַר זיין חבר און יענער וויל איהם ווייזן אַז ער ווערט נישט נתפעל פון זיינע ווערטער, לייגט ער איין פינגער צווישן די אַנדערע פינגער, ווייזנדיג פאַר'ן חבר אַ **'פייג'**, און תוספות זאָגט (סנהדרין ע:, ד"ה 'בה'), אַז אַלע ביימער האָבן אַוועקגעשטופּט אדם הראשון נאָכ'ן חטא עץ הדעת, אַז ער זאָל נישט צוקומען נאָנט צו זיי. וועגן דעם האָט ער זיך אַליין אויפגענייט בלעטער פון אַ פייגן-בוים, כדי **צו ווייזן פאַר אַלעמען אַ 'פייג' - איך ווער נישט נתפעל פון אייך... איך וועל זיך נישט לאָזן אַריינפאַלן אין עצבות, נאָר כ'וועל אָנהייבן פון אָנהייב** מיט אַסאַך אַ שטאַרקערע באַנייאונג.

אַזוי שרייבט דער 'דברי שמואל', אויפ'ן פסוק 'ותפקחנה עיני שניהם וגו' ויתפרו עלי תאנה ויעשו להם חגורות'. נאָך דעם ווי אדם און חוה האָבן געגעסן פונעם 'עץ הדעת' און געזעהן אַז 'כי ערומים הם' זיי זענען 'נאַקעט', אָן מצוות, ווייל אַזוי איז עס דאָך ביי יעדע עבירה, אַז דער מענטש האָט 'הנאה' דערפון נאָר בשעת די עבירה, אָבער שפּעטער האָט ער חרטה אויף דעם וואָס ער האָט זיך נישט געקענט שטאַרקן אויף זיין תאווה. אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'ויעשו להם חגורות'. זיי האָבן זיך גענומען שטאַרקן און פאַררעכטן מיט תשובה און תיקון המעשים. **זיי האָבן זיך 'אונטערגעגאַרטלט', צו פאַררעכטן זייערע מעשים** פון יעצט און ווייטער, ווייל **מיט צובראָכנקייט און אַ געפאַלענעם געמיט, קען מען אין ערגעץ נישט אָנקומען.** נאָר מיט שמחה און התחזקות קען מען אויפטוהן אויף דער וועלט.

---

**יג.** דער אבודרהם (שמחת תורה) זאָגט אַ טעם על דרך הפשט, פאַרוואָס מ'הייבט באַלד אָן צו לייענען פרשת בראשית, כדי דער שטן זאָל נישט קענען מקטרג זיין ח"ו אַז די אידן פרייען זיך ווען זיי **ענדיגן** לערנען די תורה, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס פרייט זיך ווען עס גייט אַראָפּ אַן עול פון זיינע פּלייצעס. צוליב דעם הייבט מען תיכף אָן צו לייענען פרשת בראשית, צו ווייזן אַז מיר ווילן ווייטער לערנען די תורה.

הויפט-שמחה אויפ'ן עתיד, ווען יעדער איד הייבט אָן פון 'בראשית'. ער קוקט פאָראויס, נישט צוריק. פון יעצט און ווייטער, וועט ער נאָר לערנען די הייליגע תורה.

**לויט דעם** קען מען זאָגן אַ טעם פאַרוואָס דער ערשטער אות אין די תורה איז אַ ב', און נישט דער אות א', וואָס איז דער ערשטער אות פון אל"ף-בי"ת, כדי אונז צו לערנען באַלד ביים אָנהייב פון די תורה, אַז מ'דאַרף זיך פירן אַזוי ווי דער אות ב', וואָס איז פאַרמאַכט פון דריי זייטן, און עס איז אָפען נאָר פון איין זייט. אַזוי דאַרף דער מענטש אייביג קוקן נאָר 'פאָראויס', און נישט פון 'אונטן', צו טראַכטן וואָס עס איז אַריבער אויף איהם און אין וואָס ער איז נכשל געוואָרן[יד].

**פונדעסטוועגן**, איז אָבער אויך מרומז אין דעם 'עוקץ' אונטער דעם אות בי"ת, אַז דער מענטש זאָל נישט אינגאַנצן פאַרגעסן פונעם 'עבר', נאָר ער דאַרף עס אַביסל געדענקען, כדי צו וויסן פון וואָס ער זאָל זיך היטן און צוריקהאַלטן אין דער צוקונפט. דאָס זאָל אָבער זיין נאָר אויף אַ גאָר קליינעם פאָרמאַט, אַזוי ווי דער 'עוקץ' וואָס איז אונטער דעם אות ב', וואָס איז זייער קליין (ענליך שרייבט דער רבינו יונה, בפירושו על התורה).

**אַזוי** שרייבט דער 'ספורנו' אין דער היינטיגער פרשה (ד, ו) אויפ'ן פסוק 'ולמה נפלו פניך': 'כי כשיש לקלקול איזו תקנה, אין ראוי להצטער על מה שעבר, אבל ראוי להשתדל להשיג תיקון לעתיד'. ווען דער קלקול האָט עפּעס אַ תקנה, איז נישט ראוי צו האָבן צער אויפ'ן עבר, נאָר זיך משתדל צו זיין צו פאַררעכטן אינעם עתיד.

**לויט דעם** טייטשן די ספרים די פסוקים אין דער היינטיגער פרשה (ד, ו-ז) 'ויאמר ה' אל קין למה חרה לך ולמה נפלו פניך, הלוא אם תיטיב שאת'. לכאורה איז שווער צו פאַרשטיין וואָס האָט דער אויבערשטער געפרעגט קין'ען, וואָס פאַרדריסט דיך, און פאַרוואָס האָסטו אָן אַראָפּגעלאָזטן פנים. דער פסוק זאָגט דאָך פריער קלאָר, אַז דער אויבערשטער האָט אָנגענומען דעם קרבן פון הבל, און נישט דעם קרבן פון קין, און דאָס האָט איהם אַזוי שטאַרק פאַרדראָסן, ביז עס האָט איהם געברענגט צו הרג'ענען זיין ברודער.

**איז דער תירוץ**, אַז דער אויבערשטער האָט געמיינט צו זאָגן פאַר קין, אפילו אויב דו ביזט אַדורכגעפאַלן, און דו האָסט נישט מקריב געווען דיין קרבן פאַר דעם אויבערשטען ווי ס'דאַרף צו זיין, און וועגן דעם איז עס נישט אָנגענומען געוואָרן אין הימל, אָבער די הויפּט טענה צו דיר איז, 'למה נפלו פניך' - פאַרוואָס ביזטו טרויעריג און דו דרייסט זיך אַרום מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן פנים, ווייל דער עצבות און יאוש זענען דער 'אבי אבות' פון אַלע עבירות[טו]! דו דאַרפסט זיך שטאַרקן מיט באַנייטע כוחות[טז], 'הלוא אם תטיב שאת', און פון יעצט און ווייטער וועסטו זיך שטאַרקן מיט באַנייטע און אויפגעהויבענע כוחות.

---

ענליך שרייבט דער מהרש"א (חידושי אגדות ע"ז יט., ד"ה 'סליק ספרא'), אַז מ'פירט זיך יעדעס מאָל ווען מ'ענדיגט לערנען אַ מסכתא פון ש"ס, הייבט מען באַלד אָן צו לערנען אַ צווייטע מסכתא, כדי דער שטן זאָל נישט קענען מקטרג זיין אַז מ'האָט שוין 'געענדיגט לערנען'.

**יד.** אַ חסיד האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר'ן קאָצקער רבי'ן זי"ע, אַז ער האָט נישט וואָס זיך צו פרייען שמחת תורה מיט די תורה, ווייל 'לב יודע מרת נפשו', אַז אין משך פונעם יאָר, האָט ער נישט גענוג געלערנט. האָט דער קאָצקער רבי איהם געזאָגט:

- **די הויפּט-שמחה וואָס מיר פרייען זיך אין דעם יום טוב פון שמחת תורה, איז מיט דעם וואָס מיר האָבן אָן פונדאַסניי צו לערנען די תורה**, ווייל ס'איז נישט דאָ אויף דער וועלט עמיצער וואָס קען זאָגן אַז ער האָט זוכה געווען צו ענדיגן די תורה... **אָבער אויף 'להבא', קען דאָך יעדער איד נעמען אויף זיך**. ממילא, איז שייך פאַר יעדן איד זיך צו פרייען שמחת תורה מיט די הייליגע תורה, וואָס ער וועט **פון יעצט און ווייטער** אָנהייבן צו לערנען.

אַזוי האָט אויך געזאָגט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז **די שמחה וואָס מ'פרייט זיך אין שמחת תורה, איז מיט די הכנה צו קבלת התורה אויפ'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר הבא עלינו לטובה.**

**טו.** ניין יאָר צוריק, שמחת תורה שנת תשע"ז, האָט פּאַסירט אין אַ שול אין ארץ ישראל, אַז די גבאים האָבן פאַר שמחת תורה געבעטן פון איינעם פון די מתפללים, היות די שול פאַרמאָגט נאָר איין ספר תורה, זאָל ער אַזוי גוט זיין און זיי באַרגן די ספר תורה וואָס ער האָט בי זיך אינדערהיים צו טאַנצן דערמיט די 'הקפות' אין ביהמ"ד.

מיר האָפען און זענען מתפלל צום באַשעפער, 'שערי שמים פתח, ואוצרך הטוב לנו תפתח', און מיר זאָלן מיטנעמען מיט זיך אַלע אוצרות פון השפעות פון די הייליגע טעג און פונעם יום טוב סוכות און שמחת תורה, און מיר זאָלן האָבן אַ געזונטן ווינטער, אמן.

---

דער איד האָט מסכים געווען מיט'ן גאַנצן האַרץ, אַוועקצובאָרגן זיין ספר תורה. אינמיטן די הקפות, האָט איינער פון די מתפללים נעבעך אַראָפּגעלאָזט דאָס ספר, און עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל אין ביהמ"ד. און נישט נאָר דאָס, נאָר דער יונגערמאַן וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט די ספר תורה, איז געוואָרן צובראָכן ביי זיך און האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט פון גרויס יאוש.

ווען עס איז געקומען צום לייענען, האָט מען געלייענט פרשת 'וזאת הברכה' אין די ספר תורה פון די שול, און דערנאָך האָט מען געעפענט די 'געבאָרגטע' ספר תורה צו לייענען דערין פרשת בראשית. צו זייער שטוינונג, האָבן זיי געזעהן אַז עס פעלן אין דעם ספר די ערשטע אותיות 'בראשית ברא', נאָר עס הייבט זיך גאָר אָן מיט די ווערטער 'אלוקים את השמים ואת הארץ'... אַזוי האָט זיך אַרויסגעשטעלט למפרע, אַז די ספר תורה איז 'פסול' לכתחילה און בדיעבד, און ממילא, איז דאָ בכלל נישט אַראָפּגעפאַלן אַ ספר תורה, נאָר אַ 'חומש', און מ'האָט עס באַלד דערציילט פאַר יענעם יונגערמאַן וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט די א.ג. 'ספר תורה', אַז זיין גאַנצער געוויין איז אַ 'בכיה של חינם', ווייל ס'איז נאָר געווען אַ חומש, און ממילא, קען ער שוין אַרויסקומען פון בעט... דער יונגערמאַן איז טאַקע געקומען צו זיך און אַרויסגעקראָכן פון זיין צובראָכנקייט און יאוש.

שפּעטער, האָט דער יונגערמאַן וואָס האָט אַוועקגעבאָרגט דאָס ספר, געפרעגט דעם סופר וואָס האָט עס געשריבן, היתכן, ווי אַזוי איז געשען אַזאַ טעות? האָט דער סופר איהם געענטפערט, 'איך האָב דאָך דיר קלאָר געזאָגט באַלד ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן די ספר תואה, אַז עס זענען דאָ סופרים וואָס פירן זיך צו לאָזן אַ ליידיג אָרט אויך ביים אָנהייב פונעם ספר, כדי מכבד צו זיין חשוב'ע אידן מיט אַריינשרייבן אותיות אין די תורה (נישט נאָר ביים סוף, אין פרשת ברכה), און דו האָסט מיך געהייסן טוהן אַזוי...

לדידן ייאמר, יעדער איד איז אַזוי ווי אַ ספר תורה [על דרך ווי די גמרא זאָגט (שבת קה:) אַז יעדער וואָס שטייט נעבן דעם מת ביי יציאת נשמה דאַרף רייסן קריעה, אַזוי ווי ווען עס ווערט פאַרברענט אַ ספר תורה רח"ל], און צומאָל 'פאַלט' ער און ער איז זיך מייאש באַוויינענדיג די 'ספר תורה' וואָס איז אַראָפּגעפאַלן... זאָגט מען איהם: וואָס האָסטו צו וויינען און קלאָגן... דו האָסט אַ טעות, ווייל דאָ האַנדלט זיך נישט פון אַ 'ספר תורה'. דו ביזט קיינמאָל נישט געווען אַ 'כשר'ע ספר תורה', דו ביזט באַלד אין אָנהייב געבוירן געוואָרן מיט די דאָזיגע נאַטורן און חסרונות... און אויב עס איז נישט דאָ דער 'בראשית ברא', איז דאָ נישט פאַרהאַן אַ ספר תורה... אדרבה, הייבט אָן יעצט מיט התחדשות, און אַזוי וועט די ספר תורה צום סוף פאַרטיג ווערן.

**טז.** הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע האָט נאָכגעזאָגט אַ וואָרט וואָס ער האָט געהערט פון זיין גרויסן טאַטן, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע (און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט געשעפּט חיזוק פון דעם וואָרט, פעריציג יאָר שפּעטער), אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה, 'וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ ויתעצב אל לבו', אַז דער פסוק מיינט נישט צו זאָגן אַז דער אויבערשטער איז געוואָרן טרויעריג חלילה, ווייל דער אויבערשטען איז דאָך שטענדיג פרייליך, ווי דער פסוק זאָגט (דה"א טז, כז) 'עוז וחדוה במקומו'. ביי דעם אויבערשטען איז נישט שייך קיין עצבות ח"ו. נאָר די כוונה איז, אַז די מענטשן פונעם דור המבול זענען אייביג געווען פרייליך, ווייל עס האָט זיי גאָרנישט געפעלט, ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין קח.), און עס איז באַקאַנט וואָס דער אריז"ל שרייבט אַז דורך שמחה קען מען צוקומען צו אַלע מדריגות, און מדת הדין קען נישט האָבן אַ שליטה אויפ'ן מענטש ווען ער איז פרייליך. צוליב דעם, איז אפילו אויב זיי האָבן פאַרדאָרבן זייערע מעשים רח"ל אויף דער וועלט, פונדעסטוועגן האָט דער אויבערשטער כביכול זיי נישט געקענט באַשטראָפן, און וועגן דעם זאָגט דער פסוק 'ויתעצב אל לבו' - דער אויבערשטער האָט אַריינגעברענג אין זייערע הערצער טרויעריגקייט, און אַזוי ווי זיי זענען געוואָרן בעצבות, האָט ער געקענט ברענגען אויף זיי דעם **מבול** (ספר 'ליקוטי יהודה', פרשתינו).

# כי יש שכר לפעולתך

אין לאָנדאָן האָט געוואוינט אַ איד וואָס האָט פאַרמאָגט אַסאַך בנינים אין דער 'גאָלדערס גרין' געגנט פון שטאָט. זיין פרנסה איז באַשטאַנען פון דעם וואָס ער האָט פאַרדינגען די דירות אין זיינע הייזער. ער האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן נישט צו פאַרדינגען זיינע דירות פאַר גוים, באַזונדערס פאַר די שוואַרצע, וואָס זענען באַקאַנט אַלס גנבים און גזלנים, וועלכע צאָלן נישט זייער 'רענט'.

אַרום צען יאָר צוריק, ווען דער ריעל עסטעיט מאַרקעט איז געפאַלן, און אַסאַך פון זיינע דירות זענען געשטאַנען ליידיג, האָט אַ שוואַרצער גוי געוואָלט דינגען ביי איהם אַ דירה. יענער האָט אָנגעשטעלט אַ פנים פון אַ גרויסן סוחר, וואָס פירט אָן מיט גרויסע געשעפטן. דער איד האָט איהם דעריבער פאַרדינגען אַ דירה, וואָס איז סיי-ווי געשטאַנען ליידיג.

עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ וואָך-צוויי, און אַפילו פיר און פינף וואָכן, און אויך דריי און פיר חדשים, אָבער 'אין קול ואין עונה'... עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער גוי איז אַ 'פּראָפעסיאָנעלער' גנב, און ער האַלט נישט ביים צאָלן אַפילו איין פרוטה שכר דירה... האָט דער איד אָנגעקלאָגט זיין גוי'אישן 'טענענט' אין געריכט. אין געריכט, נאָכ'ן הערן די טענות פון דעם תובע, דעם איד, האָט דער שופט געפרעגט דעם גוי'אישן טענענט, וואָס ער האָט צו ענטפערן אויף די טענות פון זיין אידישן בעה"ב, אַז ער האָט נאָך נישט באַצאָלט אַפילו איין פרוטה 'רענט'. האָט דער גוי געענטפערט, אַז ער איז נישט מחויב צו באַצאָלן דעם רענט, ווייל ער האָט נאָר געליטן צרות אין די הויז. עס איז דאָרט קיינמאָל קיין הייס וואַסער נישט געווען, די ווענט שיילן זיך אַלץ מער און מער, די טירן מאַכן אַ שרעקליכן גערודער צוליב דעם 'ראָסט', דאָס וואַסער פונעם קראַן איז שמוציג... ווינטער איז דאָרט קאַלט, און זומער איז דאָרט הייס... און ענליכע פאַלשע תירוצים און אויסטראַכטענישן, וואָס מ'האָט נישט געקענט אויפווייזן זייער פאַלשקייט. ביי דעם איד אין די אויגן האָט עס שוין אויסגעזעהן אַז ער שטייט צום פאַרלירן דעם משפט, ספּעציעל וויבאַלד די שופטים אין ענגלאַנד זענען באַקאַנט אַלס שונאי ישראל, און דערצו העלפן די געזעצן פון לאַנד פאַר די 'טענענטס' וואָס דינגען די דירות. ער האָט אָבער גאָרנישט געקענט טוהן...

צום סוף, האָט דער שופט געפרעגט דעם שוואַרצן גוי, אויב ער האָט באַצאָלט 'רענט' כאָטש פאַר איין חודש. אויף דעם האָט דער גוי זיך צעשריגן: ניין, ניין! פאַר אַזאַ 'דירה סרוחה' דאַרף איך צאָלן רענט?!... האָט דער ריכטער געזאָגט: יעצט זעה איך אַז דו ביזט אַ פּשוט'ער גנב און פּאַפּער, ווייל אויב איך וואָלט געהערט אַז דו האָסט כאָטש אין אָנהייב באַצאָלט דעם רענט, וואָלט געווען אַן אָרט אָנצונעמען דיינע אַרגומענטן, אָבער וויבאַלד דו האָסט קיינמאָל נישט באַצאָלט, זעה איך דאָך קלאָר אַז **דו האָסט קיינמאָל נישט געהאַט אין פּלאַן צו באַצאָלן...** אַלע דיינע טענות זענען נישט מער ווי פּוילע תירוצים, ווייל דו ביזט נישט גרייט אַרויסצונעמען פון טאַש אַפילו איין פרוטה...

ממילא, דאַרפסטו יעצט באַצאָלן 'רענט' פאַר אַלע חדשים וואָס דו וואוינסט שוין אין זיין הויז.

צו די מעשה האָט צוגעלייגט הגה"צ רבי אלחנן האַלפּערין זצ"ל אב"ד ראדאמישלא, וועלכער האָט געוואוינט אין גאָלדערס גרין, אַז מ'קען אַרויסלערנען דערפון די חשיבות פון 'קבלות טובות' וואָס מ'נעמט אויף זיך אין די הייליגע טעג. אַזוי ווי עס גייען אַדורך די הייליגע טעג, קומט יעדער איינער מיט זיינע 'תירוצים': ער פּלאָגט זיך מיט פּרנסה אָדער ביים ערציען די קינדער, אָדער האָט ער אַ נישט גוטע חברותא. די ישיבה און דער כולל זענען נישט 'צוגעפּאַסט' פאַר איהם, און אַנדערע אויסריידן. אָבער אויב ער האָט לכל הפּחות אין אָנהייב 'געצאָלט' זיינע 'קבלות', קען מען אפשר טראַכטן אַז ער האָט רעכט מיט זיין טענה, אָבער איינער וואָס באַלד ביים אָנהייב יאָר, ווען ער האָט נאָך נישט אויסגעפירט אַלע זיינע קבלות, געפינט ער שוין כל ערליי תירוצים פאַרוואָס ער קען עס נישט אויספירן, ווייזט ער דערמיט אַז עס איז בכלל נישט זיכער אַז ער האָט אַמאָל געהאַלטן ביי דעם וואָס ער האָט גענומען אויף זיך...

הרה"ק בעל 'ישמח משה' זי"ע זאָגט (פרשת ראה, ד"ה 'לא תעשון'), אַז נאָך די ימים נוראים זאָגט דער אויבערשטער צו אידישע קינדער (ירמיה לא, טו-טז), 'כה אמר ה', מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה, **כי יש שכר לפעולתך**'. זאָגט דער 'ישמח משה': אין הימל באַצאָלט מען שכר פאַר די פּעולות פון פּחד הדין אין די הייליגע טעג. דער שכר באַשטייט אין דעם וואָס מ'איז מוחל אַלע עבירות. איי, וועט דער מענטש פרעגן, אויב אַזוי, פאַרוואָס איז משיח נאָך אַלץ נישט געקומען אויסלייזן די אידן פון גלות? איז דער תירוץ אויף דעם, **'ושבו בנים לגבולם'** - נאָך די הייליגע טעג, גייט יעדער איינער צוריק צו זיין פריערדיגן סדר היום. ער פאַרגעסט פון אַלעם וואָס ער האָט אויפגעטוהן אין די הייליגע טעג.

בעזהשי"ת

# שמחת התורה

ע"י הרב שלום יוסף פריינד שליט"א - מלמד תשב"ר

כל הזכיות שמורות

## לנעוץ סוף התורה לתחילתו

אין די ספרים הקדושים טרעפן מיר פארשידענע פשטים און בחינות צו מאכן א המשך פונעם לעצטן פסוק פון די תורה סוף פרשת וזאת הברכה צום ערשטן פסוק פון די תורה אנפאנג פרשת בראשית, מיר וועלן ברענגען עטליכע פון זיי.

**לכל האותות והמופתים והיד החזקה אשר עשה משה לעיני כל ישראל (דברים ל"ד-י"ב)**

**בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ (בראשית א'-א')**

## רחמנא לבא בעי

**דער הייליגער חוזה זי"ע** (אבני זכרון) **זאגט** דער סיום פון די תורה **דער ווארט** ישרא'ל ענדיגט זיך **מיטן אות למ"ד** די אנפאנג פון די תורה **די ווארט ב'ראשית** הייבט זיך אן **מיטן אות בי"ת** דאס זענען די אותיות **ל"ב** א הארץ.

**דאס קומט מרמז זיין** אויפן מאמר חז"ל **רחמנא ליבא בעי** דער עיקר וואס דער אייבישטער פארלאנגט איז דאס הארץ.

**תפלה בלי כוונה כגוף בלי נשמה**

## בונים היכל לה'

**הרה"ק ר' שלמה ממונקאטש זי"ע האט געזאגט די תורה ענדיגט זיך מיטן אות למ"ד** און עס פאנגט זיך אן **מיט א אות בי"ת.**

**למ"ד** איז טייטש לערנען (לימוד) מרמז צו זיין אז מיט דעם וואס מען לערנט תורה, **בי"ת** בויעט מען אויף **דעם בי"ת המקדש** אזוי ווי מען זאגט ביים דאווענען **שיבנה בית המקדש במהרה בימינו ותן חלקינו בתורתך**

## אשריך כלים שנכנסת בטומאה ויצאת בטהרה

**די משנה זאגט** אין סוף מסכת כלים **אשריך כלים שנכנסת בטומאה ויצאת בטהרה** וואויל איז מסכת כלים וואס דו ביסט אריינגעקומען מיט טומאה און די ביסט ארויס מיט טהרה.

**זאגט הרה"ק ר' יחיאל מאיר ממוגלניצא זי"ע** א רמז נפלא אויף דעם.

די סופי תיבות פון די ווערטער אנפאנג פרשת בראשית **וחש'ך ע'ל פנ'י תהו'ם איז כלי"ם** די ראשי תיבות פון די ווערטער סוף פרשת וזאת הברכה מ'שה ל'עיני כ'ל י'שראל **איז** אויך **כלי"ם** א רמז אז עס די ווארט **כלי"ם** הייבט זיך אן מיט **חש"ך** (טומאה) און עס ענדיגט זיך מיט די **גדלו"ת** פון משה רבינו (טהרה).

## תלמי המלך

די גמרא (תענית ט') דערציילט **אז תלמי המלך האט געהייסן פאר 70 חכמי ישראל איבערצוטייטשן די גאנצע תורה אויף יונ'יש** השי"ת האט אריינגעגעבן פאר אלע חכמים חכמה אז זיי זאלן מאכן אייניג פארשידענע ענדערינגען.

**איינע פון די פלעצער ווי זיי האבן פארענדערט איז געווען אין אנהייב פרשת בראשית,** אנשטאט צו שרייבן **בראשית ברא אלוקים** האבן זיי געשריבן **אלוקים ברא בראשית** כדי די גוים זאלן נישט זאגן אז עס איז ח"ו דא שתי רשיות.

**זאגט דער הייליגער חתם סופר זי"ע** אז דאס איז פשט אינעם סמיכות.

**לעיני כל ישראל בראשית ברא אלוקים** נאר אקעגן די אויגן פון די אידן קען מען שרייבן בראשית ברא אלוקים **אבער פאר די גוים** דארף מען שרייבן **"אלוקים ברא בראשית".**

☆

## והיי עולם נטע בתוכינו

**נאך א בחינה זאגט דער הייליגער חתם סופר זי"ע.**

**חז"ל זאגן אז השי"ת האט געמאכט א תנאי מיט די מעשה בראשית אז לטובת אידישע קינדער מוזן זיי זיך פארענדערן זייער טבע,** אזוי ווי מיר טרעפן **ביי משה רבינו** ווען ער האט געשפאלטן דעם ים ביי קריעת ים סוף, און **ביי יהושע בין נון** ווען ער האט אפגעשטעלט די זין **וכדומה.**

זאגט דער פסוק **לכל האותות והמופתים אשר עשה משה לעיני כל ישראל,** אלע ניסים וואס משה האט געמאכט וועגן די יודישע קינדער, **בראשית ברא אלוקים את השמים והארץ,** האט שוין השי"ת אריינגעלייגט אין די בריאה ביי ששת ימי בראשית **אז זיי זענען משועבד צו אידישע קינדער.**

☆

## טוב עין הוא יבורך

די גמרא (תענית) זאגט **אז** לויפן **שנעל נעמט אוועק א פינעף הינדערסטעל פון די זעה קראפט פונעם אויג,** די עצה איז אריינציקוקען אינעם **כוס** פון קידוש וועט מען צוריק באקומען שטארקע אויגן.

**דער אר"י הקדוש האט געהייסן פאר זיין גרויסן תלמיד ר' חיים וויטאל** ווען ער האט געהאט אויגן ווייי ער זאל אינזינען האבן שבת **ביי קידוש און הבדלה** וועלן די אויגן אויסגעהיילט ווערן **וכך הוה.**

**טייטשט דער רביד הזהב** מיט דעם די המשך פון די פסוקים

**לעיני כל ישראל** אז די יודישע קינדער ווילן האבן גוטע אויגן צו זען, **בראשית ברא** דאס ווארט **בראשי"ת** זענען די אותיות **יר"א שב"ת** מען זאל מורא האבן פונעם שבת.

**אז מען וועט הייליגן דעם שבת דורך מאכן קידוש**

און הבדלה וועט מען קענען צוריק האבן די שטארקייט אין די אויגן.

☆

### והאר עינינו בתורתך

דער הייליגער רבי ר' בונם מפארשיסחא זי"ע זאגט אז די סמיכות קומט פון לעיני כל ישראל צו בראשית ברא קומט צו לערנען אז ווי מעהר א יוד איז נזהר אין שמירת עינים ער היט זיך די אויגן פון ראיית האסורות איז ער מעהר משיג צו פארשטיין די ווערטער פון די הייליגע תורה.

**תנה לי לבך ועיניך**

## כלי לקבל

**דער הייליגער דברי יחזקאל זי"ע ברענגט פון זיין שווער דער ארי' דבי אילעי זי"ע** א טייטש אויפן פסוק **אשר ברא אלוקים "לעשות".**

א מענטש איז באשאפן געווארן אנדערש ווי א בעל חי, **א בעל חי וויאזוי ער ווערט געבוירן אזוי בלייבט ער** אזוי ווי עס שטייט (פרשת אמור) אין פסוק **שור או כשב או עז כי יולד** זאגן חז"ל **שור בן יומו קרוי שור.**

**משא"כ א מענטש איז באשאפן געווארן "ער דארף טון"** צו ארבעטן אויף זיך און ארויפגיין ממדריגה למדריגה.

זאגט דער דברי יחזקאל **דער ארבעט פון א מענטש איז אז ער זאל זיך אנגרייטן צו ווערן א כלי כדי אז השי"ת זאל אים קענען כסדר משפיע זיין אין אים נאך רוחניות.**

מיט דעם טייטש דער דברי יחזקאל **די המשך הפסוקים** די ווערטער **ל'עיני כ'ל י'שראל** איז נוטריקין **כל"י** אויב א מענטש מאכט זיך פאר א **כל"י לקב"ל**, דעמאלטס **בראשית ברא אלוקים** טוט השי"ת פאר אים באשאפן **פרישע מדריגות אין רוחניות.**

☆

### עיני נדדה בחדר המיטות

**דער הייליגער ייטב לב זי"ע** (בספרו ייטב פנים) זאגט אז די בעסטע סגולה צו ווערן נאנט צום אייבירשטן **איז זיך אוועק צו רייסן פון שלאף און אויפשטיין פארטאגס לערנען תורה.**

**זאגט דער ייטב לב** אז דאס איז מרומז אין שילוב פון די פסוקי התורה.

די **סופי תיבות** פון די לעצטע ווערטער פון די תורה **מש'ה לעינ'י כ'ל ישרא'ל איז ליל"ה** די נעכט **דערנאך קומט בראשית.**

**די נאכט זאל מען אוועק געבן פאר לימוד התורה** אזוי ארום וועט מען פארשטיין די טיפקייט פון די הייליגע תורה.

## פרשת בראשית

# בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ (א'-א')

### שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה

**די מדרש דערציילט** (מדרש המורה) אן אפיקורס האט געפרעגט פון רבי עקיבא **ווער האט באשאפן די וועלט**, האט רבי עקיבא געענטפערט **דער הייליגער באשעפער האט באשאפן די וועלט.**

האט דער אפיקורס געזאגט פאר רבי עקיבא **איך וויל אז דו זאלסט מיר דאס איבערצייגן**, האט רבי עקיבא געזאגט **קום צוריק מארגן וועל איך דיר דאס אויפווייזן.**

**פארציילט דער מדרש** צו מארגנס ווען דער אפיקורס צוריק געקומען האט איהם רבי עקיבא געפרעגט **וואס פאר א מלבוש האסטו יעצט אן**, האט דער אפיקורס געענטפערט **איך טראג א סחורה'נעם קלייד געמאכט פון פיינע וואהל.**

האט רבי עקיבא געפרעגט פונעם אפיקורס **ווער האט געמאכט די קלייד**, האט דער אפיקורס געענטפערט **א וועבער מייסטער האט דאס געוועבט און א שניידער האט דאס אהער געשטעלט פאר א שיינעם קלייד.**

האט רבי עקיבא געזאגט **איך גלייב נישט אז א וועבער און א שניידער האבן דאס געמאכט ביז דו וועסט מיר דאס איבערצייגן.**

האט דער אפיקורס געזאגט **דאס איז אומ'שכל'דיג צו טראכטן אז די קלייד האט זיך געמאכט פון זיך אליין, קוק אויף די סחורה וועסטו קלאר זעהן אז א וועבער האט דאס געוועבט און א שניידער האט דאס אויפגענייט.**

האט רבי עקיבא געזאגט פארן אפיקורס **זאלן דיינע אויערן הערן וואס דו זאגסט.**

**קענסטו דען נישט זעהן פון די בריאה אז עס איז דא א באשעפער וואס האט דאס אלעס באשאפן, די וועלט איז נישט באשאפן געווארן פון זיך אליין.**

ווען דער אפיקורס איז אוועקגעגאנגן האט רבי עקיבא געזאגט פאר זיינע תלמידים **פונקט ווי א הויז ווערט דעקענט אז עס איז אויפגעבויעט געווארן דורך א בויער און א קלייד ווערט דערקענט אז עס איז אויפגענייט געווארן דורך א שניידער, אזוי אויך די אלע זאכן וואס געפונען זיך אויף די וועלט די ימים די בערג און אלע אנדערע זאכן וואס עס געפינען זיך אויף די וועלט ווערט דערקענט אז עס באשאפן געווארן דורכן א גרויסער באשעפער.**

☆

### באורח שיר נפל חבלי

**עס ווערט דערציילט** אז אינעם שכינות **פון דער גרויסער פארפאסער און פייטן ר' יהודה הלוי זצ"ל** האט געוואוינט א גוי א חכם **וואס ער פלעגט אויך פארפאסן שירים**, וויפיל ר' יהודה הלוי האט איהם פרובירט איבערציווייזן אז עס איז דא א בורא עולם **האט ער נישט געוואלט גלייבן.**

איינמאהל האט דער גוי פארפאסט א שיר **אבער עס האט איהם געפעלט א שטיקל צו צו ענדיגן דעם שיה**, האט ער געלאזט דעם אומגעפארטיגטן שיר אויפן טיש **ער איז געגאנגן שפאצירן אין גארטן.**

ווען ר' יהודה הלוי האט באמערקט דעם אומגעפארטיגטן שיר **האט ער אליין ציגענדיגט דעם שיר און ער איז זיך ווייטער געגאנגן זיין וועג.**

ווען דער גוי איז צוריק געקומען און ער האט באמערקט דעם ציגעלייגטן שטיקל צום שיר **איז ער ארויס פון התפעלות, ער איז געקומען צו לויפן צו זיין יודישן שכן ר' יהודה הלוי ווייזענדיג אז איינער האט הערליך ציגענדיגט זיין שיר וואס ער האט נאך נישט געהאט געפארטיגט.**

האט איהם ר' יהודה הלוי געזאגט **פארוואס ביסטו אזוי נתפעל פונעם ציגעלייגטן שטיקל, מן הסתם האט זיך דער שיר צוגענדיגט פון זיך אליין.**

האט דער גוי געענטפערט פאר ר' יהודה הלוי **עס איז נישט דא אזא זאך אין די וועלט אז א שיר זאל זיך צוענדיגן פון זיך אליינס, דאס האט קלאר איינער געשריבן.**

האט ר' יהודה הלוי געשמייכלט מיט א זיגרייכישן שמייכל

און געזאגט פארן גוי עס איז נישט דא אזא זאך אז די וועלט איז באשאפן געווארן פון זיך אליינס, עס איז קלאר און דייטליך אז די וועלט איז באשאפן געווארן דורך א ג-ט דורכן בורא עולם אליינס.

## המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית

מיר זאגן א יעדן טאג ביי שחרית **המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית** דער אייבישטער באנייט א יעדן איינציגן טאג דאס באשאפן פון די וועלט.

די ספה"ק געבן צו פארשטיין אז דאס וואס דער באשעפער האט באשאפן די וועלט איז אנדערש ווי ווען א בוי מייסטער בויעט א הויז וואס נאכן ענדיגן בויען דעם הויז האט דער בויער שוין נישט קיין שייכות מיטן הויז, אפילו ווען די בויער שטארבט פאלט נישט צוזאמען די הויז.

אבער ביי בריאת העולם איז נישט אזוי.

פון ווען דער באשעפער האט באשאפן די וועלט קען זיך די וועלט נאר האלטן און האבן א קיום ווען דער באשעפער האלט עס און איין באנייען א יעדן איינציגן טאג מיט פרישע כוחות טאמער די באשעפער לאזט אפ זיין השגחה פון די וועלט אפילו נאר פאר איין רגע ווערט ח"ו די וועלט חרוב.

מיר זאגן ביים דאווענען **כאמור לעושה אורים גדולים** אזוי ווי עס ווערט געזאגט אז דער אייבישטער מאכט שטענדיג (לעושה הוא לשון הוה) די גרויסע באלייכטערס **כי לעולם חסדו** ווייל זיינע חסדים זענען שטענדיג, אזוי אויך זאגן מיר **כי הוא צוה ונבראו** ווייל דער רבש"ע האט באשאפן די וועלט, **הוא צוה ויעמוד** דער רבש"ע באפעלט וואס דורך דעם באפעל די וועלט האלט זיך.

אזוי אויך זאגן מיר א יעדן טאג ביים דאווענען **ואתה מחיה את כולם** דו השי"ת טוסט כסדר אריין געבן א חיות אין די גאנצע בריאה, וואס אן דעם וואלט זיך די בריאה נישט געקענט האלטן.

**אני מאמין שהבורא יתברך שמו הוא בורא ומנהיג לכל הברואים והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים.**

## בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ (א'-א')

דער מדרש רבה ברענגט אז דער אייבישטער האט באשאפן זיבן זאכן איידער ער האט באשאפן די וועלט, די זיבן זאכן זענען ווי פאלגענד.

א'- דער כסא הכבוד, ב'- די תורה הקדושה, ג'- די בית המקדש של מעלה, ד'- דער נאמען פון משיח, ה'- תשובה, ו'- גן עדן, ז'- גיהנום.

קען מען זאגן אז אט די זיבן זאכן זענען מרומז אין די זיבן ווערטער פונעם ערשטן פסוק **בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ**.

א' - **בראשית**, דאס ווארט בראשי"ת איז מרמז אויפן כסא הכבוד אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ותהי ראשית ממלכתו.

ב' - **ברא**, דאס ווארט בר"א גייט איז מרמז אויפן בית מקדש של מעלה אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מקדש ה' כוננו ידיך.

ג' - **אלוקים**, דאס ווארט אלוקי"ם איז מרמז אויפן נאמען פון משיח וואס דעמאלטס וועט זיין ומלאה הארץ דעה את ה' די גאנצע וועלט וועט אנגעפילט ווערן מיט געטליכקייט.

ד' - **את**, דאס ווארט א"ת איז מרמז אויף די תורה הקדושה וואס איז געשריבן געווארן מיט די אותיות פון אל"ף ביז תי"ו.

ה' - **השמים**, דאס ווארט השמי"ם איז מרמז אויפן גן עדן העליון וואס איז בשמים ממעל.

ו' - **ואת**, דאס ווארט וא"ת איז מרמז אויף תשובה, דאס ווארט וא"ת איז נוטריקון ת'שב א'נוש ו'תאמר.

ז' - **הארץ**, דאס ווארט האר"ץ איז מרמז אויפן גיהנום וואס ווערט אנגערופן שאול תחתית.

(כנלענ"ד)

## בראשית ברא (א'-א')

### ודברת בם

עס שטייט אין ספה"ק מגיד תעלומה די תורה שבכתב פאנגט זיך אן מיטן אות בי"ת ב'ראשית, די תורה שבעל פה פאנגט זיך אן מיטן אות מ"ם מ'אימתי, וואס אינאיינעם איז דאס די ווארט ב"ם.

וועגן דעם דרשענען חז"ל (יומא י"ט) פונעם פסוק **ודברת ב"ם** דו האסט נאר רשות צו רעדן אין די רייד פון די תורה און דו זאלסט נישט רעדן קיין דברים בטלים ווייל אינעם ווארט ב"ם איז מרומז ביידע תורות סיי תורה שבכתב און סיי תורה שבעל פה.

## בראשית ברא (א'-א')

### בני חיי מזוני

דער הייליגער ברוכ'ל מעזיבושער זי"ע האט געטייטשט די ווערטער **בראשית ברא** אזוי

"**בראשית**" די ערשטע זאך וואס אידישע קינדער דארפן האבן.

"**ברא**" דאס איז בני, חיי, און מזוני.

אינעם ווארט בר"א ליגט אלע דריי זאכן בני, חיי, מזוני.

ב"ר איז א זון (בר יוחאי), דאס איז "בני".

בר"א איז לעבן געזינטערהייט (בריאת השלימות), דאס איז "חיי".

ב"ר מיינט פרנסה (לחם ובר), דאס איז "מזוני".

## בראשית ברא (א'-א')
## בשביל ישראל שנקראו ראשית (רש"י)

עס שטייט אין פסוק **בראשית ברא** זאגט רש"י **בשביל ישראל שנקראו ראשית** די וועלט איז באשאפן געווארן וועגן די יודן וואס זיי ווערן אנגערופן "ראשית".

עס ווערט געברענגט אין **תנא דבי אליהו** איינע פון די מדות וואס דער אייבירשטער פירט זיך דערמיט איז די מדה פון "השמח בחלקו" דער אייבירשטער פריידט זיך מיט זיין חלק.

לכאורה איז שווער וויאזוי איז שייך צו זאגן אז דער אייבישטער איז השמח בחלקו ער פריידט זיך מיט זיין טייל, אלעס געהערט דאך צום אייבירשטן אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים) לה' הארץ ומלואה פארן אייבישטן געהערט די גאנצע וועלט און אלעס וואס פילט איר אן.

זאגט דער הייליגער גר"א עס שטייט אין פסוק (פרשת האזינו) **כי חלק ה' עמו** די יודישע קינדער זענען דעם חלק פונעם אייבירשטן, דער אייבישטער האט אויסגעוועלט די יודישע קינדער פאר זיין חלק פאר זיין טייל.

זאגט דער גר"א אז דאס איז דער כוונה פונעם **תנא דבי אליהו** אז דער אייבישטער איז "השמח בחלקו" דער אייבישטער פריידט זיך מיט זיין חלק מיט דעם יודישן פאלק ער פריידט זיך מיט די יודן אין אלע זייערע מצבים נישט קיין חילוק וויאזוי זיי זעהן אויס.

אפילו ווען די יודן פאלן אמאהל פון זייערע מדרגות זאגט דער פסוק (פרשת אחרי) השוכן אתם בתוך טמאותם דער אייבישטער רועהט צווישן די יודן אפילו ווען זיי זענען טמא, דער שוואכסטע יוד איז נאך אלטס בעסער ווי דער שענסטער גוי.

דאס איז כוונה פון רש"י דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט וועגן די יודן וואס ווערן אנגערופן ראשית ווייל די יודן זענען דעם אייבירשטענס חלק אן די יודן קען זיך די וועלט נישט האלטן.

☆

## כי חלק ה' עמו יעקב חלק נחלתו

עס ווערט דערציילט אויף א גבאי פון א קהלה וואס א יעדעס יאהר מוצאי שמחת תורה נאכן ענדיגן טאנצן די הקפות האט ער אראפגעלייגט די שליסלעך פון ביהמ"ד און פונעם ארון הקודש אויפן באלעמער ער האט זיך אפגעזאגט פון די גבאות, ער האט געבעטן אז קהל זאל אויפנעמן א נייע גבאי אנשטאט איהם.

דער עולם פלעגט זיך יעהרליך בעטן ביים גבאי ער זאל זיי נישט איבערלאזן אן קיין גבאי זיי דארפן איהם זייער וויכטיג האבן אלס זייער גבאי הכנסת.

בלית ברירה האט דער גבאי געזאגט איך זעה אז עס איז קיינער נישט דא וואס זאל מיך ווען איבערנעמן וועל איך אנעמן די גבאות פאר נאך איין יאהר ביזן נעקסטן שמחת תורה, אזוי פלעגט זיך די מעשה איבערחזר'ן א יעדן שמחת תורה.

איין יאהר ווען דער גבאי האט אראפ געלייגט זיינע שליסלעך אויפן באלעמער און ער האט זיך אפגעזאגט פון די גבאות האט זיך אויפגעשטעלט איינע פון די יונגערע מתפללים און ער האט זיך אנגערופן אז ער איז מסכים איבער צו נעמן דאס גבאות.

אזוי ווי דער יונגערמאן האט געוואלט נעמן די שליסלעך פונעם באלעמער האט זיך אויסגעוויזן אז די שליסלעך זענען געווען צוגעקניפט מיט א בענדל צום טאש פונעם אלטן גבאי.

זאגן די ספה"ק מיט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו.

כביכול אפילו ווען דער אייבישטער זאגט פאר די יודן אויב איר וועט זיך נישט אויפירן אזוי ווי עס דארף צו זיין וועל איך אייך ח"ו אוועק שיקן פון מיר בלייבן אבער די יודישע קינדער ציגעבינדן צום אייבירשטן "מיט א חבל" מיט א שטריק, די יודן בלייבן אלטס מחובר צום אייבירשטן.

דער אייבישטער וועט ח"ו קיינמאהל נישט פארלאזן זיין באליבט פאלק אזוי ווי דער פסוק זאגט כי לא יטוש ה' עמו ונחלתו לא יעזוב השי"ת וועט נישט אוועק שטויסן זיין פאלק און זיין ארבטייל וועט ער נישט פארלאזן.

כל המחובר לטהור טהור

## בראשית ברא אלוקים (א'-א')

### בשביל התורה שנקרא ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית (רש"י)

עס שטייט אין פסוק בראשית ברא אלוקים, זאגט רש"י בשביל התורה שנקרא ראשית די וועלט איז באשאפן געווארן וועגן די תורה וואס ווערט אנגערופן ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית און וועגן די יודן וואס זיי ווערן אנגערופן ראשית.

זאגט דער הייליגער חפץ חיים זצ"ל ווען א מענטש איז משקיע אסאך געלט אין א געשעפט איז זיכער אז ער קלערט נישט צו פארדינען דערפון א קליינעם ריוח, ער איז משקיע דאס געלט נאר אז ער חשבונ'ט צו זעהן דערפון א גרויסן ריוח.

אויב אזוי זאגט דער חפץ חיים אז מיר זעהן אז השי"ת האט באשאפן אזא גרויסע וועלט די ים, די יבשה, די מענטש, די חיות און בהמות, די צומח, און די דומם "אלעס וועגן די תורה און וועגן די יודן" מוז זיין אז די תורה און די יודן זענען גאר גאר אסאך ווערט, "זיי טראגן א גרויסע חשובות ביים רבש"ע".

☆

## כל מה שעשיתם לצורך עצמכם עשיתם

די גמרא (ע"ז ב') זאגט לעתיד לבא וועט הקב"ה ברענגן א ספר תורה און ער וועט זאגן ווער עס האט עוסק געווען אין די תורה זאל קומען נעמן זיין שכר.

וועט מלכות רומי אריינגיין די ערשטע צום אייבירשטן און זיי וועלן זאגן רבש"ע אסאך מארק פלעצער האבן מיר מתקן געווען, אסאך באד פלעצער האבן מיר געמאכט, מיר האבן פארמערט אסאך גאלד און זילבער, "אלעס האבן מיר געמאכט כדי די יודן זאלן קענען לערנען תורה".

וועט זיי דער אייבישטער זאגן "שוטים שבעולם" אלעס וואס איר האט געטון האט איר געטון נאר וועגן אייגענע כבוד און געברויך.

פרעגט דער בריסקער רב זצ"ל (ר' וועלוועל) לעתיד לבא ווען דער אמת וועט אויפגעדעקט ווערן פאר יעדן וויאזוי וועלן זיך די אומות העולם וואגן צו זאגן אזא אפנעם שקר פארן רבש"ע אז זיי האבן אלעס געמאכט "בשביל ישראל" וועגן די יודן.

נאך מעהר פרעגט דער בריסקער רב פארוואס וועט דער אייבישטער ענטפערן פאר די אומות העולם שוטים שבעולם, דער אייבישטער וואלט זיי ענדערש גדארפט ענטפערן שקרנים שבעולם, ליגנערס וואס איר זענט.

זאגט די בריסקער רב א הפלא'דיגן תירוץ.

על פי אמת איז טאקע די גאנצע בריאה באשאפן געווארן וועגן די תורה און וועגן די יודן אזוי ווי חז"ל זאגן בשביל התורה ובשביל ישראל שנקראו ראשית, און אויך אלע זאכן וואס עס ווערט שפעטער באנייט אין אלע שפעטעריגע דורות איז אויך נאר וועגן די יודן און וועגן די תורה.

כאטש היינט זעה מיר נישט קלאר וויאזוי די גאנצע בריאה איז וועגן די יודן און וועגן די תורה אבער לעתיד לבא ווען עס וועט זיין "ומלאה הארץ דעה את ה'" וועט מען קלאר זעהן אז אלעס איז געווען וועגן די יודן און די תורה.

זאגט דער בריסקער רב לעתיד לבא וועלן טאקע די גוים דאס טענה'ן אז יעצט ווייזט זיך ארויס אז אלעס וואס מיר האבן געמאכט איז געווען בשביל ישראל שיעסקו בתורה כדי די יודן זאלן זיך באשעפטיגן מיטן לערנען די תורה.

וועט זיי דער אייבישטער ענטפערן "שוטים שבעולם" בשעת איר האט געמאכט די אלע זאכן האט איר בכלל נישט אינזינען געהאט די יודן, איר האט אלעס געמאכט פאר אייער אייגענע געברויכן און פאר אייער כבוד וועגן.

## ברא אלוקים (א'-א')

### ראה שאין העולם מתקיים והקדים מדת הרחמים ושתפה למידת הדין היינו דכתיב ביום עשות ה' אלוקים ארץ ושמים (רש"י)

## לך ה' החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו

רש"י זאגט אין אנפאנג האט השי"ת באשאפן די וועלט מיט מידת הדין ער האט געזען אז די וועלט וועט נישט האבן קיין קיום (ווייל מענטשן וועלן זינדיגן און אז מען וועט זיי גראד באשטראפן

וועלן מענטשן האלטן און איין שטארבן) האט השי"ת ציגעלייגט דעם מידת הרחמים און ער האט עס געפעדערט פארן מדת הדין אזוי ווי עס שטייט שפעטער אין פסוק ביום עשות "ה' אלוקים".

זאגט דער פרדס יוסף אז מיט דעם קען מען זייער שיין טייטשן דעם פסוק (תהילים ס"ב) אחת דבר אלוקים שתים זו שמענו ולך ה' החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו.

אחת דבר "אלוקים", אנהייב ביים באשאפן די וועלט האט השי"ת נאר גערעדט פון איין מדה די מדה פון אלוקים דעם מדת הדין.

שתים "זו" שמענו, דאסווארט ז"ו איז בגימטריא 13 צוויי מאהל דאס ווארט "זו" איז בגימטריא 26 כמנין שם הוי', נאכדעם האבן מיר געהערט אז השי"ת האט ציגעלייגט דעם שם הוי' פון מדת הרחמים צום מדת הדין.

ולך ה' החסד, וועגן דעם האסטו ציגעלייגט דעם מדת החסד.

כי אתה תשלם לאיש כמעשהו, ווייל דו באצאלסט פאר א מענטש לויט זיינע מעשים, און אז עס די וועלט וועט זיך פירן נאר מיטן מידת הדין קען די וועלט ח"ו נישט האבן א קיום.

מיט דעם טייטשט דער אויך פרדס יוסף דעם פסוק (תהילים קי"ט) ראש דברך אמת ולעולם כל משפט צדקך.

ראש דברך אמת, אנהייב פון דיינע רייד אין די תורה בראשית ברא "אלוקים" איז מדת האמת (סופי תיבות אמ"ת) ווען מען משפט מיטן גאנצן אמת איז דאס מיטן מדת הדין.

"ולעולם" כל משפט צדקך, און כדי די וועלט זאל זיך קענען האלטן האסטו ציגעלייגט צו דיין משפט די מדה פון צדקה לפנים משורת הדין וואס דאס איז די מדת הרחמים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ביום עשות "ה' אלוקים".

## בראשית ברא אלוקים (א'-א')

### ראש דברך אמת

דער הייליגער דברי יחזקאל זי"ע זאגט אז די סופי תיבות פון בראשי'ת בר'א אלוקי'ם איז אמ"ת אבער די ווארט אמת איז שלא כסדרן (עס איז תא"מ), די סופי תיבות פון בר'א אלוקי'ם א'ת איז אויך אמ"ת און דאס איז שוין כסדרן.

זאגט דער הייליגער שינאווער רב דאס א לימוד אז א מענטש דארף אנהייבן צו ארבעטן אויפן מדת האמת אפילו אין אנהייב איז עס נאך נישט אינגאנצן אמת אדורך און אדורך, דארף מען קודם ארבעטן כאטש אויף א נקידת האמת, און מיט סייעתא דשמיא וועט אנקומען צום סוף צום גאנצן מדת האמת.

☆

### תורתנו תורת אמת

עס איז אינטערסאנט צו באמערקן רש"י הקדוש איז אויך מרמז אין זיין פירוש על התורה דעם ווארט אמ"ת.

רש"י הייבט אן זיין פירוש על התורה מיטן אות אל"ף, א'מר ר' יצחק.

אויף דעם מיטעלסטע אות פון די תורה כל הולך על גחון איז רש"י דארט מפרש די לעצטע ווארט וואס פאנגט זיך אן מיט א אות מ"ם, מ'עיו.

ביים סוף פון די תורה אויף די ווערטער לעיני כל ישראל ענדיגט רש"י מיט א ווארט וואס ענדיגט זיך מיט א אות תי"ו, ששבר'ת.

אלע דריי אינאיינעם זענען די אותיות אמ"ת.

אשר נתן לנו תורת אמת

## ויר‍א אלוקים את האור כי טוב ויבדל אלוקים בין האור ובין החשך (א'-ד')

### ראהו כי טוב ואין נאה לו ולחשך להשתמש בערבוביא וקבע לזה תחומו ביום ולזה תחומו בלילה (רש"י)

### החמה הלך בסביבות כל כדור הארץ כל רגע ורגע

עס שטייט אין פסוק וירא אלוקים את האור כי טוב ויבדל אלוקים בין האור ובין החשך דער אייבישטער האט געזעהן אז די ליכטיגקייט איז גוט האט דער אייבישטער געמאכט א צווישענשייד צווישן דעם ליכטיגקייט און דעם טינקלקייט.

זאגט רש"י ראהו כי טוב דער אייבישטער האט געזעהן אז די ליכטיגקייט איז גוט ואין נאה לו ולחשך להשתמש בערבוביא עס איז נישט גוט אז דער לעכטיגקייט און דער טינקלקייט זאלן באדינען אויסגעמישטערהייט וקבע לזה תחומו ביום ולזה תחומו בלילה האט ער באשטימט פאר דעם זיין גרעניץ בייטאג און פאר דעם זיין גרעניץ ביינאכט.

דער ספר הברית (חלק א' מאמר ד' פרק ח') איז מבאר אויף א אופן נפלא דאס ענין וויאזוי אין די ערשטע דריי טעג (כך כתוב בהדיא בחזקוני דערבוביא בין אור וחשך הי' עד יום רביעי וכן משמע מרש"י לקמן א-י"ד) ביז דער אייבישטער האט אויפגעהאנגן די זון אינעם הימל אויף זיין באשטימטע פלאץ האבן די ליכטיגקייט און די טינקלקייט באדינט אויסגעמישטערהייט.

ווען השי"ת האט באפוילן פאר די זון עס זאל שיינען אויף די וועלט האט דער זון נישט פארשטאנען די פונקטליכע כוונה פונעם אייבירשטן זי האט געוואלט טון דעם רצון הבורא די בעסטע לויט איר מעגליכקייט האט זי זיך דערנענטערט צום כדור הארץ די מערסטע וואס זי האט געקענט כדי משפיע צו זיין פון איר לעכטיגקייט די מערסטע וואס איז נאר שייך וואס דאס האט געמאכט א גאר א שטארקן ליכטיגקייט א מענטש האט געקענט זעהן דערמיט פון איין עק וועלט ביזן אנדערן עק וועלט.

די פראבלעם מיט דעם מהלך איז געווען וויבאלד די זון איז געווען זייער נאנט צום כדור העולם איז דער זון זייער שנעל ארום געגאנגען די וועלט אזוי אז עס האט נישט געדויערט מעהר פון א רגע אז די זון זאל ארום גיין די גאנצן וועלט, איז אויסגעקומען אז עס איז געווען א האלבע רגע ליכטיג און דערנאך א האלבע רגע טינקל.

דאס איז די כוונה פון די ווערטער פון רש"י ראהו כי טוב ואין נאה לו ולחשך להשתמש בערבוביא דער אייבישטער האט געזעהן אז די ליכיטיגקייט איז גוט אבער עס איז נישט גוט עס זאל באדינען מיטן טינקלקייט אויסגעמישט, דאס מיינט א יעדע רגע זאל זיין א האלבע צייט ליכטיג און א האלבע צייט טינקל.

זאגט דער ספר הברית האט השי"ת ביום הרביעי אויפגעהאנגן דעם זון זייער ווייט פונעם כדור הארץ (24 מיליאן פרסאות - 39 מיליאן מייל) אזוי אז דויערט פארן זון ארום צו גיין די וועלט 24 שעה אזוי וועט זיין א צווישענשייד צווישן טאג און נאכט, 12 שעה איז ליכטיג דעמאלטס איז יום (פאר א האלבע וועלט) און די אנדערע 12 שעה איז טינקל דעמאלטס איז לילה.

## ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד(א'-ה')

### היום הולך אחר הלילה

ביי יודן גייט דער טאג נאכן נאכט, קודם איז נאכט דערנאך קומט טאג, דער נעקסטער נאכט געהער שוין צום קומענדיגן טאג.

משא"כ להבדיל ביי די אומות העולם גייט די נאכט נאכן טאג דער נאכט רעכענט זיך צום פארגאנגענעם טאג.

זאגט דער אמרי שפר זי"ע (ועוד ספה"ק) דא ליגט א שטארקע רמז אונעם מהלך החיים פון א יוד און להבדיל די מהלך החיים פון א גוי.

דער נאכט סימבלאזירט אויף טינקלקייט יסורים דינים און שטראף דער טאג סימבאלאזירט אויף ליכטיגקייט און ישועות.

ביי יודישע קינדער איז תחילתן יסורים אנהייב גייט זיי שווער זיי מיטשענען זיך, וסופן שלוה צום סוף וועט השי"ת זיי באלייכטן ער וועט זיי באצאלן זייער שכר, עס וועט זיין שמש צדקה ומרפא.

להבדיל ביי אומות העולם איז פונקט פארקערט, ביי זיי איז תחילתן שלוה קודם איז ביי זיי ליכטיג עס גייט זיי גוט, וסופן יסורים צום סוף וועט זיי השי"ת געבן זייער פארדינטע שטראף.

זאגט ר' שלמה קלוגער אז דאס איז אויך די סיבה פארוואס ביי יודישע קינדער איז שבת קודש וואס דאס איז זייער רו טאג ביים ענדע פונעם וואך און להבדיל ביי די אומות העולם איז זייער רו טאג ביים אנפאנג וואך אין זינטאג.

ביי יודן איז אנפאנג פלאג און שווער, און ביים סוף איז מנוחה ושלוה, משא"כ להבדיל ביי די אומות העולם איז קודם מנוחה ושלוה און צום סוף איז פלאגעניש און יסורים.

## יהי רקיע (א'-ו')

## יתחזק הרקיע שאע"פ שנבראו ביום ראשון עדיין לחים היו וקרשו בשני מגערת הקב"ה באמרו יהי רקיע (רש"י)

### יראת ה' עומדת לעד

עס שטייט אין פסוק יהי רקיע עס זאלן געשטארקט ווערן די אויסשפרייטונג.

זאגט רש"י יתחזק הרקיע די אויסשפרייטונג זאלן געשטארקט ווערן, שאע"פ שנבראו ביום ראשון כאטשיג זיי זענען שוין באשאפן געווארן אינעם ערשטן טאג עדיין לחים היו זענען זיי נאך געווען פייכט וקרשו בשני מגערת הקב"ה זיי זענען פארגליווערט געווארן דעם צווייטן טאג פון די געשריי פונעם אייבירשטן באמרו יהי רקיע ווען דער אייבישטער האט געזאגט די ווערטער יהי רקיע.

האט דער חידושי הרי"ם זי"ע געזאגט אויף דעם רש"י פארוואס רופט מען אן א ערליכע יוד "א יראת שמים" און נישט "יראת השם".

דאס קומט מרמז זיין אז א מענטש דארף אזוי מורא האבן פונעם אייבירשטן אזוי ווי די הימלן שטייען נאך דערציטערט זייט ששת ימי בראשית פון דעם געשריי וואס דער אייבישטער האט געגעבן "יהי רקיע" און זייט דעמאלטס שטייען זיי פארגליווערט פון גרויס שרעק.

## ויבדל בין המים אשר מתחת הרקיע ובין המים אשר מעל לרקיע (א'-ו')

### הפירוד וההבדל

עס שטייט אין פסוק ויבדל בין המים אשר מתחת הרקיע ובין המים אשר מעל לרקיע דער באשעפער האט אפגעטיילט צווישן די וואסער פון אינטערן הימל צום וואסער וואס איז העכערן הימל.

דער מדרש (בראשית רבה ד') זאגט א טעם פארוואס ביים צווייטן טאג שטייט נישט וירא אלוקים כי טוב דער אייבישטער האט געזעהן אז עס איז גוט וויבאלד ביים צווייטן טאג האט מען אפגעטיילט צווישן די וואסערן פון אינטערן הימל צו די וואסערן וואס זענען העכערן הימל שרייבט נישט די תורה כי טוב, מחלוקת און פירוד איז א שווערע זאך שרייבט מען נישט אויף דעם די ווערטער כי טוב עס איז גוט.

לכאורה איז שווער א קשיא ביים ערשטן טאג פון בריאת העולם איז געווען א פירוד צווישן אור און חושך אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "ויבדל אלוקים בין האור ובין החושך" און די תורה שרייבט יא ערשטן טאג "כי טוב".

ענטפערן די ספה"ק (הובא במעינה של תורה) א פירוד צווישן אור און חשך צווישן ליכטיגקייט און טינקלקייט איז א גוטע זאך ווייל אור און חשך קענען נישט משמש זיין בערבוביא אויסגעמישטערהייט וועגן דעם איז יא א גוטע זאך צו אפציטיילן צווישן אור און חושך.

משא"כ בייביידע וואסערן וואס ביידע זענען אייניג ביידע זענען די זעלבע איז א שווערע זאך אז מען האט זיי ציטיילט וועגן שרייבט נישט די תורה ביים צווייטן טאג די ווערטער "כי טוב".

דער מוסר השכל דערפון איז אז צווישן א רשע און א צדיק פעלט אויס צו מאכן א פירוד און אן הבדלה דער צדיק זאל ח"ו נישט מושפע ווערן פונעם רשע.

משא"כ צווישן צוויי חברים צוויי מענטשן וואס ביידע זענען פונעם זעלבן סארט איז א פירוד און א מחלוקת א שלעכטע זאך מען קען נישט זאגן אויף דעם כי טוב.

## ויקרא אלוקים לרקיע שמים (א'-ח')

### עושה שלום במרומיו

עס שטייט אין פסוק ויקרא אלוקים לרקיע שמים דער אייבישטער האט אנגערופן דעם אויסשפרייטונג שמים.

לכאורה איז שווער א יעדע זאך ווערט אנגערופן אויפן נאמען פונעם תכלית אויף וואס מען האט דאס באשאפן נישט אויפן נאמען פונעם צוזאמשטעל פון די זאך אויב אזוי פארוואס הייסן די הימלן "שמים" וואס שמים איז ציזאמגעשטעלט פון די ווערטער א"ש ומי"ם, די הימלן וואלטן געדארפט הייסן מיטן נאמען "רקיע" אויסשפרייטונג.

ענטפערן די ספה"ק דער נאמען "רקיע" ווייזט אויף ציטיילן און פירוד אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויעש אלוקים את הרקיע ויבדל בין המים השי"ת האט שטארק געמאכט די הימלן און ער האט אפגעטיילט צווישן די וואסערן, וועגן דעם האט השי"ת פארענדערט זייער נאמען צו "שמים" וואס דאס ווייזט אויף שלום און אחדות אפילו די הימל איז געמאכט געווארן פון פייער און וואסער מיט דעם אלעם איז דא שלום צווישן זיי.

עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו

## תדשא הארץ דשא (א'-י"א)

## נשאו דשאים קל וחומר (רש"י)

עס שטייט אין פסוק תדשא הארץ דשא די ערד זאל באגראזט ווערן מיט גרינס.

זאגט רש"י אז פאר די דשאים (גראזן) האט השי"ת נישט געהייסן אז זיי זאלן וואקסן למינהו עקסטער צו זייער מין, אבער זיי האבן געמאכט א קל וחומר, מה-דאך דיביימער וואס זיי זענען גרויס און זיי זענען ניכר יעדער בוים פאר זיך דאך האט השי"ת געהייסן אז זיי זאלן וואקסן למינהו, אונז וואס מיר זענען קליינע געוויקסן און מען וועט אונז נישט דערקענען אויב מיר וועלן וואקסן אינאיינעם דארפן מיר אודאי וואקסן עקסטער למינהו.

**פרעגט ר' דוד'ל דינובער זי"ע** פארוואס האט טאקע השי"ת נישט באפוילן בפירוש פאר די דשאים **אז זיי זאלן וואקסן למינהו.**

**ענטפערט ר' דוד'ל א הפלא'דיגן תירוץ.**

עס איז באקאנט אז **די י"ג מדות שהתורה נדרשת בהן** די 13 מידות וואס די תורה ווערט געדרשנט דורך זיי זענען אקעגן **די י"ג מדות של רחמים** די 13 מדות פון רחמים, **די מדה פון "קל וחומר" איז א קעגן די מדה פון "א-ל".**

זאגט ר' דוד'ל **די מדה פון א-ל ברענגט רפואות** אזוי מיר געפונען משה רבינו האט מתפלל געווען זיין שוועסטער מרים זאל אויסגעהיילט ווערן, **האט משה רבינו געזאגט "א-ל" נא רפה נא לה.**

**מיר ווייסן אז אלע רפואות קומען פון גראזן און געוויקסן.**

**זאגט ר' דוד'ל** השי"ת האט געוואלט אריינלייגן אין די דשאים דעם כח הרפואה אז מענטשן זאלן זיך קענען אויסהיילן מיט זיי, האט ער זיי נישט באפוילן בפירוש אז זיי זאלן וואקסן למינהו, **כדי אזוי זאלן זיי זיך מאכן א קל וחומר וואס דאס איז אקעגן די מדה פון א-ל וואס האט אין זיך דער כח הרפואה וועט דעמאלטס אריינגיין אין זיי די כח אויסציהיילן מענטשן פון אלע חולאים,** עס וועט זיין והעלה רפואה שלימה לכל מכאובינו.

**אבינו מלכינו שלח רפואה שלמה לחולי עמיך**

## את שני המאורות הגדולים את המאור הגדול למשלת היום ואת המאור הקטן לממשלת הלילה (א'-ט"ו)

### שוים נבראו ונתמעטה הלבנה על שקטרגה ואמרה אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד (רש"י)

### הביאו עלי כפרה

עס שטייט אין פסוק **את שני המאורות הגדולים** די צוויי גרויסע באלייכטערס **את המאור הגדול לממשלת היום** דער גרויסער באלייכטער זאל געוועלטיגן בייטאג **ואת המאור הקטן לממשלת הלילה** און דער קליינער באלייכטער זאל געוועלטיגן ביינאכט.

זאגט רש"י **שוים נבראו** אין אנהייב זענען די זין און די לבנה ביידע געווען די זעלבע גרויס **ונתמעטה הלבנה** און די לבנה איז קלענער געווארן **על שקטרגה ואמרה אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד** די לבנה מקטרג געווען זי האט געזאגט **עס איז נישט מעגליך זאלן האבן די זעלבע קרוין** האט השי"ת קלענער געמאכט די לבנה.

**עס שטייט אין פסוק** (פרשת פנחס) ביים מוסף פון ראש חודש **ושעיר עזים אחד לחטאת,** זאגט דארטן רש"י השי"ת האט געזאגט פאר די יודן **הביאו עלי כפרה** ברענגטס א פארציייאונג "אויף מיר" דעם קרבן חטאת **על שמעטתי את הירח** ווייל איך האב קלענער געמאכט די לבנה.

פרעגן די מפרשים **פארוואס דארפן די יודישע קינדער ברענגן א קרבן אויף א זינד וואס זיי האבן נישט געטון,** נישט זיי האבן קלענער געמאכט די לבנה.

**ענטפערט דער לחמי תודה,** ווייל ווען די לבנה האט מקטרג געווען אז עס איז נישט מעגליך 2 קעניגן זאלן באדינען מיט דעם זעלבן קרוין **וואלט השי"ת געקענט לאזן די לבנה גרויס אזוי ווי ער איז און גרעסער מאכן די זין,** פארוואס האט אויסגעפעלט קלענער צו מאכן די לבנה.

**דער תירוץ איז ווייל עס איז נישט מעגליך געווען גרעסער צו מאכן די ליכטיגקייט** פון די זין אזוי ווי רש"י ברענגט **ראהו שאין רשעים כדאי להשתמש בו,** השי"ת האט געזען אז די רשעים זענען נישט ווערט **אז זיי זאלן זיך באדינען מיט דעם שטארקן** ליכטיגקייט.

**קומט אויס אז וועגן די רשעים האט מען נישט געקענט גרעסער מאכן די זין** האט מען אנשטאט דעם קלענער געמאכט די לבנה **וועגן דעם דארפן די יודן ברענגן א חטאת פאר א כפרה אויף דעם מיעוט הירח ווייל זייערע זינד האט דאס גורם געווען.**

## ואת המאור הקטן (א'-ט"ו)

### סמוך על שלחן אביו

**אינעם חומש פון הגה"ק כהן שדעתו יפה ר' נתן אדלער זי"ע** איז געשטאנען ציגעצייכענט **בכתב יד קדשו** נעבן די ווערטער **ואת המאור הקטן** די אותיות **גועשאנ"ק.**

**חכמים ונבונים** האבן זיך שטארק גימיטשעט צו פארשטיין וואס די אותיות באדייטן **אבער זיי האבן נישט געקענט דערגיין די כוונה פון די ציגעצייכענטע אותיות "גועשאנ"ק".**

**ביז עס איז געקומען זיין תלמיד מובהק דער הייליגער חתם סופר זי"ע** (יומדה"ל כ"ה תשרי) און ער האט מפרש געווען **די כוונה פון זיין רבי'ן וואס עס באדייטן די אותיות גועשאנ"ק.**

דער חתם סופר האט מפרש געווען אז זיין רבי האט געמיינט **צו זאגן אז על פי פשוטו של מקרא קען די לבנה אויך אנגערופן ווערן "המאור הגדול" ווייל אקעגן די כוכבים איז די לבנה גרעסער פון זיי** אבער וויבאלד די לבנה האט נישט קיין אייגענעם ליכטיגקייט **די לבנה באקומט איר ליכטיגקייט פון דעם זין וועגן דעם ווערט זי אנגערופן קטן.**

חז"ל זאגן דער באוויסטער כלל **גדול וסמוך על שלחן אביו נקרא קטן** א גרויסער זוהן וואס ער פארלאזט זיך אז זיין טאטע זאל איהם שפייזן **ווערט אנגערופן א קטן א קליינער.**

האט דער חתם סופר געזאגט **דאס איז די כוונה וואס זיין רבי האט מכוון געווען ביים שרייבן די אותיות גועשאנ"ק** דאס איז דער נוטריקון פון די אויבן דערמאנטע ווערטער **ג'דול ו'סמוך ע'ל ש'לחן א'ביו נ'קרא ק'טן** די לבנה ווערט אנגערופן א קטן **ווייל זי איז אנגעוויזן אויפן זין צו מקבל זיין איר ליכטיגקייט.**

## ויאמר אלוקים נעשה אדם (א'-כ"ו)

### נעשה אדם נאמר בעבוריך

עס שטייט אין פסוק **ויאמר אלוקים נעשה אדם** דער אייבישטער האט געזאגט **לאמיר אונז מאכן א מענטש.**

זאגט רש"י **וועגן דעם שטייט "נעשה" מיר וועלן מאכן מיט א לשון רבים** ווייל השי"ת האט זיך באראטן מיט די מלאכים צו ער זאל באשאפן א מענטש אדער נישט.

**איינע פון די טעמים** פארוואס השי"ת האט זיך שואל עצה געווען מיט די מלאכים כדי דאס זאל זיין א פיוס פאר זיי **השי"ת האט זיי געוואלט מפייס זיין אז מען גייט זיי נישט געבן די תורה.**

**די עיקר סיבה** פארוואס די מלאכים האבן געזאגט **תנה הודך על השמים** ווייל זיי האבן געוואלט האבן **די סודות התורה** וואס דאס איז נתגלה געווארן **דורכן תנא אלוקי רבן שמעון ב"ר יוחאי.**

**מיט דעם האט ר' יענקעלע מפשעווארסק זי"ע זייער שיין געטייטשט דעם פיוט** וואס מען זינגט ל"ג בעומר, **נעשה אדם נאמר בעבוריך.**

**נעש"ה אדם,** דאס וואס השי"ת האט געזאגט **מיט א לשון רבים** דעם ווארט **נעשה** כדי מפייס צו זיין די מלאכים.

**נאמר בעבוריך,** דאס איז געזאגט געווארן צוליב דיר ר' שמעון

די מלאכים האבן געוואלט האבן די סודות התורה וואס רבי שמעון האט מגלה געווען, וועגן דעם האט זיי השי"ת געמיזט מפייס זיין מיטן שרייבן דאס ווארט נעשה.

## וכל שיח השדה טרם יהי' בארץ וכל עשב השדה טרם יצמח כי לא המטיר ה' אלוקים על הארץ ואדם אין לעבד את האדמה (ב'-ה')

**ומה טעם לא המטיר לפי שאדם אין לעבוד את האדמה ואין מכיר בטובתן של גשמים וכשבא אדם וידע שיש צורך לעולם התפלל עליהם וירדו וצמחו האילנות והדשאים (רש"י)**

### אתרועתא דלתתא

עס שטייט אין פסוק **וכל שיח השדה טרם יהי' בארץ** אלע ביימער זענען נאכנישט געווען אויף די ערד **וכל עשב השדה טרם יצמח** אלע גראז פון פעלד האבן נאכנישט געשפראצט **כי לא המטיר ה' אלוקים על הארץ** ווייל דער אייבישטער האט נישט געמאכט רעגענען אויף דער ערד **ואדם אין לעבד את האדמה** און דער מענטש איז נישט געווען צו בארבעטן די ערד.

זאגט רש"י **ומה טעם לא המטיר** וואס איז דער טעם אז עס האט נאכנישט גערעגנט **לפי שאדם אין לעבוד את האדמה** ווייל דער מענטש איז נישט געווען צו בארבעטן די ערד **ואין מכיר בטובתן של גשמים** און ער האט נישט אנערקענט די גוטסקייט פון רעגן **וכשבא אדם וידע שיש צורך לעולם** ווען דער מענטש איז געקומען און ער האט געוויסט אז די וועלט דארף רעגן **התפלל עליהם** האט ער מתפלל געווען אויף רעגן **וירדו וצמחו האילנות והדשאים** האבן די רעגן אראפגענידערט און די ביימער און די גראז האבן געשפראצט.

**דער הייליגער בני יששכר זי"ע** (מאמרי תשרי מאמר י"ג אות ד') זאגט א טעם פארוואס **פסח** בענטשט מען "טל" און **שמיני עצרת** בענטשט מען "גשם".

איז דער בני יששכר מסביר עס איז דא א חילוק צווישן טוי און רעגן, **רעגן קומט דורך דעם וואס עס גייט ארויף א פארע פון די ימים און טייכן פון דעם ווערט וואלקענעס און דערנאך רעגנט אראפ אויף די ערד דאס ווערט אנגערופן "אתרועתא דלתתא".**

**משא"כ טוי קומט פון הימל גלייך אן דעם וואס זאל קומען פון אינטען וואסער, און דאס ווערט אנגערופן "אתרועתא דלעילא".**

**פסח האט השי"ת ארויסגעצויגן די יודן פון מצרים** וואס זענען געווען משוקע אין די מ"ט שערי טומאה איז עס נישט געווען אין זייער אייגענע זכות **נאר עס איז געווען אן התרועתא דלעילא, וועגן דעם בענטשט מען פסח "טל" ווייל טוי איז אויך אן התרועתא דלעילא.**

**שמיני עצרת האלט מען שוין נאכדעם** וואס אידישע קינדער האבן געטון אזויפיל מצות אין די הייליגע טעג פון די ימים נוראים און פון סוכות **האבן מיר געמאכט אן התרועתא דלתתא, איז מען מתפלל אויף גשם וואס רעגן איז אויך אן "התרועתא דלתתא".**

**קען מען זאגן אז דאס איז די כונה פון רש"י** וויבאלד רעגן קומט דורך אן **התרועתא דלתתא** האט השי"ת געווארט אז אדם הראשון **זאל קודם מתפלל זיין אויף רעגן** און הערשט דערנאך האט השי"ת אראפגענידערט א רעגן.

☆

### בעבורו אל תמנע מים

**מיט דעם האט דער באבובער רב זצ"ל** (בעל דברי שלמה) זייער שיין געטייטשט וואס מען זאגט מען ביי תפילת **גשם זכור אב נמשך אחריך "כמים"**, השי"ת געדענק די זכות פון אונזער טאטן אברהם וואס ער האט זיך נאכגעצויגן נאך דיר אזוי ווי וואסער.

**אברהם אבינו האט פון "זיך אליינס" אנערקענט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, איז דאס געווען א בחינה פון "התרועתא דלתתא".**

**בעבורו אל תמנע מים**, בעטן מיר אז אין זיין זכות זאל השי"ת שיקן רעגן וואס רעגן איז אויך "התרועתא דלתתא".

## ונהר יצא מעדן להשקות את הגן ומשם יפרד והיו לארבעה ראשים (ב'-י')

### שלשלת הקבלה

**דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע** האט געטייטשט דעם פסוק **ונהר יצא מעדן להשקות את הגן ומשם יפרד והיו לארבעה ראשים** אז עס גייט ארויף אויפן **שלשלת הקבלה** פון רבינו הבעש"ט ותלמידיו.

**ונהר יצא מעדן**, די ווארט "נהר" מיינט **רבי ר' בער דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זי"ע** און "עדן" מיינט **דער הייליגער בעש"ט זי"ע**, דער רבי ר' בער האט מקבל געווען פונעם בעש"ט.

**להשקות את הגן**, די ווארט "גן" איז מיין ברודער **דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע**, וואס ער האט מקבל געווען פון רבי ר' בער.

**ומשם יפרד והי' "לארבעה ראשים"**, פון רבי ר' אלימלך איז אריבער דער שלשלת הקבלה **צו זיינע "פיר הייליגע תלמידים".**

**צום הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע, און צום הייליגן עבודת ישראל דער קאזניצער מגיד זי"ע, און צום הייליגן אוהב ישראל אפטער רב זי"ע, און צום הייליגן רבי ר' מענדעלע מרימענוב זי"ע.**

## ונהר יצא מעדן להשקות את הגן (ב-י')

### ארבעה מינים

**דער הייליגער בני יששכר זי"ע זאגט** (מאמרי חודש תשרי מאמר י' אות כ"ו) אז אויף א יעדע געוויקס איז דא א מלאך וואס איז געשטעלט אז עס זאל וואקסן, **חוץ פון די ד' מינים אתרוג לולב הדס ערבה וואס זיי זענען אינטערן רשות פונעם אייבירשטן אליין.**

וועגן דעם האט אונז השי"ת באפוילן צו נעמן די ד' מינים תיכף נאך יום כפור צי ווייזן אז מיר זענען **בנים למקום** און מיר מעגן זיך **משתמש זיין בשרביטו של מלך.**

**זאגט דער הייליגער עטרת ישועה זי"ע** (דזיקוב) אין דעם פסוק **ונהר יצא מעדן להשקות את הגן** איז דא א רמז אז די ד' מינים זענען אונטערן בעלות פונעם אייבירשטן אליין.

די ראשי תיבות פון די ווערטער **ע'דן ל'השקות א'ת ה'גן** איז **עלא"ה** וואס דאס איז נוטריקון **ע'רבה ל'ולב א'תרוג ה'דס**, דער אייבישטער אליין טרינקט זיי אן **פונעם נהר היוצא מעדן.**

## שם הבדלח ואבן השהם (ב'-י"ב)

### חסיד הוא

די גמרא (בבא קמא ל') זאגט **האי מאן דבעי להוי חסידא**, ווער עס וויל זיין א חסיד, **לקיים מילי דאבות מילי דברכות, מילי דנזיקין**, זאל ער מקיים זיין די זאכן וואס עס שטייט **אין פרקי אבות**, און ער זאל מאכן **ערליך ברכות**, און ער זאל אויפאסן **נישט צו שעדיגן א צווייטן.**

**זאגט דער הייליגער חתם סופר זי"ע** דאס ווארט **הבדל"ח**

איז נוטריקין ה'אי ב'עי ד'י ל'הוי ח'סידא, דער ווער עס וויל זיין א חסיד.

אב"ן איז נוטריקין א'בות ב'רכות נ'זיקין.

## ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו (ב'-י"ז)

### וכי תאוה הוא לעינים

די גמרא (ברכות מ') ברענגט א מחלוקת התנאים וואס איז געווען דעם בוים "עץ הדעת" וואס אדם האט נישט געמעגט עסן דערפון.

רבי יהודה האלט עס איז געווען א ווייץ בוים, רבי מאיר האלט עס איז געווען א טרויבן בוים, רבי נחמיה האלט עס איז געווען א פייגן בוים, אין מדרש דא נאך א דעה עס איז געווען א אתרוג בוים.

פרעגט דער הייליגער מאור ושמש זי"ע (פרשת בא ד"ה וככה תאכלו) פון ווי האט אדם אליינס געוויסט וועלעכע בוים איז דער עץ הדעת וואס עס איז אסור פאר איהם צו עסן, אין פסוק זעהט נישט אויס אז דער אייבישטער האט איהם געזאגט וועלעכע "מין בוים" איז דער עץ הדעת טוב ורע.

ענטפערט דער מאור ושמש א חידוש פון א פשט.

ווען דער אייבישטער האט באפוילן פאר אדם אז ער מעג עסן פון דיביימער פון גן עדן האט איהם דער אייבישטער געגעבן רשות צו עסן פון א יעדן סארט בוים וואס עס איז דא אין גן עדן אבער נאר אויפן תנאי אז אדם זאל עסן פון די פירות האילנות "לשם קיום הגוף" דורכן עסן פון די פירות זאל ער זיך דערהאלטן צום לעבן אבער צו עסן פון די ביימער לשם תאוה אז איינע פון די פירות גליסט איהם צו עסן מעהר פון די אנדערע פירות אזא סארט עסן איז אסור.

מיט דעם איז דער מאור ושמש מחדש אז דער עץ הדעת טוב ורע איז נישט געווען א ספעציעלע בוים מיטן נאמען עץ הדעת, נאר א יעדע סארט בוים וואס אדם וויל עסן דערפון לשם תאוה עס ציט איהם ענדערש צו עסן פון א געוויסע בוים מעהר פון אלע אנדערע ביימער דאס ווערט אנגערופן "עץ הדעת טוב ורע" און עס איז אסור פאר אדם צו עסן אזא מין אכילה.

זאגט דער מאור ושמש דאס איז פשט אין פסוק מכל עץ הגן אכול תאכל פון אלע פרוכט פונעם גארטן מעגסטו עסן.

ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל אבער טאמער ווילסטו עסן פון א ספעציפישן בוים לשם תאוה עס גליסט דיר דוקא צו עסן פון דער בוים וואס יעצט זענען ביי דיר די פירות "בבחינת טוב" און פון אלע אנדערע ביימער ווילסטו נישט עסן דערפון זיי זענען פאר דיר "בבחינת רע" אזא מין אכילה טארסטו נישט עסן.

אויף דעם קריגן זיך די תנאים וועלעכע מין בוים איז געווען די בוים וואס אדם האט געגליסט צו עסן דערפון, רבי יהודה זאגט חטה היתה, רבי מאיר זאגט גפן היה, און רבי נחמיה זאגט תאנה היתה.

## ויביאה אל האדם (ב'-כ"ב)

### הודאת בעל דין כמאה עדים דמי

ווען דער הייליגער ברוך טעם זי"ע האט גענומען דעם הייליגן דברי חיים אלטס יונג קינד פאר אן איידעם האט ער אים געפרעגט א שטארקע קשיא.

וויאזוי האט אדם הראשון געקענט מקדש זיין חוה, די הלכה איז דאך אויב איינער איז מקדש א פרוי אן עדים איז די קידושין נישט חל, איז דאך לכאורה שווער, אויסער אדם און חוה איז קיינער נישט געווען דעמאלטס אויף דער וועלט מען זאל זיי קענען ניצן פאר עדות, האט דאך די קידושין נישט חל געווען.

האט אים דער הייליגער דברי חיים געענטפערט א חרופות'דיגען תירוץ.

די גמרא לערנט ארויס אז ביי קידושין דארף מען האבן עדים פון א גזירה שוה דבר דבר ממון, פונקט ווי ביי געלט דארף מען האבן צוויי עדים דארף מען ביי אישות אויך האבן צוויי עדים.

פרעגט די גמרא אויב אזוי פונקט ווי ביי ממון זאגן מיר הודאת בעל דין כמאה עדים דמי ווען א מענטש איז מודה פאר איינעם אז ער איז שילדיג געלט איז עס אזוי שטארק ווי הונדערט עדים, אזוי אויך זאל ביי קידושין העלפן הודאת בעל דין כמאה עדים ווען דער מאן איז מודה אז ער האט מקדש געווען א פרוי זאל ער זיין באגלייבט פונקט ווי ער וואלט געברענגט עדים.

ענטפערט די גמרא אז קידושין איז אנדערש פון ממון, ווייל ווען איינער איז זיך מודה אז ער איז שילדיג געלט פאר א צווייטן ברענגט נישט זיין מודה זיין א חוב א שלעכטס פאר אנדערע מענטשן, אבער ביי קידושין אויב מיר וועלן גלייבן זיין הודאה אז ער האט איר מקדש געווען ברענגט עס שלעכטס פאר אנדערע מענטשן, ווייל דורך זיין מודה זיין ווערט זי אן אשת איש און זי ווערט אסור חתונה צו האבן מיט די גאנצע וועלט.

האט דער דברי חיים אויסגעפירט לויט די גמרא איז שוין גוט וויאזוי אדם האט געקענט מקדש זיין חוה אן עדים, ווייל ביי אדם הראשון האט יא געהאלפן הודאת בעל דין אזוי ווי ביי ממון ווייל בשעת אדם האט מקדש געווען חוה זענען זיי געווען די איינציגסטע מענטשן אויף דער וועלט האט זיין הודאה נישט געברענגט שלעכטס פאר קיינעם ווייל עס איז נישט געווען אנדערע מענטשן אויף די וועלט פאר וועם זי זאל יעצט אסור ווערן, איז עס יא געווען א גוטע קידושין.

דער ברוך טעם האט מורא'דיג משבח געווען דעם תירוץ פונעם הייליגן דברי חיים

## ויאמר אל האשה אף כי אמר אלוקים לא תאכלו מכל עץ הגן (ג'-ב')

### ה' חפץ למען צדקו

דער מדרש זאגט (מדרש רבה) ארבעה פתחו באף ונטרדו מן העולם, פיר האבן אנגעהויבן מיט דעםווארט "אף" און זיי זענען פארטריבן געווארן פון די וועלט מיט א חרון אף.

דער נחש האט געזאגט "אף" כי אמר אלוקים, דער שר האופים האט געזאגט "אף" אני בחלומי, עדת קרח האבן געזאגט "אף" לא אל ארץ זבת חלב ודבש הביאותנו, און המן האט געזאגט "אף" לא הביאה אסתר אל המשתה.

זאגט דער שר שלום מבעלזא זי"ע אז די כוונה פונעם נחש איז געווען איינצורעדן חוה אז די מצוה לא תעשה וואס דער אייבישטער האט זיי באפוילן אז זיי זאלן נישט עסן פונעם בוים קומט ח"ו פון א חרון אף וואס השי"ת איז אין כעס אויף זיי

זאגט דער בעלזער רב דאס איז אפיקורסות ווייל אלע מצות ה' איז פול מיט אהבה און חסדים וואס השי"ת וויל מטיב זיין לבריאיו, וועגן דעם איז דער נחש נטרד געווארן "באף" מיט א צארן פונעם אייבירשטן, מדה כנגד מדה.

☆

### התאוה והקנאה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם.

די משנה זאגט (אבות) התאוה הקנאה והכבוד מוציאין את

האדם מן העולם, די דריי שלעכטע מדות, גליסטן, מקנא זיין, און כבוד, ברענגען חרבנות אויף דער וועלט.

זאגט דער פרדס יוסף, אז אין פרשת בראשית זעט מען אז אט די אלע דריי שלעכטע מדות תאוה, קנאה, און כבוד האבן געברענגט גרויסע חרבנות אויף דער וועלט.

תאוה, אין פסוק שטייט ותרא האשה כי טוב העץ למאכל וכי "תאוה" הוא לעינים וכו' ותקח מפריו תאכל, חוה האט געגליסט צום עסן האט זי עובר געווען אויפן צווי ה'.

קנאה, אין פסוק שטייט וישע ה' אל הבל ואל קין ואל מנחתו לא שעה, השי"ת האט אנגענומען הבל'ס קרבן און צו קין און זיין קרבן האט זיך השי"ת נישט געקערט, שטייט נאכדעם ויקם קין על הבל אחיו ויהרגהו, קין איז פון גרויס "קנאה" אויפגעשטאנען אויף זיין ברודער הבל און ער האט אים גע'הרג'ט.

כבוד, אין פסוק שטייט את שני המאורות הגדולים און נאכדעם שטייט את המאור הגדול ואת המאור הקטן, זאגט רש"י אז די לבנה האט געזאגט עס איז נישט מעגליך אז צוויי קעניגן זאלן זיך באניצן מיטן זעלבן קרוין, זי האט געוואלט האבן מער "כבוד" פון די זון און מען זאל קלענער מאכן דעם זון און איר לאזן גרויס, האט השי"ת איר געזאגט לכו ונתמעטו את עצמך, גיי און מאך "דיך" קלענער, דו וועסט זיין דער מאור הקטן און דער זון וועט בלייבן דער מאור הגדול.

## ותאמר האשה אל הנחש מפרי עץ הגן נאכל ומפרי העץ אשר בתוך הגן אמר אלוקים לא תאכלו ממנו ולא תגעון בו פן תמתון (ג'-ב')

### כל המוסיף גורע

עס שטייט אין פסוק ותאמר האשה אל הנחש די פרוי האט געזאגט פארן שלאנג מפרי עץ הגן נאכל פון די פרוכט אינעם גארטן מעגן מיר עסן ומפרי העץ אשר בתוך הגן און פון די פרוכט פונעם בוים וואס עס איז אינעם פעלד אמר אלוקים לא תאכלו ממנו ולא תגעון בו האט דער אייבישטער געזאגט מיר זאלן נישט עסן און נישט אנרירן אין דעם פן תמתון טאמער וועלן מיר שטארבן.

פרעגט דער כתנות אור אז לכאורה איז שווער עטליכע דיוקים.

איינס, פארוואס האט חוה מאריך געווען צו זאגן פארן נחש אז פון אלע ביימער מעגן זיי יא עסן, זי וואלט נאר געדארפט זאגן אז פונעם עץ הדעת טארן זיי נישט עסן.

והשנית איז שווער, פארוואס האט חוה ציגעלייגט אז מען טאר אויך נישט אנרירן דעם בוים.

ענפערט דער כתנות אור א הערליכן תירוץ

אין שו"ע (או"ח סי' תרי"ז) ווערט גע'פסק'נט אז יום כפור ווען מען איז מצווה אויף פאסטן מעג מען יא אנרירן עסנווארג.

פסח טאר מען נישט אנרירן קיין חמץ וועגן די חשש שמא יבא לאוכלו מיר האבן מורא אז ער וועט עס קומען עסן

דער טעם פארוואס פסח איז אנדערש פון יום כפור ווייל אין פסח מעג מען עסן אלע אנדערע מאכלים אויסער חמץ, האבן מיר מורא אז ער וועט זיך פארגעסן אז עס איז פסח און ער וועט עסן חמץ, משא"כ אין יום כפור וואס מען טאר גארנישט עסן האבן מיר נישט מורא אז דורכן אנרירן דאס עסן וועט מען קומען אויך עסן.

דא ביים עץ הדעת וואס פון אלע ביימער האבן זיי יא געמעגט עסן און דער איסור איז נאר געווען אויפן עץ הדעת, האט חוה מורא געהאט אז דורכן אנרירן דעם עץ הדעת וועט זי עס קומען עסן דערפון אזוי ווי חמץ בפסח.

וועגן דעם האט חוה מאריך געווען און זי האט געזאגט פארן נחש, מפרי עץ הגן נאכל אלע ביימער מעגן מיר יא עסן, ומפרי העץ אשר בתוך הגן לא תאכלו, די איסור איז נאר אויף צו עסן פונעם עץ הדעת, ולא תגעו בו, וועגן דעם האב איך מורא אנצירירן דעם בוים ווייל די נגיעה קען צוברענגען שמא יבא לאוכלו.

## ויאמר הנחש אל האשה לא מות תמותון (ג'-ד')

## דחפה עד שנגעה באילן ואמר לה כשם שאין מיתה בנגיעה כך אין מיתה באכילה (רש"י)

### כל הנוגע מות יומת

רש"י זאגט אז דער נחש האט א שטיפ געטאן חוה ביז זי האט אנגערירט דעם בוים, און ער האט איר געזאגט פונקט אזוי ווי דו ביסט נישט געשטארבן ביים אנרירן דעם בוים אזוי אויך וועסטו נישט שטארבן ביים עסן פונעם בוים.

פרעגט די וועלט א קשיא וויאזוי איז דא א ראי' אז ווייל זי איז נישט געשטארבן ביים אנרירן דעם בוים וועט זי אויך נישט שטארבן ביים עסן, ווער זאגט אז זי גייט נישט שטארבן וועגן אנרירן דעם בוים, השי"ת האט נישט געזאגט אז די רגע וואס מען עובר שטארבט מען גראה, השי"ת האט נאר געזאגט כי "ביום" אכלך ממנו תמות דער "טאג" וואס דו וועסט עסן וועסטו שטארבן, דער טאג איז דאך נאך נישט אדורך געגאנגען אז זי זאל קענען זען אז מען שטארבט נישט פון אנרירן.

ענטפערט דער הייליגער ישמח משה זי"ע א כאפ פון א תירוץ.

דער נחש האט איר געזאגט אז סיי אנרירן און סיי עסן זענען ביידע איינס, ביידע זענען די זעלבע זאך, ממילא מעג זי יעצט עסן ממה נפשך.

אויב גייט זי שוין סיי ווי שטארבן היינט ווייל זי האט אנגערירט דעם בוים קען זי שוין אויך עסן, ווייל עס איז נישט שייך צוויי מאל צו שטארבן, וועגן דעם האט דער נחש געזאגט א דאפעלט לשון "לא מות תמותון" צוויי מאהל שטארבן קען מען נישט.

און אויב עס איז נישט דא קיין מיתה וועגן אנרירן דעם בוים מעג זי דאך אויך זיכער עסן ווייל לויטן שיטת הנחש איז נגיעה מיט אכילה איין זאך.

## ותתן גם לאשה עמה ויאכל (ג'-ו')

### הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה

עס איז דא א מדרש פליאה (אות י"ב) מפני מה חטא אדם הראשון, פארוואס האט אדם הראשון געזינדיגט, מפני שראה שתים, ווייל ער האט געזען צווי.

זאגט דער גר"א פשט אזוי.

די משנה זאגט (אבות פ"ג א') הסתכל בשלשה דברים זאלסט גוט אריינקוקן אין דריי זאכן, ואין אתה בא לידי עבירה וועסטו נישט צוקומען צו טין אן עבירה.

דע מאין באת זאלסט וויסן פון ווי די קומסט, ולאן אתה הולך, און ווי דו גייסט, די צוויי זאכן דארף צוברענגען א מענטש צו שפלות עצמו זיך קליין צו האלטן ווייל ער קומט פון גארנישט און צום סוף ווערט פון אים גארנישט.

ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, פאר וועמען וועסטו דארפן אפגעבן א דין וחשבון, לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה, פארן הייליגן באשעפער וואס ער איז דער קעניג איבער אלע קיניגן, דאס איז גדלות הבורא.

ווען א מענטש טראכט כסדר פון די דריי זאכן געט עס אים א כח זיך צוריק צו האלטן פון זינדיגן.

זאגט דער גר"א אז אדם הראשון האט נאר געהאט 2 פון די זאכן, ער האט געהאט ולאן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, ווייל השי"ת האט אים געזאגט כי ביום אכלך ממנו מות תמות.

אבער די ערשטע זאך וואס די משנה רעכנט אויס, דע מאין באת מטפה סרוחה האט ער נישט געהאט ווייל אדם הראשון איז דאך געווען יציר כפיו של הקב"ה, דער אייבישטער אליין האט אים באשאפן ממילא האט אים געפעלט "שפלות עצמו" האט ער זיך נישט געקענט צוריק האלטן פון זינדיגן.

דאס איז פשט אין מדרש, מפני מה חטא אדם הראשון מפני שראה שתים, אדם הראשון האט געזינדיגט ווייל ער האט נאר געזען 2 זאכן פון די שלשה דברים, אבער ער האט נישט געזעהן דעם "מאין באת".

☆

### על פי שנים עדים יקום דבר

דער חדות יעקב ברענגט א פשט אויפן מדרש פליאה אזוי.

ווען אדם הראשון האט געזעהן אז סיי חוה און סיי דער שלאנג לעבן נאך האט ער זיך געמאכט א חשבון אז ער מעג יא עסן פון די פרות פונעם עץ הדעת.

אדם האט זיך געמאכט א חשבון אויב וואלט דאס עסן פונעם עץ הדעת געווען א חטא וואלטןביידע שוין געדארפט זיין טויט, חוה וואלט געדארפט שטארבן ווייל זי האט געגעסן פונעם בוים, און דער שלאנג וואלט געדארפט שטארבן ווייל ביי א מסית זאגט מען יש שליח לדבר עבירה האט דאך דער נחש דער זעלבער דין ווי חוה אויב אזוי זענען זיי ביידע געווען חייב מיתה.

דאס איז פשט אין מדרש, מפני מה חטא אדם, פארוואס האט אדם הראשון געמאכט דעם טעות און ער האט געגעסן פונעם עץ הדעת, מפני שראה שתים, ער האט געזעהן אז אלע ביידע סיי חוה און סיי נחש לעבן נאך האט ער געמיינט אז דאס איז נישט קיין זינד.

## ויאמר האדם האשה אשר נתתי עמדי היא נתנה לי מן העץ ואוכל (ג'-י"ב)

### אין אדם חוטא ולא לו

עס שטייט אין פסוק ויאמר האדם האשה אשר נתתי עמדי היא נתנה לי מן העץ ואוכל אדם הראשון האט געזאגט פארן אייבירשטן די פרוי וואס דו האסט מיר געגעבן, זי האט מיר געגעבן פונעם בוים און איך האב געגעסן.

די גמרא (בבא מציעא ה') זאגט, אין אדם חוטא ולא לו, א מענטש זינדיגט נישט אויב ער אליין האט נישט עפעס דערפון.

זאגט דער קדושת ציון זי"ע הי"ד בדרך צחות מען קען זאגן פשט און דעם מאמר חז"ל אזוי.

עס שטייט אין פסוק (ראה) די מחסורו אשר יחסר לו, מען זאל צושטעלן פארן ארימאן אלע זיינע באדערפענישן וואס עס פעלן אים.

דרש'נט די גמרא (כתובות ס"ז) פון די ווערטער אשר יחסור "לו" א זאך וואס עס פעלט אים אליין פערזענליך, זו אשה דאס מיינט מען זאלן אים העלפן חתונה האבן מיט א פרוי.

קומט אויס פון די גמרא אז די ווארט "לו" מיינט א ווייב.

טייטשט דער קדושת ציון דעם מאמר חז"ל אין "אדם" חוטא ולא "לו", אדם הראשון וואלט נישט געזינדיגט ווען נישט זיין "ווייב" געט אים נישט צו עסן פונעם עץ הדעת.

☆

### מי שיש לו מנה רוצה מאתים

מענין לענין לאותו ענין וויאזוי ליגט אין די ווערטער מחסורו אשר יחסר לו מען זאל אים העלפן חתונה האבן מיט א פרוי אפשר מיינט עס אן אנדערע זאך וואס פעלט אים.

קען מען זאכן ווייל חז"ל זאגן מי שיש לו מנה רוצה מאתים, ווער עס האט הינדערט וויל צוויי הינדערט, א מענטש איז קיינמאהל נישט ציפרידן מיט וויפיל ער האט אלטס וויל ער דאפעלט

אויב אזוי איז שווער ווי אזוי קען די תורה זאגן אז מען זאלן אים געבן געניג וויפיל עס פעלט אים, מען קען אים דאך נישט געבן וויפיל עס פעלט ווייל וויפיל איך וועל אים געבן וויל ער דאך דערנאך דאפעלט.

ביי איין זאך איז אבער יא דא וואס א מענטש דארף נישט דערפון דאפעלט וויפיל ער האט איז אים שוין "מער ווי גענוג", דאס איז דאס ענין פון להשיאו אשה חתונה צו האבן מיט א פרוי, וועגן דעם האבן חז"ל גע'דרש'נט אשר יחסור לו, זו אשה.

## על גחונך תלך (ג'-י"ד)
## רגלים היו לו ונקצצו (רש"י)

### מדה כנגד מדה

ווען השי"ת האט געשאלטן דעם נחש האט ער אים געזאגט על גחונך תלך אז דו וועסט גיין אויף דיין בויך, זאגט רש"י רגלים היו לו ונקצצו דער שלאנג האט געהאט פיס און מען האט עס אים אפגעשניטן.

פרעגט דער הייליגער אמרי נועם זי"ע וואס איז געווען די מדה כנגד מדה אז וועגן דעם זאל מען אים אפהאקן זיינע פיס.

נאך איז שווער, אויפן פסוק (קהלת י' י"א) ופורץ גדר ישכנו נחש, דרש'נט דער מדרש, ווייל דער נחש איז געווען "א פורץ גדר" ביי די מעשה פון איבערעדן חוה וועגן דעם איז דער עונש פון אזא איינער וואס איז ער א פורץ גדר וועט אים א שלאנג בייסן.

פרעגט דער אמרי נועם א פורץ גדר הייסט איינער וואס ציברעכט א תקנת חכמים וואס דאס איז א גדר מען זאל בעסער אפהיטן די תורה, אבער ביי די מעשה פון חוה האט דער נחש ציגערעדט חוה עובר צו זיין אויפן צווי ה' אליין, זי זאל יא עסן פונעם עץ הדעת, איז ער נישט געווען א פורץ גדר עובר צו זיין אויף א גזירה, נאר ער איז געווען אסאך ערגער, ער האט דאך מסית געווען עובר זיין אויף א איסור דאורייתא, פארוואס רופט מען אן דעם נחש "פורץ גדר".

ענטפערט דער אמרי נועם א הפלא'דיגן תירוץ.

אין זהר הקדוש שטייט אז דער עץ הדעת האט געהאט אין זיך טוב ורע עס איז געווען פון טוב ורע אינאיינעם, עס האט געהאט אין זיך צוויי חלקים, דער אינטערשטער העלפט איז געווען שלעכט און דער אויבישטער העלפט איז געווען טוב, וועגן דעם שטייט אין פסוק ומעץ הדעת "טוב ורע" לא תאכל, איר זאלט נישט עסן פונעם בוים וואס האט אין זיך אלע ביידע סיי טוב און סיי רע.

זאגט דער אמרי נועם אז די סיבה פארוואס השי"ת האט גע'אסר'ט צו עסן פונעם אויבערשטען טייל פונעם חלק הטוב, ווייל כדי אנצוקומען אויבען צום חלק הטוב דארף מען ארויפקריכען אויף דעם חלק הרע אויפן אינטערשטען טייל פונעם

בוים קען מען אינמיטן ציקומען אראפצירייסן א פרי פונעם אינטערשטן חלק און עס עסן איז דא א גזירה שמא יעלה ויתלוש, און וועגן די גזירה טאר מען שוין נישט עסן פונעם גאנצן בוים אפילו פונעם "חלק הטוב שבו" אויך נישט.

איז געקומען דער נחש וואס ער האט געהאט הויעכע פיס און ער איז אופגעהויבן חוה הויעך ביזן אויבירשטן טייל פונעם בוים דער חלק הטוב און ער האט איר האט איינגערעדט אז זי מעג יא עסן ווייל ביי איר איז שוין נישט דא די גזירה פון "שמא יעלה ויתלוש" ווייל ער האט איר אויפגעהויבן דארף זי נישט אדורך קריכן דעם אינטערשטן טייל בוים.

וועגן דעם ווען השי"ת האט געפרעגט פון חוה פארוואס האסטו געגעסן פונעם בוים, האט חוה געזאגט א תירוץ פארן אייבירשטן הנחש השיאני ואוכל דער נחש האט מיך אויפגעהויבן (השיאני איז מלשון "וישא" אברהם את עיניו) און איך האב געגעסן, איך האב זיך נישט געדארפט באניצן מיטן אינטערשטן טייל פונעם בוים.

די הלכה איז אבער אז א יעדע זאך וואס עס איז אסור צו טין וועגן א גזירה בלייבט עס אסור אפילו ווען דער טעם איז בטיל, אויב אזוי איז דער שלאנג געווען א פורץ גדר ווייל ער האט אויסגעשפילט דעם גדר כדי זי זאל יא קענען עסן פונעם בוים.

לויט דעם איז שוין זייער גוט פארוואס דער מדרש זאגט אויפן נחש הוא פרץ גדרו של עולם ער אדורך געבראכן א גדה, ווייל ער האט אדורך געבראכן א גדר וואס השי"ת האט געמאכט וועגן דעם עץ הדעת.

פירט אויס דער אמרי נועם, ווייל דער נחש האט פורץ גדר געווען דורך אויפהייבן חוה אין די הייעך מיט זיין קומה זקופה, וועגן דעם האט מען אים "מדה כנגד מדה" אפגעשניטן זיינע פיס ער זאל ווערן נידריג.

ענדיגט צו דער דזשיקובער רב מיט די ווערטער, "באבוד רשעים רנה".

☆

### שקר אין לו רגלים

דער הייליגער באר מים חיים זי"ע זאגט א שיינעם טעם פארוואס מען האט אראפגעשניטן די פיס פונעם נחש.

דער נחש האט איינגערעדט חוה "שקר", ער האט איר געזאגט אז וועגן דעם וויל נישט דער אייבישטער אז זיי זאלן עסן פונעם בוים ווייל השי"ת וויל נישט אז זיי זאלן נישט ווערן ווי א גאט.

די גמרא זאגט שקר אין לו רגלים, שקר האט נישט קיין פיס, און וויבאלד דער נחש האט איינגערעדט חוה מיט "שקר" האט מען אים אפגעהאקט זיינע פיס.

## ועפר תאכל כל ימי חייך (ג'-י"ד)

### ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חקי

איינע פון די קללות וואס השי"ת האט געשאלטן דעם נחש איז געווען ועפר תאכל כל ימי חייך דו זאלסט עסן ערד דיין גאנץ לעבן.

פרעגט דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע פארוואס הייסט דאס א קללה אדרבה דאס זעט אויס ווי א ברכה, ווייל דער שלאנג דארף קיינמאהל נישט זיכן זיין עסן ווי ער גייט און ווי ער שטייט האט ער אלטס זיין עסן גרייט פאר אים, ערד איז דאך איבעראל דא בנמצא געגוג און נאך.

ענטפערט דער חידושי הרי"ם א הייליגן תירוץ.

טאקע דאס האט השי"ת געשאלטן דעם נחש ביי אלע אנדערע חיות שטייט אז ווען זיי זענען הינגעריג בעטן זיי פון השי"ת צו עסן און השי"ת הערט צו זייער געבעט און ער געט זיי זייער שפייז, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הכפירים שואגים לטרף ולבקש מא-ל אכלם.

דא האט דער אייבישטער געזאגט פארן נחש, איך וויל מער נישט האבן א שייכות מיט דיר, איך געב דיר יעצט דיין עסן פאר א גאנץ לעבן און איך וויל דיך מער נישט קענען, דאס איז די גרעסטע קללה וואס קען נאר זיין אז מען ווערט אפגעהאקט פון די קדושה.

## בזעת אפיך תאכל לחם (ג'-י"ט)

### ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם

דער הייליגער אמרי נועם זי"ע זאגט אויפן פסוק בזעת אפיך תאכל לחם מיט דעם שוויץ פון דיין פנים וועסטו עסן ברויט, דאס ווארט בזע"ת איז נוטריקון ע'בודה ב'לב ז'ו ת'פילה.

זאגט דער אמרי נועם זאגט די גמרא עקימת שפתים הוי מעשה דרייען די ליפן ווערט ווערט גערעכנט פאר א מעשה, אויב אזוי קען מען מקיים זיין דעם בזע"ת אפי"ך תאכ"ל לח"ם מיט עבודת התפילה מען מוז נישט ארבעטן שווער בפועל ממש.

## וישלחהו ה' אלוקים מגן עדן (ג'-כ"ג)

### מוציאין את האדם מן העולם

עס שטייט אין פסוק נאכדעם וואס אדם הראשון האט געזינדיגט האט אים השי"ת פארטריבן פון גן עדן.

לכאורה שטעלט זיך א קשיא, השי"ת האט דאך געזאגט פאר אדם, כי ביום אכלך ממנו מות תמות, דעם טאג וואס דו וועסט עסן וועסטו שטארבן, מען זעט דאך נישט אז אדם הראשון זאל שטארבן יענעם טאג, דער פסוק זאגט נאר וישלחהו ה' אלוקים מגן עדן השי"ת האט אים פארטריבן פון גן עדן.

קען מען ענטפערן, מיט דעם וואס השי"ת האט אים יענעם טאג פארטריבן פון גן עדן הייסט אויך ווי ער איז געשטארבן ווייל ער איז געשטארבן ברוחניות, אינעם גן עדן איז אדם געווען ברום המעלה און יעצט מוז ער וואוינען אינעם עולם השפל.

מיט דעם קען מען טייטשן בדרך צחות דעם מאמר חז"ל שליח של אדם כמותו.

שליח של "אדם" מיט דעם וואס השי"ת האט אוועקגעשיקט אדם הראשון פון גן עדן.

"כמותו", איז אזוי ווי ער האט אים גע'הרג'ט.

א מיתה ברוחניות איז נאך ערגער ווי א מיתה בגשמיות.

## וישכן מקדם לגן עדן את הכרבים (ג-כ"ד)

### מלאכי חבלה (רש"י)

### חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסורי ממנו

הרה"ג ר' מאיר שפירא זצ"ל ראש ישיבת חכמי לובלין האט אמאהל געהאלטן א חינוך דרשה האט ער פארציילט אזא מעשה.

א מלמד האט געלערנט מיט זיינע תלמידים דעם פסוק אין פרשת בראשית ויגרש את האדם וישכן מקדם לגן עדן את "הכרבים".

האט דער מלמד זיי געפרעגט צו זיי ווייסן וואס עס מיינט כרבים,האבן זיי געזאגט אז זיי ווייסן נישט.

האט דער מלמד געזאגט קוקטס אריין אין רש"י, אויפן ווארט

כרבים זאגט רש"י "מלאכי חבלה", האבן זיי זיך אויסגעלערנט אז כרבים מיינט מלאכי חבלה.

ווען דער מלמד האט געלערנט מיט זיי דעם פסוק אין פרשת תרומה ועשית שנים "כרבים", האט ער זיי געפרעגט צו זיי ווייסן וואס כרבים מיינט, האבן זיי געזאגט אז עס מיינט מלאכי חבלה, האט זיי דער מלמד געזאגט דא מיינט עס א מין "הייליגע געשטאלט" אזוי ווי מלאכים.

א צייט שפעטער האט דער מלמד געלערנט מיט זיי משניות מסכת פאה, דארט שטייט אויסגערעכנט איינע פון די ירקות "והכרבים".

האט דער מלמד זיי געפרעגט צו זיי ווייסן וואס כרבים מיינט, האבן זיי געענטפערט אז כרבים מיינט אדער מלאכי חבלה אדער א הייליגע געשטאלט, האט זיי דער מלמד געזאגט אז דא מיינט עס גאר אן אנדערע זאך, דא מיינט עס א גרינצייג וואס הייסט "קרויט".

א שטיק צייט שפעטער האט דער מלמד געלערנט מיט זיי די גמרא מסכת שבת, דארט שטייט דאס ווארט "כרבים".

האט דער מלמד זיי געפרעגט וואס מיינט דא אין די גמרא דאס ווארט כרבים, האבן זיי געזאגט אדער מיינט עס מלאכי חבלה, אדער א הייליגע געשטאלט, אדער מיינט עס קרויט.

האט זיי דער מלמד געזאגט דא מיינט עס א פערטע זאך, דא מיינט עס "א פנים פון א קליין קינד".

די תלמידים זענען שוין געווארן אינגאנצן צומישט האבן זיי געפרעגט פון זייער מלמד ילמדנו רבינו וואס איז דער עכטער אפטייטש פון כרבים, מיינט עס מלאכי חבלה, אדער א הייליגע געשטאלט, קרויט, אדער א פנים פון א קליין קינד.

האט זיי מלמד געזאגט הערטס מיך גוט צו, כרבים מיינט א "קליין קינד", ווען א קינד וואקסט אויף עפענעט ער זיך אויף ציביסלעך מער און מער, ער קען אויפוואקסן "א קרויט", ער קען אויפוואקסן "א הייליגע געשטאלט" און ער קען אויפוואקסן "א מלאכי חבלה" אלעס ווענד זיך וויאזוי די עלטערן זענען אים מחנך.

## ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה' והבל הביא גם הוא מבכורות צאנו ומחלביהן (ד'-ג')

### דרשה צמר ופשתים

רש"י זאגט אז קין האט געברענגט די ערגסטע פון זיינע פשתן אבער הבל האט געברענגט די בעסטע פון זיינע שעפעלעך.

איז אראפגעקומען א פייער פון הימל און פארברענט דעם קרבן פון הבל אבער קין'ס קרבן איז נישט פארברענט געווארן ווייל עס איז נישט געווען "לרצון לפני ה'".

ברענגט דער מדרש א אינטערסאנטע זאך, השי"ת האט געזאגט ווייל הבל'ס קרבן פון די פעטע שאף האב איך יא אנגענומען און קין'ס קרבן פון די ערגסטע פשתן האב איך נישט אנגענומען וועגן דעם זאלן זיך די צוויי זאכן צמר (וואהל קומט פון א שאף) און פשתים (לען) נישט צוזאמען קומען אין אייערע קליידער אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "ובגד כלאים שעטנז לא יעלו עליך".

## ויאמר קין אל הבל אחיו ויהי בהיותם בשדה ויקם קין על הבל אחיו ויהרגהו (ד'-ח')

### ואני אראה בשונאי

עס שטייט אין פסוק ויאמר קין אל הבל אחיו קין האט געזאגט צו הבל זיין ברודער ויהי בהיותם בשדה עס איז געווען ווען זיי זענען געווען אין פעלד.

פרעגט דער הייליגער גר"א אז עס שטייט נישט אין פסוק וואס קין האט געזאגט פאר זיין ברודער הבל.

ענטפערט דער גר"א, אין מדרש שטייט אז הבל איז געווען א גרעסערע גבור פון קין און קין וואלט אים נישט געקענט הרגענען.

קין איז געגאנגען מיט א פאפערייי און ער האט כסדר גערעדט מיט הבל פריינטליך און ברודערלעך אזוי אז פאר הבל זאל נישט בייפאלן אז ער וויל אים שלעכטס טון אזוי ווי אין פסוק שטייט דוברי שלום עם רעיהם ורעה בלבבם זיי רעדן שיינע רייד מיט זייערע חברים אבער אין הארץ טראכטן זיי שלעכטס צו טין.

זאגט דער גר"א אז דאס איז פשט אין פסוק, ויאמר קין אל הבל אחיו, קין האט גערעדט ברודערליך צו זיין ברודער כדי ער זאל נישט כאפן אז ער טראכט אים שלעכטס צו טאן.

ויהי בהיותם בשדה ווען זיי זענען געווען אין פעלד ווייט פון זייערע עלטערן איז פלוצלינג קין ארויפגעשפרינגען אויף זיין ברודער הבל און ער האט אים דער'הרג'ט.

☆

### איה הבל אחיך

לויט דעם קען מען מוסיף זיין דאס וואס עס שטייט נאכדעם אין פסוק השי"ת האט געפרעגט פון קין, איה הבל "אחיך" וואס איז געשעהן מיט דיין ברודערשאפט וואס דו האסט ארויסגעוויזן פאר דיין ברודער פארוואס האסטו אים גע'הרג'עט אז דו ביסט זיינס א ברודער.

האט קין צוריק געענטפערט, השומר "אחי" אנכי דארף איך דען אויף שטענדיג אפהיטן דעם ברודערשאפט, דאס איז נאר געווען א שפיל אז לפנים זאל עס אויסזעהן ווי מיר זענען ברודערס.

☆

### ה' לי בעוזרו ואני אראה בשונאי

מיט דעם קען מען אויך טייטשן דעם פסוק (תהילים קי"ח) ה' לי בעוזרו ואני אראה בשונאי.

ה' לי "בעוזרו", באשעפער זיי מיך מציל פון די באהאלטענע שונאים וואס מאכן זיך אז זיי ווילן "מיר העלפן"

ואני אראה "בשונאי" איך זאל קלאר זען ווער עס זענען מיינע שונאים כדי איך זאל מיך קענען היטן פון זיי.

## כי שבעתים יקם קין ולמלך שבעים ושבעה (ד'-כ"ד)

### שאול מלך ישראל

רש"י ברענגט אז למך האט געהרגט זיין עלטער זיידע קין.

נאכדעם וואס קין האט געהרגט זיין ברודער הבל האט השי"ת פארלענגערט פאר קין צו לעבן נאך זיבן דורות , למך האט אים געהרגט ביים סוף פון די זיבן דורות.

דער אר"י הקדוש זאגט אז שאול המלך איז געווען א גלגול פון למך ווייל "למך" איז די אותיות "מלך" און וויבאלד למך האט געהרגט זיין זיידע קין האט שאול המלך "וואס ער איז געווען א גלגול פון למך" געדארפט גע'הרג'ט ווערן ביי די מלחמה מיט די פלישתים.

טייטשט דער אר"י הקדוש (ליקוטי תורה דף י"ט) דעם פסוק כי שבעתים יוקם קין ולמך שבעים ושבעה.

כי שבעתים יוקם קין השי"ת האט נקמה גענומען פון קין נאך זיבן דורות.

ולמך שבעים ושבעה פון למך וועט מען נקמה נעמען נאך זיבען און זעבעציג דורות, **שאול המלך האט געלעבט זיבען און זיבעציג דורות נאך למך.**

## ויהיו כל ימי אדם אשר חי תשע מאות ושלשים שנה וימות (ה'-ה')

### אדם כי ימית.

עס שטייט אין פסוק **ויהיו כל ימי אדם אשר חי** עס זענען געווען אלע טעג פון אדם וואס ער האט **געלעבט תשע מאות ושלשים שנה וימות** ניין הינדערט און דרייסיג יאהר און ער איז געשטארבן.

**לכאורה** די ווערטער **"אשר חי" זענען איבעריג,** עס וואלט געדארפט שטיין אין פסוק **ויהיו כל ימי אדם תשע מאות ושלשים שנה וימות.**

**ענטפערט דער גן רוה א הערליכן תירוץ.**

**אין מדרש שטייט** אז נאכן חטא פונעם עץ הדעת **האט אדם געדארפט לעבן טויזענט** יאר ווייל השי"ת האט געזאגט **ביום אכלך ממנו תמות** דעם טאג וואס דו וועסט עסן וועסטו שטארבן, און ביים אייבירשטן איז א טאג טויזענט יאר אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים) **כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול כי יעבור.**

**זאגט אבער די מדרש** אז ווען השי"ת האט באשאפן אדם האט ער אים געוויזן אלע נשמות וואס קומען ארויס פון אים **האט ער געזען אז דוד המלך האט נישט מער ווי דריי שעה צו לעבן,** האט אדם הראשון געזאגט פארן רבש"ע **איך געב אוועק פאר דוד המלך זיבעציג יאר פון מיין לעבן**

**זאגט דער** מדרש וועגן דעם האט אדם נאר געלעבט **930** **יאר,** ווייל די איבריגע **70 יאהר** ביז טויזענט יאהר האט ער אוועקגעגעבן פאר דוד.

**זאגט דער גן רוה,** וועגן דעם שטייט אין פסוק **והיו כל ימי האדם "אשר חי"** ווייל דער פסוק וויל מרמז זיין **אין אמת'ן וואלט אדם געדארפט לעבן מעהר יאהרן ער האט נאר געלעבט וויניגער וועגן א זייטיגע סיבה.**

די זעלבע זאך געפונען מיר אין פסוק (חיי שרה) ביי אברהם אבינו שטייט **ואלה ימי שני אברהם "אשר חי" מאת שנה ושבעים שנה וחמש שנים** אברהם האט געלעבט 175 יאהרן.

אין אמת'ן אריין האט אברהם אבינו געדארפט לעבן 180 יאהר, **נאר השי"ת האט אראפגענומען 5 יאהר פון זיין לעבן כדי ער זאל נישט זעהן ווי זיין אייניקל עשיו גייט ארויס לתרבות רעה,** וועגן דעם שטייט אויך אין פסוק ביי אברהם אבינו **דער לשון "אשר חי"** ווייל ער האט נאר אזויפיל געלעבט וועגן א זייטיגע סיבה.

☆

### אשרי שא-ל יעקב בעזרו

**דער מדרש ברענגט** אז ווען עס אנגעקומען די ענדע פון די 930 יאהר האט אדם נאך נישט געוואלט שטארבן **ער האט געוואלט צוריק ציען פון די מתנה וואס ער האט געגעבן פאר דוד המלך.**

האט השי"ת געוויזן פאר אדם אז יעקב אבינו זיין אייניקל וועט יא איינהאלטן זיין צוזאג אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **וידר יעקב נדר** און צום סוף האט יעקב מקיים געווען זיין נדה, **וועגן דעם דארפסטו אדם אויך איינהאלטן דיין צוזאג.**

**דער לקוטי שושנה אויף תהילים,** טייטש אריין הערליך די **גאנצע מדרש אין די פסוקים פון תהילים.**

דוד המלך זאגט (תהילים קמ"ה) **אל תבטחו בנדיבים בבן אדם שאין לו תשועה תצא רוחו ישיב לאדמתו ביום ההוא אבדו עשתונותיו אשרי שאל יעקב בעזרו**

**טייטשט דער לקוטי שושנה די פסוקים אזוי.**

דוד המלך האט געזאגט **אל תבטחו "בנדיבים"** איך קען זיך נישט פארלאזן אויף אדם הראשון **וואס ער האט מיר "מנדב" געווען 70 יאהרן פון זיין לעבן.**

**בבן "אדם" שאין לו תשועה,** ווייל דורך אדם אליין וואלט איך נישט געהאט א ישועה.

**תצא רוחו ישיב לאדמתו,** ווען עס איז געקומען די צייט אז אדם זאל שטארבן און צוריק גיין אין די ערד.

**ביום ההוא אבדו עשתונותיו,** יענעם טאג האט ער פארלוירן זיינע טראכטונגען, **דאס מיינט אדם האט צוריק געצויגן פון זיין ערשטע מחשבה אוועק צו געבן פאר דוד פון זיינע יאהרן,** ער האט געוואלט ניצן די 70 יאהרן פאר זיך אליין.

**אשרי שא-ל "יעקב" בעזרו,** וואויל איז מיר אז השי"ת האט מיר געהאלפן, דורכן דערמאנען פאר אדם הראשון **אז ער דארף זיך נוהג זיין אזוי ווי "יעקב אבינו"** און מקיים זיין דעם צוזאג און איינהאלטן די מתנה וואס ער האט געגעבן פאר דוד המלך די שבעים שנה.

**שברו על ה' אלוקיו,** מיין האפענונג אז איך זאל האבן א קיום איז נאר געווען דורך אייבירשטן אליין.

## ויתהלך חנוך את האלוקים ואיננו כי לקח אותו אלוקים (ה'-כ"ב)

### צדיק הי' וקל בדעתו להרשיע לפיכך מיהר הקב"ה וסילקו והמיתו קודם זמנו (רש"י)

**רש"י זאגט אז חנוך איז געווען א צדיק** אבער ער האט גרינג געקענט ווערן א רשע **האט אים הקב"ה** אוועקגענומען פון די **וועלט פאר די צייט.**

**עס ווערט געברענגט אז ווען רש"י הקדוש איז נסתלק געווארן** איז די גאנצע פמליא של מעלה ארויס געגאנגן מקבל פנים אקעגן רש"י, **אבער חנוך וואס ער איז געווארן מלאך מט"ט האט נישט געוואלט גיין מקבל פנים זיין רש"י וויבאלד רש"י האט געשריבן אויף אים אז ער וואלט גרינג געקענט ווערן א רשע.**

**האט דער הייליגער עטרת צבי זי"ע געזאגט איך וועל זאגן פשט אין רש"י.**

די גמרא (שבת ל"ג) דערציילט **אז ווען ר' שמעון און זיין זון ר' אלעזר זענען ארויס פון די מערה האבן זיי באשילדיגט אלע מענטשן אז זיי לאזן איבער חיי עולם און זיי זענען עוסק בחיי שעה האבן זיי פארברענט אלע פעלדער,** איז ארויסגעקומען א בת קול איר זענט ארויסגעקומען חרוב צו מאכן די וועלט גייט שוין צוריק אין אייער הייל.

**האט דער עטרת צבי געזאגט דאס איז די כוונה פון רש"יס ווערטער.**

**צדיק הי'** דער חנוך איז געווען א צדיק, **וקל בדעתו לשוב ולהרשיע** ער איז געווען אזוי אויסגעארבעט אז ער וואלט באשולדיגט די גאנצע וועלט און ער וואלט אלעס חרוב געמאכט.

**לפיכך מיהר הקב"ה וסילקו והמיתו קודם זמנו** וועגן דעם האט מען אים אוועקגענומען פאר די צייט.

האבן צדיקים געזאגט **אז אט יעצט ווען ר' הערשעלע זידוטשובער האט געגדיגט זאגן דעם וואונדערליכן פשט אין רש"י,** **איז חנוך געגאנגן מקבל פנים זיין רש"י הקדוש.**

**ת.ו.ש.ל.ב.ע.**

## אור חדש תאיר

**דער הייליגער דברי יחזקאל זי"ע פרעגט** פארוואס רופט מען אן **פונקט דעם שבת** פרשת בראשית **מיטן נאמען שבת בראשית**, פרשת נח רופט מען דאך נישט שבת נח און פרשת לך רופט מען נישט שבת לך.

**ברענגט דער דברי יחזקאל א תירוץ פון זיין הייליגן שווער דער ארי' דבי עילאי זי"ע.**

**אין די הייליגע טעג** האט א יעדע יוד זיכער געהאט **א הרהור תשובה** מען האט זיך פארגענומען **עפעס א גוטע קבלה** יעדער איינער לויט זיין מדריגה.

**וועגן דעם ווען עס ווערט די ערשטע שבת גלייך נאך די הייליגע טעג, רופט מען עס "שבת בראשית"**, צו דערמאנען דעם מענטש **מאי דהוי הוי** וואס עס איז געווען איז געווען **פון יעצט און ווייטער פאנגט זיך אן "א נייע סדר"** ער זאל זיך משתדל זיין **פון יעצט און ווייטער זאל שוין זיין גוט.**

☆

## פונים מסוכה לביתם

**שמיני עצרת** זאגט מען ביים פיוט פון מעריבית **פונים מסוכה לביתם** יודישע קינדער קערן זיך פון די סוכה צו זייער הויז.

**פרעגט דער הייליגער דברי יחזקאל זי"ע** וואס פאר א שבח איז דאס פאר די יודן **אז זיי קערן זיך פון די סוכה צוריק אין שטוב.**

**זאגט דער דברי יחזקאל** אז די עיקר פון זיצן סוכות אינעם סוכה איז צו וויסן אז מען זיצט אינטערן צילא דמהימנותא **און מען איז מען מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים** און דורך דעם קען מען זוכה זיין א גאנץ יאהר אויך צו זיין פון די עבדי ה' **צו זיין א גאנצן יאהר אויך אינטערן צילא דמהימנותא.**

**זאגט דער דברי יחזקאל אז דאס איז דער שבח וואס דער פייטן זאגט.**

**פונים מסוכה לביתם** יודישע קינדער נעמען מיט זיך מיט דעם צילא דמהימנותא וואס זיי האבן זוכה געווען צו האבן אין די סוכה **זיי נעמען עס מיט שטוב אויך אויף א גאנץ יאהר צו דינען דעם אייבירשטן מיט א קבלת עול מלכות שמים באהבה.**

**שאותן מלאכים הקדושים למצות סוכה וכו' הם יתלוו עמנו בצאתנו מן הסוכה ויכנסו עמנו לבתינו לחיים ולשלום וכו.**

## לקונה עבדיו - חשבון הנפש

**דער הייליגער דברי חיים זי"ע** איז אמאהל פרייטאג צונאכטס **שבת בראשית** געווען אין א געוואלדיגע דביקות פאר קידוש.

האט דער דברי חיים געזאגט נאכדעם פארן עולם, **ווען א מענטש פארט צו א יריד איינקויפן סחורה כאפט ער וואס עס קומט אים אינטער די האנט אלעס וואס ער קלערט אז ער וועט עפעס קענען פארדינען דערפון**, אבער ער איז אזוי פארנומען מיטן איינקויפן אז ער האט נישט קיין צייט זיך אראפצוזעצן און זען וויפיל ער האט פארדינט און וויפיל ער האט שאדן געהאט, **אבער גלייך ווען דער יריד ענדיגט זיך זעצט ער זיך אראפ מאכן זיינע חשבונות צו זעהן ווי ער האלט.**

**די זעלבע זאך האט דער צאנזער רב אויסגעפירט איז מיט די הייליגע טעג.**

מיר זענען אדורך א גרויסן יריד, **א חודש אלול און א חודש תשרי מען האט איינגעקויפט אסאך סחורה, סליחות, תפילות, שופר, תעניתים, סוכה, ד' מינים, ערבות, הקפות, מצות דאורייתא און מצות דרבנן**, מיר האבן נישט געהאט קיין צייט צו מתבונן זיין צו מאכן א חשבון הנפש וואס מיר האבן אלטס איינגעהאנדעלט

יעצט **"שבת בראשית"** ווען די ימים נוראים זענען פאראיבער **איז א צייט זיך צו מתבונן זיין און מיטנעמען די מצות אז זיי זאלן אונז באגלייטן אויף א גאנץ יאהר.**

☆

## וכחלום יעיף

**ביי א אנדערע געלעגנהייט האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע דערציילט אט די מעשה.**

**עס איז געווען א ארימע אלמנה** וואס זי האט געקויפט און איי.

**זי האט צוזאמען גענומען אירע קינדערלעך ארום זיך** און מיט די איי אין איר האנט האט זי זיי גזאגט **איר זעהט קינדער פון דעם איי וואס איך האלט אין מיין האנט ווען מיר אי"ה געבענטש ווערן מיט א גרויסע עשירות** מיר וועלן שוין נישט דארפן אזוי פיל ליידן פון הונגער.

איך וועל אינטערלייגן דעם איי אינטער א הינדל **און עס וועט געבוירן ווערן דערפון א הינדעלע** דערנאך וועט דער הינדל וועט גרויס ווערן **וועט זי לייגן אסאך אייער.**

איך וועל פארקויפן די אייער **און קויפן דערפון א ציגעלע** און פון ציגעלע וועל איך האבן **אסאך ציגעלע מילעך צו פארקויפן** און מיט די געלט וועל איך קויפן **א קליינעם פעלד.**

איך וועל איינפלאנצן **תבואה אינעם פעלד** און דאס פארקויפן און מיט די געלט **וועלן מיר קויפן א קליינעם הויז**, אזוי האט די אלמנה געוועבט ווייטער אירע חלומות.

**האט דער דברי חיים ווייטער דערציילט** פלוצלינג איז געשעהן א גרויסן אומגליק **די איי האט זיך ארויסגעגליטשט פון די אלמנה'ס האנט עס איז אראפגעפאלן אויף די ערד און עס האט זיך צובראכן** און מיט דעם האט אויסגערינען אלע אירע פלענער וואס זי געפלאנט צו טאן מיטן איי.

**האט דער הייליגער דברי חיים אויסגעפירט דעם נמשל.**

**א יעדע יוד נעמט זיך פאהר קבלת טובות אין די הייליגע טעג** מיט וואס ער וועט זיך פארבעסערן פון פריער, **ער האט גרויסע פלענער בעסער צו דאווענען מעהר צו לערנען און מקיים זיין די מצות פון די תורה**, דארף מען זעהן אז פון אלע קבלות טובות זאל נישט ווערן נישט מעהר ווי א חלום וואס איז פארשווינדן געווארן, **מען זאל נישט אויסזעהן ווי די דער אלמנה וואס האט נעבעך ארויסגעלאזט דעם איי פון אירע הענט און מיט דעם זענען אויסגערינען אלע אירע פלענער.**

**חזק חזק ונתחזק**

☆

## ומיום השמיני והלאה ירצה

**דער הייליגער מאור עינים זי"ע** טייטשט דעם פסוק (פרשת אמור) **שור או כשב או עז כי יולד והי' שבעת ימים תחת אמו ומיום השמיני והלאה ירצה** א רמז אויף די הייליגע טעג.

**שור** גייט ארויף **אויף די צדיקים** ווייל **שור** איז א לשון **פון קוקן** (בנות צעדה עלי שור) די צדיקים **קוקען שטענדיג אז זייערע מעשים** עס זאל זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין.

**או כשב** גייט ארויף **אויף די בעלי בתים** וואס זיי זענען עוסק אין מסחר, ווייל אויף די ווערטער **עשתרות צאניך** דרשנען חז"ל **שמעשירות את בעליהן** די שעף וואס מאכן רייך זייערע בעלי בתים (לפי ההסבר של ר' דודיל טאלנער זי"ע).

**או עז** גייט ארויף **אויף די רשעים** וואס זיי זענען **עזי פנים.**

**כי יולד** די אלע דריי סיי **די צדיקים** סיי **די בינונים** און סיי **די רשעים** ווערן אין יום כפור אזוי ווי **ניי געבוירן**, זיי ווערן אפגעוואשן פון זייערע עבירות.

**והי' שבעת ימים תחת אמו** דערנאך זעצן זיי זיך אריין אין די סוכה אויף זיבן טאג צו זיין תחת כנפי השכינה **וואס די שכינה די "אימא עילאה" טוט באשיצן אויף זיי.**

**ומיום השמיני** דערנאך קומט דער יום טוב שמיני עצרת וואס השי"ת זאגט פאר די יודישע קינדער **עכבו עלי עוד יום אחד** האלט אייך אויף ביי מיר אויף נאך איין טאג.

**והלאה ירצה** דער עיקר איז אז מען זאל זיך אויך האלטן **אויף ווייטער** אויף א גאנץ יאהר מיט אלע קבלות טובות.

☆

## נער הייתי גם זקנתי

**דער הייליגער עטרת צבי זי"ע** פלעגט פארציילן די מעשה.

**עס איז געווען א בחור וואס ער איז נישט געווען קיין גרויסער חכם וואס מען האט איהם גערופן מיטן טיטל "מאטל נער"** דער מאטל נער איז למזל טוב **א חתן געווארן.**

**ביום חפתו** האט מען געזעהן ווי דער מאטל נער וויינט מיט ביטערע בכיות, **האט מען איהם געפרעגט "זאג נאר מאטל פארוואס וויינסטו אזוי ביטערלעך".**

האט מאטל געענטפערט **יעצט רופט מען מיך מיטן טיטל "מאטל חתן" אבער נאך די שבע ברכות וועט מען מיך צוריק אנרופן "מאטל נער" זאל איך דען נישט וויינען אויף דעם.**

**האט דער הייליגער עטרת צבי אויסגעפירט** אין די הייליגע טעג איז א יעדע יוד נתעלה געווארן **א יעדער האט געשפירט א התקרבות אלוקים א נאנטקייט צום אייבירשטן אזוי ווי א ריכטיגע בן מלך דארף צו שפירן.**

**דארף מען אבער זעהן דאס אנצוהאלטן ווייטער אויף א גאנץ יאהר אויך** אז נישט וועט מען אויסזעהן **ווי מאטל נער** וואס נאך די שבע ברכות איז ער געווארן אויס מאטל חתן **ער איז צוריק געווארן "דער אלטער מאטל נער".**

**מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו.**

☆

## אתה אתה לגזירה שוה

**הרה"ק ר' משה לייב סאסובער זי"ע האט באמערקט מוצאי שמחת תורה** ווי דער עולם אין בית המדרש איז געווארן געפאלן ביי זיך **אז די הערליכע טעג פון די ימים טובים זענען שוין פאראיבער געגאנגן.**

**האט דער הייליגער ר' משה לייב גזאגט פארן עולם** איר זאלט וויסן אז דער זעלבער באשעפער **פון אתה בחרתנו** איז דער זעלבער באשעפער **פון אתה חוננתנו.**

## בראשית נח לך

**דער יסוד העבודה זי"ע** (סלאנים) **פלעגט זאגן** אז אין די 3 פרשיות **בראשית, נח, לך** שפילט זיך נאכאמאהל איבער **די הייליגע טעג.**

**בראשית** איז אקעגן **ראש השנה**, ווייל אין ראש השנה זאגן מיר **היום הרת עולם**, ראש השנה איז אדם הראשון באשאפן געווארן.

**נח** איז אקעגן **יום כפור**, ווייל יום כפור שווענקט השי"ת אפ פון אונז אונזערע חטאים אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם**, פרשת נח האט השי"ת אפגערייניגט די וועלט פון טומאה **דורכן מי המבול.**

**לך לך** איז אקעגן **סוכות**, ווייל סוכות גייט מען ארויס פון הויז ארייו צוגיין אין די סוכה וואס האט קדושת ארץ ישראל אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים) **ויהי בשלם סוכו ומעונתו בציון**, אברהם אבינו איז אוועקגעגאנגען פון זיין הויז אל הארץ אשר אראך, צום לאנד כנען.

## לשובע ולא לרזון

**די סופי תיבות** פון די דריי סדרות **בראשי'ת נ'ח ל'ך** איז **חת"ך** דאס איז דער שם **וואס איז מסוגל אויף פרנסה** (היוצא מס"ת פות'ח א'ת ידי'ך)

**האבן צדיקים געזאגט אז תיכף נאכן בענטשן גש"ם** וואס מיר האבן מתפלל געווען אויף פרנסה **קומען די 3 פרשיות בראשית, נח, לך**, און זיי זענען משפיע פרנסה בריוח פאר יודישע קינדער.

## הכל יודוך והכל ישבחוך

**דער שר שלום מבעלזא זי"ע האט דערציילט**, אז איינמאל האט **דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע** געזאגט פאר זיינע תלמידים אז ווער עס איז נאך נישט געפארן צום צדיק הדור **איז עתיד ליתן את הדין.**

האבן די תלמידים געפרעגט **רבי ווער איז היינטיגע צייטן דער צדיק הדור,** האט דער חוזה זגענטפערט **אז דער צדיק הדור איז דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע.**

**פארציילט דער שר שלום** אז ער מיט זיינע חברים די גאנצע חבריא די הייליגע תלמידים פונעם חוזה **האבן זיך תיכף ארויסגעלאזט אויפן וועג און זענען געפארן מקבל פנים זיין דער מגיד פון קאזניץ זי"ע.**

אזוי ווי זיי זענען אנגעקומען **האט זיי דער מגיד געפרעגט פארוואס זיי זענען געקומען צו אים**, האבן זיי געגטפערט ווייל זייער רבי האט זיי געשיקט צום צדיק הדור, **האט זיי דער קאזניצער מגיד געזאגט אז צום צדיק הדור נישט אין א יום חול נאר מען קומט אויף א שבת,** האבן זיי מחליט געווען צו בלייבן ביז נאך שבת.

**שבת האט זיי דער קאזניצער מגיד געזאגט די פאלגנדע תורה.**

עס איז דא א מדרש פליאה, **הכל יודוך והכל ישבחוך זו "שבת בראשית"**, יעדער דאנקט דיך און יעדער לויבט דיך **דאס איז אין "שבת בראשית".**

**האט דער קאזניצער מגיד געזאגט פשט אין מדרש אזוי.**

**די מלאכים אין הימעל האבן 6 פליגלען** און א יעדן טאג פון די וואך לויבן זיי השי"ת מיט א אנדערע פליגל, **ווען עס קומט שבת קודש זאגן די מלאכים פארן אייבירשטן מיר האבן שוין נישט קיין פליגל מיט וואס דיך צו לויבן.**

ענטפערט זיי השי"ת **איך האב נאך א פליגעל אינטען אויף דער וועלט דאס זענען מיינע קינדער און ווען זיי וועלן מיך לויבן שבת קודש וועט איר קענען מיט זינגען מיט זיי,** וועגן דעם שטייט אין פסוק (ישעי' ו' ב') **מכנף הארץ זמירות שמענו** די יודישע קינדער וואס ווערן אנגערופען די פליגל פון די ערד **זיי זינגען שירה שבת פארן אייבירשטן, און די מלאכים ווארטן מיט צו זינגען מיט זיי צוזאמען.**

**ביי בריאת העולם זענען די מלאכים באשאפן געווארן מאנטאג ביום שני** (וועגן דעם שטייט ביים ערשטן טאג יום אחד ווייל זינטאג איז השי"ת געווען איינציג אן די מלאכים) **קומט אויס אז יענע וואך האבן זיי אנגעהויבן צו לויבן השי"ת הערשט מאנטאג**, האבן זיי יענעם שבת בראשית נאך יא געהאט א פליגעל מיט וואס צו לויבען השי"ת.

**האט דער קאזניצער מגיד געזאגט** דאס איז פשט אין מדרש **הכל יודיך והכל ישבחוך זו שבת בראשית**, שבת בראשית האבן די מלאכים פון זיך אליין געקענט לויבן השי"ת **זיי האבן נישט געדארפט ווארטן אז זיי זאלן זיך מצרף זיין מיט נאך איינעם** ווייל אין יענעם שבת האבן זיי יא געהאט א פליגעל מיט וואס צו לויבן השי"ת.

## ושלישים על כולו

**דער הייליגער ריזשונער זי"ע פלעגט זאגן שבת בראשית**, עס זענען שוין אנגעקומען דער גענעראל מיט זיינע פיפצן סאלדאטן

**מיינענדיג דערמיט אז פון שבת בראשית ביז שבת הגדול זאגט מען א יעדן שבת דעם קאפיטעל ברכו נפשי א גרויסער קאפיטל** (דער גענעראל) **מיט די פיפצן שיר המעלות קלענערע קאפיטלעך** (די פיפצן סאלדאטן).

## שבת מברכים חודש מר חשון.

**דער טריסקער מגיד זי"ע פרעגט** פארוואס איז **דער מזל פון חשון א עקרב** (א עגדיס) וואס דאס איז א שרץ טמא.

ענפערט דער טריסקער מגיד א הייליג ווארט

**עקר"ב** איז נוטריקון **ע'ושים ב'אימה ר'צון ק'ונם**, ערליכע אידן וואס זיי טון דעם ווילן פונעם אייבירשטן מיט יראת שמים.

**וויבאלד אין די הייליגע טעג האבן אידישע קינדער געטאהן דעם רצון ה'** די אלע הייליגע מצות פונעם חודש וועגן דעם קומט חודש חשון תיכף נאך תשרי **ווייל אין חודש חשון קומען אראפ די ישועות פון הימל וואס מען האט זיך אויסגעבעטן אין די הייליגע טעג.**

# הידות לפרשת בראשית

### חידה א':
וועלכע סדרה איז דא אמאהל ווען עס קען גיין אדער 1 אין א האלב טאג, אדער 3 אין א האלב טעג, אדער 4 אין א האלב טעג, אדער 6 אין א האלב טעג, אבער עס קען נישט גיין אלע 7 טעג פונעם וואך (אין חוץ לארץ).

### חידה ב':
א היכי תמצא פון א קריאה וואס אין ארץ ישראל קען אויסקומען אז מען זאל דאס יא ליינען און אין חוץ לארץ קען נישט אויסקומען נישט אז מען זאל דאס ליינען.

### חידה ג':
וועלכע דריי זאכן האט דער אייבישטער גלייך פארענדערט אנפאנג פון זייער באשאפונג.

### חידה ד':
וויאזוי קען זיין אז א בארד איז באשאפן געווארן פאר די באשאפונג פון אדם הראשון.

### חידה ה':
וועלכע טאג איז ציזאמען געשטעלט געווארן פון אסאך טעג אינאיינעם.

### חידה ו':
וועלכע בעלי חי געפינען מיר אין די תורה אז זיי האבן געערדט.

### חידה ז':
וועלכע זאך האלט נישט אין זיך קיין טויטע באשעפעניש.

### חידה ח':
וועלכע צוויי מחותנים האבן געהאט דעם זעלבן נאמען.

### חידה ט':
וועלכע זיידע האט זיין איר אייניקל געהאט כמעט די זעלבע נעמן ווען ער די זיידע האט נאך געלעבט.

### חידה י':
ביי וועמען טרעפט מען אז זיין לויב איז דאס פארקערטע פון זיין נאמען.

### חידה י"א:
וועלכע קידוש וואס מען רופט ציזאם גוטע פריינד ווערט דערמאנט אין שלחן ערוך אז עס איז א סעודת מצוה דאס צו מאכן.

### תשובה לחידה א':
**פרשת בראשית.**

**די פרשה פון בראשית** הייבט זיך אן **אינמיטן שמחת תורה** ווען מען ענדיגט ליינען פרשת וזאת הברכה און מען ליינט **חתן בראשית.**

מיר האבן א כלל **לא אד"ו ראש** דער ערשטע טאג ראש השנה **קען נישט געפאלן אין א זינטאג, מיטוואך, אדער פרייטאג.**

די זעלבע טעג וואס עס געפאלט **די צוויי טעג פון ראש השנה** געפאלן אויך **די טעג פון שמיני עצרת און שמחת תורה.**

**ווען שמיני עצרת, שמחת תורה געפאלן שבת און זינטאג** גייט פרשת בראשית **6 און האלב טעג**

**ווען שמיני עצרת, שמחת תורה מאנטאג און דינסטאג** גייט פרשת בראשית **4 און א האלב טעג**

**ווען שמיני עצרת, שמחת תורה געפאלן דינסטאג און מיטוואך** גייט פרשת בראשית **3 און א האלב טעג**

**ווען שמיני עצרת, שמחת תורה געפאלן דאנערשטאג און פרייטאג** גייט פרשת בראשית **נאר 1 און א האלב טעג.**

### תשובה לחידה ב':
**צו ליינען פרשת בראשית שבת ביי מנחה.**

ווען שמיני עצרת געפאלט אין שבת וואס אין ארץ ישראל איז דאס שמחת תורה האלט מען אין ארץ ישראל ביי מנחה שוין נאכן מסיים זיין פרשת וזאת הברכה ממילא ליינט מען ביי מנחה פרשת בראשית.

משא"כ אין חוץ לארץ קען נישט אויסקומען שמחת תורה זאל געפאלן אין שבת אויב אזוי האלט מען שבת ביי מנחה פארן מסיים פרשת וזאת הברכה וועגן דעם איז נישט שייך אז מען זאל ליינען פרשת בראשית שבת ביי מנחה נאר מען ליינט נאך וזאת הברכה.

### תשובה לחידה ג':
**א'- ליכטיגקייט**

**דער אייבישטער האט באהאלטן א גרויסע טייל פון די ליכטיג** פאר די צדיקים לעתיד לבא

**ב'- די לבנה**

**דער אייבישטער האט פארקלענערט די לבנה** נאכדעם וואס זי האט זיך אפגערעדט אז א'ן שני מלכים משתמשים בכתר אחד.

**ג'- די נקיבה לויתן.**

**דער אייבישטער האט געהרגט די נקיבה פונעם לויתן** כדי זיי זאלן נישט פארמערן און חרוב מאכן די וועלט, ער האט איר איינגעזאלצן פאר די צדיקים לעתיד לבא.

### תשובה לחידה ד':
**די בארד פון א ציגעלע.**

די בהמות און חיות זענען באשאפן געווארן פאר אדם הראשון.

### תשובה לחידה ה' :
**דער יום השבת.**

דער מדרש ברענגט אז אין אנהייב האבן אלע 6 טעג פון די וואך **יעדער איינער באזונדער געהאט 28 שעה**

זענען געקומען די ששת ימי המעשה צום אייבירשטן און זיי האבן געבעטן **אז השי"ת זאל מאכן איין טאג וואס זאל זיין א מלך אויף אלע טעג.**

האט השי"ת זיי געזאגט **פון אלע 6 טאג זאל א יעדער אוועקגעבן פון זיך פיר שעה** וועט מען פון די אוועקגעגעבענע 24 שעה אינאיינעם **מאכן דעם יום השבת.**

### תשובה לחידה ו':
**די וואסער.**

**דער קדושת לוי** (פרשת בשלח) **זאגט** אז די וואסער שפייט ארויס פון זיך אלע טויטע באשעפענישן וויבאלד די גזירה פון מיתה איז געווארן דורכן עסן פונעם עץ הדעת **און די וואסער האט נישט געזינדיגט ביים חטא פון עץ הדעת.**

### תשובה לחידה ז':
**א': נחש** - אין פרשת בראשית שטייט **ותאמר הנחש אל האשה.**

**ב': אתון** - אין פסוק שטייט **ויפתח ה' את פי האתון.**

### תשובה לחידה ח' :
**למך.**

נח'ס טאטע **האט געהייסן למך** (בן בנו של שת)

נח'ס וויב האט געהייסן נעמה איר טאטע **האט אויך געהייסן למך** (בן בנו של קין)

### תשובה לחידה ט':
**קין און זיין איר איר אייניקל תובל קין.**

קין האט געהרגט זיין ברודער הבל, זיין איר איר אייניקל **תובל קין** האט געמאכט פארשידענע כלים שוווערדן און שפיזן וואס מיט דעם קען מען הרגענען א מענטש

ווענן דעם האט ער געהייסן תובל קין **ווייל ער האט פארבעסערט די זאך וואס קין האט געטון.**

### תשובה לחידה י':
**ביי נח.**

די תורה זאגט **ונ"ח מצא ח"ן בעיני ה'**

**די ווארט ח"ן איז פארקערט פון נ"ח**

### תשובה לחידה י"א:
**חתן תורה און חתן בראשית קידוש.**

**אין שו"ע** (סימן תרס"ט) **ווערט דערמאנט** די קידוש וואס דער חתן בראשית מאכט פאר זיינע פריינד **אז עס איז א מצוה דאס צו מאכן.**

**דער רמ"א ברענגט דארט** (בשם הטור) **ונוהגין שהמסיים התורה והמתחיל בראשית נודרים ונודבים וקוראים לאחרים לעשות משתה.**

### תיקון טעות

אינעם גליון לסוכות ביי די חידות האבן מיר געשריבן **סכך פסול פסל'ט ביי "ארבע אמות".** - עס איז א טעות, **סכך פסול פסל'ט ביי "ארבע טפחים".**

# שמחת החיים

מילתא דבדיחותא על ענינים בפרשת השבוע

רבה מקמי דפתח להו לרבנן אמר מילתא דבדיחותא (שבת ל:)

## פרשת בראשית

### ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד

**דער טעלזער שמש האט געבעטן פונעם ראש הקהל** אז עס קומט איהם א העכערונג אינעם געהאלט ווייל ער ארבעט זייער שווער **ער ארבעט 25 שעה א טאג.**

האט איהם דער ראש הקהל געפרעגט **וויאזוי איז דאס מעגליך אז איר ארבעט 25 שעה א טאג ווען אלע ווייסן אז אינעם טאג איז נאר דא "24 שעה".**

האט דער שמש גענטפערט **איך קום שוין אין שוהל איין שעה פאר עס ווערט ליכטיג, איך בין שוין דארט איין שעה פארן נץ החמה.**

☆☆

### עץ פרי עושה פרי למינו

**א יונגערמאנטשיק'ל איז אריין געקומען אין א גראסערי** ער גייט צו צום גוי וואס ארבעט דארט און ער פרעגט איהם **עטץ פארקויפטס אפשר פאפיטעס.**

ענטפערט דער גוי **יא, אונז פארקויף מיר דא פאפיטעס, "וויפיל דארפסטו".**

זאגט אים דער יונגערמאן **"געב מיר פאפיטעס פאר צוויי שעה"....**

☆☆

### אז ירננו עצי היער

**א עם הארץ** האט געברענגט א ספר וואס ער האט מחבר געווען צום ראפשיצער רב **אז דער ראפשיצער רב זאל געבן זיין הסכמה אויפן ספר.**

האט דער ראפשיצער רב געזאגט **מען זאל א נאמען געבן דעם ספר "אז ירננו"**, דער יוד האט שטארק געקוואלן פונעם נאמען **ער האט הנאה געהאט אז דער ראפשיצער רב האט געגעבן א שיינעם נאמען אויף זיין ספר.**

**שפעטער האט דער ראפשיצער רב געזאגט פאר זיינע מקורבים** ער האט געהייסן געבן דעם נאמען **"אז ירננו"** על שם דעם פסוק **אז ירננו כל עצי יער.**

**ווען משיח וועט קומען וועלן זיך דיביימער פרייען אז מען האקט נישט אויס אזויפיל ביימער צו מאכן דערפון פאפיר און שרייבן דערויף כל ערליי שטותים און נארישקייט.**

☆☆

### ואת המאור הקטן

**א שדכן האט אמאהל אנגעטראגן א שידוך** פאר איינע פון די חשובע מענטשן פון קהל.

יענער האט זיך פרובירט ארויסצודרייען **אז זיין טאכטער איז נאך אביסל יונג.**

האט איהם דער שדכן געזאגט **ווייסט איר פארוואס איז מען מקדש די לבנה אנפאנג חודש.**

**ווייל ווען די לבנה איז שוין עלטער און זי דרייט זיך גאנצעטע נעכט אויפן גאס "איז שוין צו שפעט איר מקדש צו זיין"**

☆☆

### קידוש לבנה

לכאורה שטעלט זיך א קשיא, **בשעת מען מאכט "קידוש לבנה" מיט וואס איז מען איר מקדש** מען דארף דאך איר עפעס געבן לשם קידושין.

**קען מען זאגן בדרך צחות** די גמרא זאגט אויב א פרוי זאגט פאר א מאן **רקוד לפני, טאנץ פאר מיר** איך זאל זיין מקודשת מיט די הנאה וואס איך וועל האבן דורך דעם וואס דו וועסט טאנצן פאר מיר **דערנאך האט דער מאן געטאנצן פאר איר "ווערט זי מקודשת".**

וועגן דעם זאגט מען ביי קידוש לבנה די ווערטער **"כשם שאני רוקד כנגדך"** אזוי ווי איך טאנץ פאר דיר **אזוי ארום איז מען מקדש די לבנה מיט די הלכה פון "רקוד לפני".**

☆☆

### הלכך צריך למימרא מעומד

**לכאורה דארף מען פארשטיין** פארוואס זאגט מען קידוש לבנה שטייענדיג **קידוש לבנה איז א ברכת הנהנין מען האט דאך הנאה פונעם אור פונעם שיין וואס די לבנה געט ארויס** און די הלכה איז אז א ברכת הנהנין דארף מען דאך מאכן זיצענדיג.

**קען מען ענטפערן בדרך צחות** אויב מען וואלט געזאגט קידוש לבנה זיצענדיג **ווער וואלט צוריק געטראגן די בענקלעך אין ביהמ"ד,** קוים וואס מען טרעפט איינער וואס טראגן די קידוש לבנה זאגערלעך צוריק אין שול **וואלט מען דאך זיכער נישט געטראפן איינער וואס צוזאם נעמן און צוריק טראגן די בענקלעך אין שול נאכדעם וואס דער עולם ענדיגט זאגן קידוש לבנה,** זאגט מען בלית ברירה קידוש לבנה שטייענדיג.

(נ.ב. די ריכטיגע תירוץ איז ווייל קידוש לבנה איז אזוי ווי קבלת פני השכינה)

☆☆

### ואת הכוכבים

**רש"י זאגט** אז מען האט ציגעגעבן פאר די לבנה די שטערנס **איר מפייס צו זיין און איר צו בארואיגן.**

**לכאורה איז שווער** וויאזוי איז די לבנה בארואיגט געווארן דורך די שטערנס **די לבנה איז נאך אלטס געבליבן קלענער פון די זון.**

### בראשית ברא אלוקים

**דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע** האט איבערגעלאזט זיין שטוב ער איז געפארן צו **רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג זי"ע** ער איז דארט געזעצן עטליכע וואכן.

ווען ער איז צוריק געקומען אהיים **האט איהם זיין שווער געפרעגט וואס האסטו דארטן געלערנט ביי דיין רבי'ן.**

**האט איהם דער קדושת לוי געזאגט** איך האב דארט געלערנט **אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט.**

האט איהם זיין שווער אנגעשריגן **צו וויסן אז עס דא א בורא עולם האסטו געדארפט פארן אויף ניקלשבורג דאס איז א זאך וואס אפילו די משרתת ווייסט.**

דער שווער האט אריינגערופען די משרתת **ער האט איר געפרעגט "דו ווייסט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט" האט זי גלייך געענטפערט זיכער ווייס איך.**

**האט דער קדושת לוי געזאגט** אלע זאגן נאר מיטן מויל אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט **ביי מיין הייליגן רבי'ן האב איך געלערענט "צו וויסן" אז עס דא א באשעפער אויף דער וועלט.**

**וידעת היום "והשבות אל לבבך" כי ה' הוא האלוקים.**

**קען מען זאגן בדרך צחות** די לבנה האט זיך בארואיגט **ווען די האט געזעהן אז עס איז דא אזעלעכע וואס זענען נאך קלענער פון איר.**

☆☆

## נעשה אדם

**די רעבעצין פון הרה״ק ר׳ שלום אליעזר מראצפערט זי״ע איז געווען א אשה מלומדת** וואס די חסידים פלעגן פון צייט צו צייט אויספריווען איר חכמה.

איינמאהל האט א חסיד געזאגט פאר די רעבעצין **א בהמה איז חשובער פון א פרוי** ווייל מען מאכט א יעדן טאג א ברכה שלא עשני אשה **אבער מען מאכט נישט א ברכה ״שלא עשני בהמה״.**

**האט איהם די רעביצין גענטפערט** די סיבה וואס דו מאכסט יעדן טאג א ברכה שלא עשני אשה און נישט שלא עשני **איז נישט ווייל א פרוי איז ווייניגער פון א בהמה** די סיבה וועגן גאר אן אנדערן טעם.

**די ברכה פון ״שלא עשני אשה״ קענסטו מאכן** ווייל דאס איז זיכער אז דו ביסט נישט קיין פרוי **אבער א ברכה ״שלא עשני בהמה״ קענסטו נישט מאכן, ווייל ווער זאגט אז איז עס נישט א ברכה לבטלה.....**

☆☆

## נעשה אדם כדמותינו

**ר׳ יענקל׳ע מפשעווארסק זי״ע האט פארציילט** עס איז געווען א שטעטל **וואס זיי האבן געזיכט א רב.**

**דער ראש הקהל איז געווען א עם הארץ** און ער פלעגט פארהערן אלע קאנדידאטען, און מיט זיינע עם הארצישע שאלות **און ער האט אפגע׳פסל׳ט אלע קאנדידאטן.**

איינמאהל זענען געקומען **דריי קאנדידאטן זיך פארהערן ביים ראש הקהל.**

האט זיי ראש הקהל געזאגט ווער עס קען מיר ענטפערן **אין וועלעכע טאג איז אדם הראשון באשאפן געווארן** דער באקומט דאס רבנות פאסטן.

רופט זיך אן דער ערשטער קאנדידאט **אדם הראשון איז באשאפן געווארן פרייטאג.**

**ניין** ענטפערט דער ראש הקהל.

רופט זיך אן דער צווייטער קאנדידאט **אדם הראשון איז באשאפן געווארן ראש השנה.**

**ניין** ענטפערט דער ראש הקהל.

רופט זיך אן דער דריטער קאנדידאט **אדם הראשון איז באשאפן געווארן פורים.**

**יא** זאגט דער ראש הקהל.

**מזל טוב** איר ווערט אונזער נייער רב **איר האט אדורך געמאכט די פארהער.**

האט מען געפרעגט דעם רב **וואס איז אייך בייגעפאלן צו ענטפערן אז אדם הראשון איז באשאפן געווארן אין ״פורים״.**

האט דער רב געענטפערט איך האב מיך נאכגעפרעגט **אין וועלעכע ספרים דער ראש הקהל לערנט** האט מען מיר געזאגט **ער לערנט ״צאנה וראנה״.**

האב איך דארט געזעהן שטיין אויפן פסוק **ויאמר אלוקים נעשה אדם בצלמנו** טייטשט די צאנה וראנה **און ג-ט האט געזאגט לאז מיר מאכן א מענטש אין אונזער ״פארעם״** האב איך פארשטאנען אז דער ראש הקהל האט אוודאי געליינט **אין אונזער פורים.**

☆☆

## הממליך מלכים ולו המלוכה

עס שטייט אין פסוק **לא טוב היות אדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו.**

**זאגט רש״י דער טעם פון ״לא טוב היות אדם לבדו״**, ווייל מען וועט זאגן אז אדם איז ח״ו א גאט **כשם שאני יחיד בעליונים כך הוא יחיד בתחתונים** אזוי ווי השי״ת איז **איינציג אויבען אין די הימלן** אזוי איז אדם **איינציג דא אינטן אויף דער וועלט.**

**קומט אויס דורך דעם וואס א מענטש האט חתונה** און ער דארף האבן א זוויג **זעט מען אז נאר השי״ת איז אחד יחיד ומיוחד.**

**קען מען מיט דעם טייטשן בדרך צחות** דעם פיוט וואס מען זאגט אין די הייליגע טעג ביים דאווענען **וכל מאמינים שהוא לבדו הוא, הממליך מלכים ולו המלוכה.**

**וכל מאמינים שהוא לבדו הוא** יעדער גלייבט אז דער אייבישטער איז אליין **ער איז יחיד ומיוחד.**

**הממליך ״מלכים״** דורך דעם וואס השי״ת איז מזווג זווגים **ער מאכט אסאך קעניגן ״דאס מיינט אסאך חתנים״** (חתן דומה למלך)

**ולו המלוכה** זעט מען קלאר אז די מלוכה געהער נאר צו אים **צום איינציגער באשעפער דער מלך מלכי המלכים הקב״ה.**

א מענטש דארף יא א זוויג **משא״כ דער אייבישטער איז אליינס.**

**אני מאמין שהבורא יתברך שמו הוא יחיד ואין יחידות כמוהו בשום פנים**

☆☆

## השרוי בלא אשה

די גמרא (יבמות ס״ב) זאגט **השרוי בלא אשה** דער וואס וואוינט אן א פרוי **שרוי בלא שמחה** דער וואוינט אן א שמחה

**לכאורה איז שווער א קשיא** די גמרא (פסחים ק״ט) זאגט **אין שמחה אלא בבשר** עס איז נישט דא קיין שמחה נאר דורך עסן

## ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד

**בשנים קדמוניות איז געווען איינגעפירט דעם מנהג פון ״טעג עסן״** די בחורים פון די ישיבות פלעגן עסן ביי די בעלי בתים פון שטאט זייערע טעגליכע סעודות.

**דער מנהג איז געווען** אז די בחורים פלעגן עסן א יעדן טאג ביי א צווייטן בעל הבית **וואס האט זיך מתנדב געווען** צו געבן פארן בחור איין טאג אין די וואך צו עסן **וואס דאס האט מען אנגערופן ״טעג עסן״.**

**אין די צייטן פון קדושת יום טוב זי״ע האבן אסאך בעלי בתים זיך איינגעפירט אז זיי האבן נאר געגעבן דעם מיטאג סעודה צו עסן פאר די בחורים** וואס מיטאג פלעגט מען געבן א פליישיגן סעודה **אבער צופרי און ביינאכט האבן די בחורים נעבעך געהינגערט**

**ווען דער קדושת יום טוב איז געוואר געווארן פון דעם מנהג** האט ער געטייטשט בדרך צחות דעם פסוק **ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד** אזוי

די גמרא זאגט **דאס ווארט ״ויהי״ איז א לשון פון ״צער״**

**ויהי ערב ויהי בוקר** צופרי און ביינאכט איז א צער **ווייל די בחורים בלייבן נעבעך הונגעריג זיי באקומען נישט צו עסן א סעודה.**

**יום אחד** אויך מיר איין טאג **דאס הייסט נישט געגעבן צו עסן טעג.**

**האט דער קדושת יום טוב דעמאלטס צוריק איינגעפירט להחזיר עטרה ליושנה** אז טעג עסן באשטייט פון עסן **דריי סעודות א טאג.**

פלייש **אויב אזוי אפילו איינער וואס וואוינט אן א ווייב קען דאך זיין בשמחה "דורכן עסן פלייש".**

**קען מען זאגן בדרך צחות** וויל די גמרא זאגט דארט ווייטער **השרוי בלא אשה** דער וואס וואוינט אן א ווייב **שרוי בלא תורה** דער וואוינט אן א תורה און די גמרא זאגט אויך **עם הארץ אסור בבשר** אן עם הארץ טאר נישט עסן קיין פלייש.

**קומט אויס אז דער וואס האט נישט קיין ווייב דער האט אויך נישט קיין תורה, איז ער דאך אן עם הארץ און ער איז אסור צו עסן פלייש.**

☆☆

## לא טוב היות האדם לבדו

**עס איז געווען א גדול וואס האט ל"ע פארלוירן זיין רעבעצין.**

**תיכף נאך די שבעה** האט ער געבעטן זיינע מקורבים אז זיי זאלן זיכן פאר איהם א פאסיגן זווג **וויל די תורה זאגט "לא טוב היות האדם לבדו".**

**האט דער גדול געזאגט איך וויל נישט ווערן אנגערופן א "לא טוב".**

☆☆

## ויבן ה' אלוקים את הצלע אשר לקח מן האדם לאשה

**די גמרא זאגט** וויבאלד דער אייבישטער האט ארויסגענומען א ביין פון אדם צו באשאפן חוה **איז אז א פרוי איז אבידה פארן מאן,** וועגן דעם איז **דרכו של איש לחזר אחר אשה** ווען עס קומט דער צייט צו זיכן א שידוך **דער מאן דארף זיכן זיין אבידה .**

שטעלט זיך א שאלה **פארוואס בזמננו אלה אין די היינטיגע צייטן גייט אזוי שווער די פרשה שידוכים**

האט א גדול געזאגט **היינטיגע צייטן ביי שידוכים זיכט מען נישט "די אבידה" היינט צייטן זיכט דער עולם "א מציאה"**

☆☆

## קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף

דער רבי זי"ע (בעל ויוא"מ) האט אמאהל געזאגט **אז דאס וואס חז"ל זאגן קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף** עס איז שווער צו טרעפן א שידוך אזוי ווי שווער עס איז געווען קריעת ים סוף **דאס איז נאר אז מען זיכט א שידוך וואס זאל אויך האבן מיט זיך ביזת הים**

אבער אז מען זיכט א דורך שניטלעכן שידוך **איז עס נישט אזוי קשה ווי קריעת ים סוף.**

☆☆

## והנחש הי' ערום

**די ספה"ק זאגן** אז ביים חטא פון עץ הדעת האבן אלע אברים פוגם געווען **חוץ די חוש הריח,** די חוש פון שמעקן איז נישט נפגם געווארן.

**האט א מגיד געזאגט מען זעהט אז אפילו היינטיגע צייטן** ביים די נסיון פון טעכנאלאגיע קען מען ליידער נכשל ווערן מיט אלע חושים **אבער דער חוש פון שמעקן קען מען נכשל ווערן דורך טעכנאלאגיע,** מען קען נישט שיקן א ריח דורך טעכנאלאגיע.

☆☆

## בזעת אפיך תאכל לחם

**די וועלט זאגט א ווערטל.**

**פרנסה** געט דער אייבישטער.

**ארבעטן** ארבעט מען וויל מען האט **געזינדיגט.**

**אז מען דארף געלט** זאל מען זיך גיין **בארגן.**

☆☆

## בזיעת אפיך תאכל לחם

**די רבי זי"ע** (בעל ויוא"מ) איז אמאהל געזעצן אינאיינעם **מיט רבי ישעי'לע קערעסטיר זי"ע** ביי א סעודה

בשעת ר' ישעי'לע האט אויפגעשניטן די חלה **האט ער זיך זייער געפלאגט צו שניידן וויל דער מעסער איז נישט געווען אויסגעשארפט.**

**האט זיך די רבי אנגערופן בדרך צחות** מיט דעם זענען די רבי'ס מקויים דעם **בזיעת אפיך תאכל לחם**

☆☆

## וישע ה' אל הבל ואל קין ואל מנחתו לא שעה

**הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטיר זי"ע** האט געטייטשט דעם פסוק **וישע ה' אל הבל ואל קין ואל מנחתו לא שעה** אזוי

**"וישע" ה' אל הבל** צו ניצן דעם **הבל פי פונעם מויל** דאס מיינט צו לערנען און דאווענען אויף דעם איז דא **א באשטימטע שעה.**

**ואל קין ואל מנחתו** צו געבן פאר יודן צו עסן אז זיי זאלן האבן **וואס צו "קייען"**

**"לא שעה"** אויף דעם איז **נישט דא קיין באשטימטע צייט.**

**ווען אימער א יוד איז הינגעריג דארף מען איהם געבן צו עסן.**

## והייתם כאלוקים יודעי טוב ורע

**דער הייליגער רבי ר' זושא האט אמאל געפרעגט זיין ברודער דער הייליגער רבי ר' אלימלך** ברודער טייערער עס שטייט דאך אז אלע נשמות פון די דורות העתידים זענען געווען נכלל אין אדם הראשון **ווען אדם האט פוגם געווען דורך עסן פונעם עץ הדעת איז עס געווען א פגם אין אלע נשמות,** אויב אזוי פארוואס האב אונזערע 2 נשמות **נישט צוריק געהאלטן אדם הראשון פון צו זינדיגן.**

**האט איהם דער הייליגער רבי ר' אלימלך גענטפערט א הייליגן תירוץ**

ברודער לעבן **דער נחש האט דאך איינגערעדט חוה אז אויב זיי וועלן עסן פונעם בוים וועלן זיי ווערן אזוי ווי א גאט און זיי וועלן קענען באשאפן וועלטן.**

אויב מיר וואלטן צוריק געהאלטן אדם פון עסן, **וואלט ער זיך א גאנץ לעבן ארום געדרייט מיט דעם אפיקורס'ישן טעות אז אויב ער עסט וועין פונעם בוים קען ער ווערן אזוי ווי א גאט** האבן מיר איר דוקא יא געלאזט עסן פונעם עץ הדעת **כדי ער זאל אליין אנערקענען און איינזען אז אפילו נאכן עסן איז ער נישט מער ווי פשוט'ער בשר ודם און נאר השי"ת קען באשאפן וועלטן.**

☆☆

## אורחים - בורחים - דורכים

**הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע האט געהאט א אפענעם הויז** ער פלעגט געבן ברייט צו עסן פאר זיינע אורחים.

**רבי ישעי'לע פלעגט זאגן** ביי מיר דרייען זיך דריי ערליי מענטשן, **עס דרייען זיך אורחים, בורחים, און דורכים.**

**די "אורחים" זענען געווען** חסידים וואס פלעגן קומען צום רבין אויף א שבת אדער אויף א יום טוב.

**די "בורחים" זענען געווען** די אנטלאפענע וואס האבן זיך אויס באהאלטן פון די רעגירונג.

**די "דורכים" זענען געווען** די יודן וואס פלעגן ארבעטן אין וויינגארטנער ארום קערעסטיר, **זיי פלעגן טרעטן און אויסקוועטשן די טריבן א גאנצע וואך,** אויף שבת פלעגן זיי קומען איינשטיין ביי ר' ישעי'לע **און דארטן פראוונגען דעם שבת.**

☆☆

## לשובע ולא לרזון

**ראש השנה פאר די תקיעות** ווען ר' ישעי'לע פלעגט טיילן פארן עולם מזונות האט ער געזאגט **אלע רבי'ס האבן אינזינען פאר תקיעת שופר "רזא דרזין" אבער ישעי'לע האט אינזין עס זאל זיין "לשובע ולא לרזון".**

**צדיקים האבן מעיד געווען אז ר' ישעי'לע איז דער שר הפרנסה**

די שליסל פון פרנסה איז געלעגן ביי ר' ישעי'לע אין די הענט.

**זכותו יגן עלינו**

☆☆

## ולבן בקש לעקוד את הבל

**אינעם פנקס הקהלה פונעם שטאט קולבאסוב** איז געווען אריינגעשריבן אז איידער מען נעמט אויף א נייען רב אין שטאט **מיז ער קודם קומען אויף א שבת און איינשטיין ביים פרנס הקהלה** (כעין ראש הקהל) דער פרנס האט אים געשטעלט אויף א פאראהער **אויב דער פרנס האט געגעבן זיין הסכמה האט אים די קהל געקענט ממנה זיין צו זיין זייער מרא דאתרא.**

**ווען דער הייליגער אוהב ישראל זי"ע האט געדארפט ווערן רב אין שטאט קולבאסוב** איז דעמאלטס געווען דער פרנס הקהלה א גרויסער עם הארץ **ער האט גע'פסל'ט אלע קאנדידאטן ווייל זיי האבן נישט געקענט ענטפערן אויף זיינע עם הארצ'ישע שאלות.**

**ווען דער קהלה האט אנגעטראגן דעם רבנות פאסטן פארן הייליגן אפטער רב** האבן זיי אים דערציילט פון זייער פראבלעם וואס זיי האבן מיטן פרנס הקהלה, **האט ער זיי געזאגט אז מיטן אייבירשטנס הילף וועט ער זיך אן עצה געבן מיטן פרנס הקהלה צו ענטפערן אויף זיינע שאלות.**

דער אפטער רב איז געקומען צו פארן אויף שבת קיין קולבאסוב **ער איז געגאנגען איינשטין ביים פרנס הקהלה.**

אינמיטן די שבת'דיגע סעודה רופט זיך אן דער פרנס **איך הער אז איר זענט א תלמוד חכם איר קענט אסאך לערנען, אז איר קענט מיר זאגן ווי עס שטייט אז "לבן הארמי" האט געוואלט ברענגען "הבל" אויף די "עקידה" זענט איר די נעקסטע רב אין קולבאסוב.**

האט אים דער אפטער רב געענטפערט **אין די הגדה של פסח** ביים שטיקל פון **צא ולמד** שטייט **ולבן בקש "לעקוד את הבל"** און לבן הארמי האט געוואלט ברענגען הבל אויף די עקדה.

**דער אפטער רב האט פארשטאנען** אז דער פרנס האט זיך אוודאי פארגרייזט מיט די עברי אנשטאט **ולבן בקש לעקור את הכל** האט ער געמיינט אז דארט שטייט **ולבן בקש לעקוד את הבל.**

רופט זיך אן דער פרנס **מזל טוב איר ווערט קולבאסובער רב** (די הייליגע אוהב ישראל איז געווען רב אויף 4 פלעצער קולבאסוב, אפט, יאס, מעזובוש, צדיקים האבן געגעבן א סימן מלכותא קאי"ם).

**נאכן א דורך מאכן דעם פאראהער** האט דער אפטער רב געזאגט פאר די קהלה **יעצט פארשטיי איך שוין פשט אין א מדרש.**

אויפן פסוק **ויחכם שלמה מכל האדם** זאגט דער מדרש **אפילו מן השוטים,** שלמה המלך איז געווען קלוגער **אפילו פון די שוטים.**

לכאורה דארף מען פארשטיין **וואס איז די רבותא אז שלמה המלך איז געווען צו קלוגער פון די שוטים.**

נאר האט דער אפטער רב געזאגט אז **די כוונה פונעם מדרש איז אז שלמה המלך האט זיך געקענט אן עצה געבן מיט אזעלכע שוטים וואס האלטן זיך פאר וועלטס חכמים,** צו זיי דארף מען האבן אן עקסטערע התחכמות **זיך אריינצוליגן וואס זיי טראכטן אין זייער מח כדי מען זאל דערנאך קענען איבערקלוגען.**

## שלום בית ווערטלעך

**הבהרה: -** די שלום בית ווערטלעך מיינט נישט קיינעם, עס איז נאר געמאכט צו שמייכלען, עס איז א בחינה פון "צרת רבים חצי נחמה".

☆☆

## זכה נעשית לו עזר לא זכה נעשה כנגדו

**הגאון ר' ישעי' פון פראג ז"ל** האט געהאט א שווערע ווייב וואס זי האט איהם פארביטערט דאס לעבן **ועל כולם איז זי נאך אויך געווען א פרומע פרוי** זי האט א גאנצן טאג געזאגט **תהילים** אדער געלערנט **מנורת המאור** און **צאנה וראנה** די הויז ארבעט איז געווען שטארק נאכגעלאזט.

**האט ר' ישעי' געטייטשט** דעם מאמר חז"ל **זכה נעשית לו עזר, לא זכה כנגדו** בדרך צחות אזוי

**זכה** אויב דער מאן איז זוכה **ער טרעפט א גוטע פרוי.**

**נעשית לו עזר** ווערט זי זיין העלפער ווען דער מאן דאווענט **גרייט די פרוי אן א פיינעם פרישטאג** ווען דער מאן לערנט **ברענגט איהם די פרוי אריין א הייסן טיי.**

**לא זכה** אויב דער מאן איז נישט זוכה ער טרעפט א ווייב וואס מאכט איהם שווער דאס לעבן.

**כנגדו** איז זי אקעגן איהם **אינעם אנדערן ווינקל פון שטוב** ווען דער מאן דאווענט **דעמאלטס דאווענט זי אויך** זי זאגט תהילים און תחינות, ווען דער מאן לערנט **דעמאלטס לערנט זי אויך** זי לערנט אירע לימודים **די הויז ווערטשאפט איז אינגאנצן פארלאזט**

**מושיבי עקרת הבית**

☆☆

## יוצר האדם

**צוויי פרויען האבן זיך צוזאמענגעטראפן,** רופט זיך אן איינער פון זיי **מיין מאן איז ממש א מלאך.**

רופט זיך אן די צווייטע פרוי **מיין מאן איז אויך "נישט קיין מענטש".**

☆☆

## לא זכה כנגדו

עס איז געווען איינער וואס האט געהאט א פרוי **וואס זי האט איהם פארביטערט דאס לעבן.**

**איין א שיינעם טאג האט ער באמערקט אז זי האט זיך אינגאנצן געטווישט מן הקצה אל הקצה** זי האט זיך אנגעהויבן אויפצופירן גוט צו אים.

האט ער איר געפרעגט **מיט וואס האב איך זוכה געווען צו באקומען א נייע וואוילע ווייב.**

האט זי געענטפערט, **איך האב געהערט ביים שיעור אז איינער וואס האט א שלעכטע ווייב גייט נישט אין גיהינום** ער האט שוין דאס גיהנום אויף דער וועלט.

**האב איך ביי מיר געטראכט** דורך מיין שלעכטע אויפירונג וועסטו נישט גיין אין גיהנום, **"איך פארגין דיר דאס נישט"** האב איך אפגעמאכט איך גיי ווערן גוט צו דיר **אזוי זאלסטו יא גיין אין גיהנום.**

☆☆

## מוצא אני את האשה מר ממות

די באקאנטער בדחן **ר' שלמה יעקב געלבמאן ע"ה** פלעגט פארציילן אזא מעשה

ווען שלמה המלך האט געשריבן אין קהלת **ומוצא אני את האשה מר ממות** א שלעכטע ווייב איז מער ביטערער פונעם טויט **איז געקומען צו גיין דער מלאך המות** אין הימעל און געטענה'ט **איך בין דער מלאך פון טויט און איך זאג עדות אז עס איז נישט דא קיין ערגערע זאך אויף די וועלט פון טויט** ממילא איז שלמה המלך נישט גערעכט מיטן פסוק **ומוציא אני את האשה "מר ממות"**

האט מען געענטפערט פארן מלאך המות **דו האסט נאך קיינמאהל נישט פארזיכט דעם טעם פון א שלעכטע פרוי** מען וועט דיך אראפשיקן אינטען אויפן וועלט **בצורת אדם** אויף א תקופה **פון 50 יאר** דו וועסט חתונה האבן מיט א שווערע פרוי **וועסטו שוין אליין איינזעהן וועלכע איז ערגער.**

איז דער מלאך המות אראפגעקומען **ער האט חתונה מיט "א אשה רגזנית"** און זיי האבן געהאט אינאיינעם א זוהן.

דער מלאך המות האט זיך זייער אנגעליטן פון איר **ער האט זיך אבער איינגעהאלטן זיך אפצירעדן כדי צו ווייזן אז טויט איז ערגער פון א שלעכטע ווייב** ער האט שוין קוים געקענטווארטן אז די צייט זאל שוין אריבערגיין און ער זאל שוין פטור צו ווערן פון איר **ער האט עס שוין מער נישט אויסגעהאלטן.**

ענדליך ווען די פופציג יאר האבן זיך געענדיגט **האט ער גערופן זיין זוהן און אים אויסגעזאגט דעם אמת אז ער איז דער מלאך המות** מען האט אים דא אראפגעשיקט אויף א קורצע תקופה **ער האט איבערגעגעבן פאר זיין זוהן א עצה פאר א פרנסה קלה ונקיה**

ער האט אים געזאגט **געב זיך אן אז דו ביסט א גרויסע וואונדער דאקטער, און דו קענסט היילן אפילו די שווערסטע קרענק.**

**דארט ווי דו וועסט מיך זעהן שטיין ביים קראנקן** איז א סימן יענער האלט שוין ביים שטארבן איך בין געקומען נעמען זיין נשמה **זאלסטו זאגן אז עס איז שוין גארנישט דא וואס צו טין,** אבער דארט ווי דו וועסט מיך נישט זען איז א סימן אז יענער וועט עס איבערלעבן **און דו וועסט אים אויסהיילן** אזוי וועסטו שיין פארדינען.

**דער מלאך המות איז צוריק ארויף אין הימל** און דער זוהנ'ס נאמען איז ארויס אויף דער וועלט אלטס א וואונדער דאקטער **ער ווייסט ווען צו זאגן "זה חי וזה מת" און זיינע רייד ווערן פונקטליך מקוים**וואס דורך דעם איז ער זייער נתעשר געווארן.

**ויהי היום דער קעניגינ'ס בן יחיד איז קראנק געווארן** אלע דאקטוירעם האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיין לעבן האט דער מלך געלאזט רופן דעם וואונדער דאקטער **ער האט אים מבטיח געווען "א הון רב" אויב היילט ער אויס זיין בן יחיד.**

דער דאקטער גייט אריין צום חולה **ער זעט ווי נעבן בעט שטייט דארט זיין טאטע דער מלאך המות** גרייט צו נעמען די נשמה פונעם חולה **זאגט דער זוהן "טאטי איך בעט דיך יעצט איין מאל זיי מוותר און גיי אוועק פון דא ווייל איך קען יעצט פארדינען א הון רב".**

זאגט דער מלאך המות מיין טייערער זוהן **איך קען נישט מוותר זיין ווייל איך מוז אויספירן מיין שליחות וואס איך בין געשיקט געווארן.**

רופט זיך אן דער זוהן **"טאטי אויב גייסטו נישט יעצט אוועק פון דא רוף איך שוין אריין מאמי צו דיר".**

**דער מלאך המות האט זיך אזוי דערשראקן אז ער גייט נאכאמאל אריינפאלן מיט דעם אשה רגזנית אין אן אויגן בליק איז ער נעלם געווארן פון דארט** לקיים מה שנאמר **ומוצא אני את האשה מר ממות.**

☆☆

## האומר וותרן הוא

**עס איז געקומען אמאהל א ווייבל צום משגיח פון איר מאנס ישיבה** זי האט זיך ביטערליך אפגערעדט אויף איר מאן אז ער איז א גרויסער עקשן **ער וויל קיינמאהל נישט מוותר זיין, אלטס מוז עס גיין זיין וועג.**

האט דער משגיח געלאזט רופן דעם יונגערמאן און ער האט איהם געזאגט **"דו ווייסט אז נאך די חתונה דארף מען מוותר זיין".**

זאגט דער יונגערמאן **יא יא איך ווייס דערפון.**

זאגט דער משגיח **נו אז דו ווייסט יא דערפון דאן וואס גייט פאר ביי אייך אין שטוב.**

ענטפערט דער יונגערמאן **אט דאס טאקע האלט איך אין איין זאגן פאר מיין פרוי** נאך די חתונה דארף מען מוותר זיין **און זי וויל גארנישט וויסן דערפון.**

☆☆

## כמשמחך יצירך בגן עדן מקדם

**ביי יעדע חתונה און שבע ברכות** ווינטשט מען אן פאר חתן כלה ביי די שבע ברכות, **שמח תשמח רעים האהובים כשמחך יצירך בגן עדן מקדם**, השי"ת זאל אייך דערפרייען **אזוי ווי ער האט דערפרייט אדם און חוה אין גן עדן.**

**וואס איז געווען אזוי גרויס די שמחה פון אדם און חוה אין גן עדן.**

**זיי האבן ביידע נישט געהאט קיין שוויגער און שווער "וואס זאלן זיך אריינמישן אין זייער שלום בית".**

☆☆

## משמח חתן וכלה

ביי די שבע ברכות זאגט מען **ברוך אתה ה' משמח חתן "וכלה".**

**שטעלט זיך די שאלה** וואס האבן חתן כלה אן אייניגקייט **מיט א חלה** (דאסווארט **כלה** זאגט מען אן א נקידה אינעם אות כ"ף עס זאגט זיך אזוי ווי דאס ווארט **חלה**).

**קען מען זאגן בדרך צחות** ווען מען באקט חלות לייגט מען די חלות אין אויוון **אריין דארף מען אבאכט געבן אז אינמיטן באקן טאר מען נישט אויפמאכן און צומאכן די טיר פונעם אויוון** ווייל טאמער יא ווערן די חלות קאליע.

אזוי אויך דארפן ביידע פאהר עלטערן וויסן **זיי זאלן לאזן דאס ניי פארפאלק זיך אליין א עצה געבן זיך נישט צופיל אריינמישן ווייל דאס קען נאר קאליע מאכן.**

☆☆

## ודבק באשתו

**עס איז געווען א פרוי** וואס איז זיך געקומען באקלאגן צום רבין **אויף איר מאן.**

**האט דער רבי אריבער גערופן דעם יונגערמאן** און ער האט איהם געזאגט אויף אן איידעלן אופן **איך הער זאגן אויף דיר אז דו "דרוקסט דיין חיבור"** (א ווייב ווערט אנגערופן א חיבור אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ודבק באשתו).

האט דער יונגערמאן געענטפערט מיט חכמה **ווען די רבי וואלט געקענט מיין חיבור וואלט מיר דער רבי אויך געגעבן אן הסכמה דערויף.**

☆☆

## ספר תורה

א ווייבל איז אמאהל געקומען צו א רב זי האט געזאגט **מיין מאן איז א לעבעדיגן ספר תורה.**

פרעגט דער רב מיט וואונדער **ער קען טאקע אזוי סאך לערנען.**

ענטפערט די ווייבל בכלל נישט, **ער איז ווי א לעבעדיגע ספר תורה ווייל א יעדע וואך גייט פאר מיט אים אן אנדערע פרשה....**

☆☆

## האשה אשר נתתי עמדי

**ווען השי"ת האט געפרעגט פון אדם הראשון** פארוואס האסטו געגעסן פונעם עץ הדעת **האט ער געזאגט האשה אשר נתתי "עמדי" וואס פאר א תירוץ איז דאס.**

**בדרך צחות קען מען זאגן** אז ער האט געמיינט צו זאגן די פרוי וואס דו האסט מיר געגעבן **זי איז זייער "מאֹדי"** (גוסטע אויף ענגליש הייסט מאֹד)

זי האט זיך אירע גוסטעס **אמאהל איז זי און א גוטע מאד** און אמאהל זאל דער באשעפער שומר ומציל זיין, **האב איך נישט געהאט קיין צווייי ברירות איך האב איר געדארפט נאכגעבן איר פארלאנג.**

בס"ד

# אַז אוצר

פון תורה און חסידות

חג הסוכות תשפ"ו לפ"ק

שנה כ"ב גליון פ"ר

## א 'מאטראץ' און א 'היי-טשעיר' פאר סוכות

### ווען דער גאסט שטעלט צו פאר'ן גאסטגעבער

מאיר איזאקאוו און זיין פרוי האבן געוואוינט אין הר-נוף. כאטש זיי זענען געווען ארעם, האבן זיי געהאט א ברייטע הארץ און ליב געהאט צו געבן. זיי זענען נישט געבענטשט געווארן מיט קינדער פאר די ערשטע פאר יאר נאך זייער חתונה, דאך איז זייער הויז פול געווען מיט ליכטיגקייט און פרייד.

די היים פון די איזאקאווס איז אלעמאל אפן געווען פאר געסט. מאיר און זיין פרוי זענען ארויס פון זייער וועג צו מאכן יעדן שפירן די באקוועמסטע וואס מעגליך, און געווענליך זענען די געסט צוריקגעקומען נאכאמאל.

איין גאסט ספעציעל, זאב אייזנער, איז זייער אפט איינגעשטאנען ביי די איזאקאווס. ער איז געקומען יעדע חודש, ווען זיין ישיבה האט געגעבן א שבת אהיימצופארן.

זאב האט געהאט אן אינטערעסאנטע הינטערגרונד. אריגינאל איז ער געקומען פון קאליפארניע, וואו ער האט געלעבט א סעקולער לעבן. ביי א געוויסע פונקט איז ער אינספירירט געווארן דורך אן ארגאניזאציע 'אש התורה' און ער איז געווארן א בעל תשובה. ער האט אפגעשטעלט זיין 'פרייער' לעבן און זיך אריינגעזעצט אין ישיבה.

די שבתים ביי די איזאקאווס, פלעגט זיין ממש ווי געוואונטשן פאר זאב. ער איז פון נאטור אויס געווען א שעמעוודיגער, און ער האט געשפירט אומבאקוועם צו עסן מאלצייטן מיט פרעמדע. אבער דאס אלעס האט זיך געטוישט ווען ער האט זיך באגעגנט מיט מאיר איזאקאוו. מאיר איז געווען ווארעם צו אים און האט אים זייער שיין ענטפאנגען, און זאב האט געשפירט באקוועם מיט אים. די איזאקאווס היים איז געווארן זיין פלאץ צו גיין ווען אימער.

ברוך השם, נאך ניין לאנגע יארן, זענען מאיר און זיין פרוי געבענטשט געווארן מיט זייער ערשטע קינד. ס'איז געווען א גרויסע שמחה, און יעדער וואס האט זיי געקענט האט זיך פאר זיי זייער געפרייט.

דאס קינד איז אויפגעוואקסן, און זיי האבן אריינגעלייגט זיין קינדער-בעטל אין דעם איבעריגן צימער אין זייער דירה.

איין שבת, עטליכע וואכן פאר סוכות, איז זאב אייזנער געקומען פאר א סעודה.

"איך וויל אייך עפעס פרעגן," האט ער געזאגט קווענקלדיג.

"הארצן גערן," האט מאיר זיך געווערטלט, מיט זיינע שיינענדיגע אויגן.

"איך האב געוואלט וויסן צי איך וואלט געקענט זיין מיט ענק גאנץ סוכות," האט זאב געזאגט. "מיין ישיבה וועט זיין פארשפארט, און איך האב נישט ערגעץ אנדערש וואו צו גיין."

מאיר האט געגעבן א שנעלע טראכט. זייער קליינע דירה האט נישט עכט געהאט קיין פלאץ פאר א גאסט איבערצושלאפן.

"אוודאי קענסטו קומען!" האט ער געזאגט פאר זאב מיט א שמייכל. "איך שלאף געווענליך אין דער סוכה. וואלסטו געקומען שלאפן מיט מיר דארט?"

"איך וואלט זייער געוואלט," האט זאב געענטפערט.

ס'איז געווארן מסודר.

"נאך שבת, בשעת'ן אויפרייניגן, האבן מאיר און זיין פרוי איבערגעשמועסט זייערע סוכה פלענער.

"מיר האבן נישט קיין איבעריגע מאטראץ," האט מאיר געזאגט, "און איך גלייב נישט אז מיר האבן יעצט די געלט צו קויפן א נייע. אבער איך בין זיכער אז מיר וועלן קענען בארגן איינס."

יעדע אנדערע צייט וואלט בארגן א מאטראץ נישט געווען קיין גרויסע עסק, אבער דורכאויס די סוכה סעזאן דארף יעדער זייערע איבעריגע מאטראצן.

איין טאג, ווען יום-טוב האט זיך דערנענטערט און א מאטראץ אויפ'ן האריזאנט, האט מאיר'ס פרוי אויפגעברענגט דעם טעמע.

"וואס גייען מיר טוען אויב מיר וועלן נישט האבן פאר זאב אויף וואס צו שלאפן?" האט זי געפרעגט.

"זארג זיך נישט," האט מאיר איר פארזיכערט. "מיר טוען דעם רצון השם. איך בין זיכער אז דער באשעפער וועט העלפן."

"הלוואי וואלט איך געהאט דיין בטחון," האט זיין פרוי געזאגט. "דו ווייסט, א מאטראץ איז נישט די איינציגע זאך וואס מיר דארפן יעצט. אונזער קליינטשיגס ווערט גרעסער, און ער דארף שוין באלד א 'היי-טשעיר'."

"הלוואי וואלט איך זיך געקענט ערמעגליכן אזוינס," האט מאיר געזאגט. "לאמיר פרובירן ווילאנג מ'קען זיך אן עצה געבן אן דעם. ווען מיר וועלן עס שוין עכט דארפן, וועט דער באשעפער עס צושטעלן."

"קומענדיגע צופרי, ערב סוכות, איז אפילו מאיר'ס בטחון אויסגעפראווט געווארן. זאב קומט אן אין עטליכע שעה, און זיי האבן נאכנישט קיין מאטראץ פאר אים.

צוויי שעה שפעטער האט געקלינגען ביי דער טיר. ס'איז געווען זייער שכן פון אראפ די גאס.

"איך דארף א טובה," האט ער געזאגט, קוים אטעמנדיג. "מיר ערווארטן אסאך געסט, און איך דארף מאכן פלאץ פאר זיי. איך האב עטליכע חפצים וואס איך דארף נישט פאר א ווייל. איך וויל זיי נישט פארקויפן, ווייל איך וועל זיי נאך אפשר אמאל דארפן. וואלט איר געהאט עפעס פלאץ פאר מיר, צו אוועקלייגן די זאכן?"

"למשל פון וואס רעדט מען?" האט מאיר געפרעגט.

"ס'וואלט געווען א גרויסע טובה אויב איר וואלט געקענט נעמען א... צוזאמלייג בעט און א 'היי-טשעיר'."

ווען די איזאקאווס האבן זיך סוכות געזעצט צו דער סעודה מיט זייער גאסט האבן זיי געשפירט ווי דער באשעפער האלזט זיי מיט ליבשאפט.

## פיאות אונטער די אויער

### ווען א שידוך דארף געשען

מ. לאנדא איז געווען זייער פראסטרירט. זי האט געהאט אזויפיל שלעכטע ערפארונג מיט שידוכים אז זי האט נישט געשפירט נאכאמאל זיך צו טרעפן מיט איינעם.

איין טאג איז איר טאטע אהיימגעקומען מיט דער נאמען פון א יונגער תלמיד חכם.

"ס'זעט אויס אז ער קען זיין דער ריכטיגער," האט ער געזאגט, קוים איינהאלטנדיג זיין שמחה. "א בעל מדות, א ירא שמים; ער איז אלעס וואס דו קענסט זיך נאר אויס'משל'ען."

זי האט א קרעכץ געגעבן.

"טאטי," האט זי געזאגט. "איך האב געטראכט די זעלבע זאך איבער די לעצטע פאר שידוכים וואס מ'האט מיר אנגעטראגן, ביז איך האב זיי למעשה באגעגנט. דאסמאל, וואלט איך געוואלט אז דו זאלסט אים ערשט טרעפן. אויב דו וועסט נאכאלץ האלטן אז ער איז אזויווי מענטשן שטעלן אים פאר, וועל איך שפירן בעסער זיך צו טרעפן מיט אים נאכדעם."

"נישט קיין פראבלעם," האט דער טאטע איר פארזיכערט. "איך וועל לאזן דעם שדכן וויסן."

"און נאך איין זאך," האט זי צוגעלייגט. "ביטע פארגעס נישט מיין פארלאנג וועגן די פיאות."

הרב לאנדא האט זיך צושמייכלט. היינט איז עס שוין געווען א פאמיליע וויץ. נאך איר לאנגע ליסטע פון וויכטיגע זאכן וואס זי האט געוואלט אין איר חתן, האט זי צוגעלייגט נאך א פונקט: זי וויל דווקא א חתן וואס גייט די פיאות אונטער די אויער.

"איך וועל געדענקען צו באטראכטן זיינע פיאות, און קלאר מאכן אז ס'איז וויאזוי דו ווילסט," האט דער טאטע געזאגט מיט א בלינק מיט'ן אויג.

א צייט איז אפגעשמועסט געווארן און הרב לאנדא האט זיך וואוועקגעזעצט מיט דעם בחור'ל. זיין נאמען איז געווען יהושע, און ער האט געמאכט א פיינע רושם. די צוויי האבן גערעדט פון פארשידענע טעמעס, און הרב לאנדא האט געקריגן דעם געפיל אז יהושע וועט זיין א פיינער מאן פאר זיין טאכטער.

אוודאי האט ער געהאלטן זיין ווארט און ער האט געדענקט צו קוקן אויף די פיאות. די פיאות איז געווען הינטער'ן אויער.

"דער בחור'ל האט יעדע זאך וואס איז דא אויף דיין ליסטע," האט ער געזאגט פאר זיין טאכטער ווען ער איז אהיימגעקומען. "איך קען קוים ווארטן אז דו זאלסט אים טרעפן און אליין זען."

"גוט," האט די טאכטער געזאגט. "אויב אזוי, וועל איך אים מסתמא טרעפן."

"ביסט נאכאלץ נישט 'עקסייטעד'?" האט דער טאטע געפרעגט איידל.

די טאכטער האט זיך צוקרעכצט.

"ס'איז שווער ארויפצוברענגען מיין האפענונג יעדעס מאל פון פריש."

"איך פארשטיי," האט דער טאטע געזאגט. "זיי זיך אליין, און לאמיר זען וואס וועט זיין."

א וואך דערויף האט זי זיך געטראפן מיט יהושע. אירע עלטערן האבן נישט געוואוסט וואס צו ערווארטן. זיי האבן אפגעאטעמט מיט פארלייכטערונג ווען זי איז אהיימגעקומען, און איר פנים האט געשיינט מער ווי יעדעס מאל פריער.

"דו ביסט גערעכט געווען, טאטע!" האט זי געזאגט שמעוודיג. "ער איז טאקע אלעס וואס איך האב געדאווענט אויף."

הרב לאנדא איז געווען אין די הימלען.

"בין איך גערעכט געווען מיט די פיאות?" האט ער זיך געוואונטשן.

"הונדערט פראצענט!" האט זי געלאכט.

זעקס וואכן שפעטער זענען זיי געווארן חתן-כלה, און צוויי חדשים שפעטער האבן זיי חתונה-געהאט.

צייט איז געלאפן, און ס'איז געקומען דער יום-טוב סוכות. די פרייליכע פארפאלק האט געמאכט פלענער צו פארברענגען דעם יום-טוב ביי אירע עלטערן.

ווי שאקירט איז הרב לאנדא געווארן ווען דער איידעם האט אריינשפאצירט צו זיי אין שטוב מיט שיינע געקרייזלטע פיאות.

"א גוט יום-טוב," האט ער ארויסגעשטאמלט, קוקנדיג אויף יהושע.

ס'האט אים גענומען אסאך קאנטראל גארנישט צו פרעגן. וואס גייט דא פאר?

ענדליך האט ער געטראפן זיין טאכטער אין א שטילע מינוט, און זיין נייגער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן.

"וואס גייט פאר מיט די פיאות?" האט ער געפרעגט.

זי האט געשמייכלט.

"יהושע גייט געקרייזלטע פיאות זינט ער איז דריי יאר אלט, פונקט ווי זיינע ברידער. אינעם טאג וואס ער האט דיר געטראפן, האט ער געדארפט שערן זיינע האר. דער בחור וואס שערט אים געווענליך איז נישט געווען אין דארמיטארי, איז ער געגאנגען זיך שערן ביי איינעם אנדערש. יענער האט בטעות אראפגענומען א דריי-פערטל פון איין פיאה זיינע. ער האט געשפירט זייער שלעכט און אים איבערגעבעטן, אבער ס'איז געווען צו שפעט. יהושע האט זיך געשעמט דיר צו טרעפן מיט איין לאנגע און איין קורצע פיאה, האט ער עס ארויפגעלייגט הינטער די אויער."

"אבער וואס איז געשען נאכדעם? פארוואס איז ער נאך אזוי געגאנגען ביי די חתונה?"

"ס'איז נישט געווען גענוג צייט ס'זאל צוריקוואקסן געהעריג, האט ער זיך געשעמט צו גיין ביי די חתונה מיט אראפגעלאזטע פיאות. האט ער געוואוארט ביז הערשט נאכדעם. ער האט נישט געהאט קיין אנונג אז איך האב עס נישט ליב."

"נו, און יעצט?"

זי האט געלאכט. "ס'איז וואונדערליך וויאזוי עפעס וואס איך האב אזוי שטארק נישט געוואלט, האט מיר אזוי וויניג געבאדערט נאך מיין חתונה. איך האב אלעמאל געמיינט אז דאס מאכט אויס און אז ס'באדערט מיר. יעצט זע איך ווי נאריש איך בין געווען."

"מה רבו מעשיך ד'!" האט דער טאטע געזאגט. "קוק ווי וואונדערליך זענען דעם באשעפער'ס וועגן. די שידוך האט געדארפט פאסירן, האט דער באשעפער געמאכט אז עס זאל געשען."

# אלעס האט א חשבון

## הכל תלוי במזל אפילו ספר-תורה שבבימה

אין ספר "עבודת התמיד" (געדרוקט יאר תקנ"ד) שטייט געשריבן, אז אויב איינער ווערט מכובד מיט אן עלי', זאל ער צולייגן קאפ צו די פסוקים וואס מ'ליינט פאר אים, ווייל דארט זענען מרומז זאכן וואס זענען נוגע צו אים אינעם צוקונפט, און ס'איז בגדר 'נבואה'.

דערציילט א גבאי פון א בית-המדרש אין וויליאמסבורג:

"מיר זענען צוויי גבאים וואס פירן דעם בית-המדרש, און יעדע שבת גייען מיר צוזאמען איבער די עליות, וועמען מ'וועט מכבד זיין. פארגאנגענעם וואך ביי אונז אין בית-המדרש האט פאסירט א השגחה פרטית. אזוויי איין גבאי איז נישט געווען דא פאריגע וואך צוליב א שמחה, האב איך אליין געדארפט מחליט זיין וועמען צו געבן.

פארן ליינען קומט צו מיר צו איינער פון די פני הקהילה, און זאגט מיר אז ער זעט ס'איז דא א פרעמדע איינגערמאן - זעט אויס אין די מיטעלע דרייסיגער יארן- א גאסט פון ארץ-ישראל, אפשר דארף מען אים געבן אן עלי', האב איך אים געזאגט אז געווענליך איז מיין פאליסי אז כ'געב נישט קיין עלי' פאר סתם א יונגערמאן וואס בלאנדזשעט אריין פאר א תפילה, אבער כ'וועל זען וויאזוי זאכן שטעלן זיך אויס, וועל איך אים אפשר יא געבן. למעשה האב איך אים געוואלט געבן חמישי, אבער ער האט נאך געדאוונט שמונה-עשרה. האב איך אים אויסגערופן צו שביעי', און דער בעל קורא האט געליינט ביז מפטיר, אנדערש ווי געווענליך וואס מ'שטעלט זיך אפ אסאך פריער."

ביי דעם 'מי שברך' האט ער דערמאנט א מתפלל ביי אונז, ראובן. גיי איך צו צו ראובן נאכ'ן ליינען, און פרעג אים פון וואו ער קען דעם איד? זאגט ער אז ער איז דא אויף טריטמענטס מיט זיין טאכטער ל"ע און ער שטייט איין אויף זיין גאס. "כ'ווייס נישט צי די האסט באמערקט," לייגט ער צו, "אז מ'האט אים אויסגעלאזט די פסוק 'ויצעק משה אל ה' לאמר קל נא רפא נא לה'." ווען ער האט עס באמערקט פאר'ן גאסט, האט אים יענער אז זיין טאכטער הייסט טאקע 'מרים'.

אלעס ווערט געפירט פון אויבן מיט א פונקטליקייט!

# א קורצע איבערבליק איבער דער יאר תשפ"ה

## געשעעניש פון יאר: **אטאקע אויף איראנער נוקלעארע רעאקטארן**

**זונטאג, צום גדלי'**: אידן געבעטן צו מתפלל זיין לרפואת **האדמו"ר מויז'ניץ-ב"ב שליט"א**, וועלכער איז דיאגנאזירט געווארן מיט דער ביטערע מחלה ל"ע.

**זונטאג ברכה, ד' תשרי:** עטליכע פארוואונדעטע אין חיפה און אין טבריי' נאך א סעריע ראקעטן און מיסיל אטאקעס דורך די כיזבאללא טעראר גרופע.

**מאנטאג ברכה, ה' תשרי:** אין ליכט פון דעם ערשטן יארטאג צו 'אקטאבער זיבן', טוט דאנעלד טראמפ באזוכן ביים ציון פון דער ליובאוויטשער רבי זצ"ל.

**שב"ק יוהכ"פ, י' תשרי:** פייער ברעכט אויס בעצם יום הקדוש ביים אוהל פון הרה"ק בעל תפארת שלמה מראדאמסק זצ"ל שאפנדיג שאדנס וחילול הקודש.

**זונטאג נח, כ"ה תשרי:** פטירת **הגאון רבי שלמה חי דוד יצחק חליווה זצ"ל ראש ישיבת חיים בערלין**, חתנו וממלא מקום של הגאון רבי אהרן שעכטער זצ"ל. מוטער פונעם ראש ישיבה ז"ל נפטר געווארן עטליכע שעה דערויף.

**דינסטאג נח, כ"ז תשרי:** נפטר געווארן הגאון רבי אברהם אליהו וואזנער זצ"ל, אב"ד שבט הלוי אין די בראכפעלד געגנט אין מודיעין עילית.

**מאנטאג לך, ג' חשון:** הינריכטונג פון **הבחור ארווין נתנאל בן ציונה קאהארמאני הי"ד** אין איראן, באשולדיגט אין זיין פארמישט אין מארד פון ארעבער.

**דינסטאג לך, ד' חשון:** דער חסיד אומות העולם, דאנעלד טראמפ יר"ה, ווידערערוויילט אלס פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן.

**דאנערשטאג לך, ו' חשון:** צענדליגער מדינת ישראל בירגער אין אמסטערדאם, האלאנד, איבערגעפאלן און צעשלאגן געווארן דורך א קאארדינירטע אטאקע פון הונדערטער ארטיגע פרא-פאלעסטינע אטאקירער.

**זונטאג חיי שרה, ט"ז חשון:** זיבן טויזנט דרעפט-בריוו ווערן ארויסגעשיקט צו היימישע בחורים אין ארץ-ישראל.

**מיטוואך חיי שרה, י"ט חשון:** חב"ד שליח **ר' צבי הכהן קאגאן ע"ה** פון די 'יונייטעד ערעב עמיראטן', א פראמינענטער ארטאדאקסישער אידישער פיגור אין אבו דאבי, און מענעדזשער פון ארטיגע כשר'ע "רימון מארקעט", ברוטאל דערמארדעט געווארן דורך דריי טעראריסטן אוזבעקיסטאנער בירגער.

**פרייטאג ויצא, ה' כסלו:** אידישע געמיינדע אין מעלבורן, אויסטראליע אין שאק נאך שווערע ארסאן פייער אינצידענט וואס האט איבערגעלאזט דעם עדת ישראל שול שווער געשעדיגט. דאס האט פאסירט נאך וואס צוויי פארשוינען אנגעגאסן ברענשטאף פליסיגקייט אין שול און האבן עס אונטערגעצינדן.

שוידערליכע עקסידענט אין לאנד מאראקא פארשניידט לעבנס פון פינף ברעסלאווער חסידים: ר' נתן שפירא ע"ה (37), ר' שמעון תפילינסקי ע"ה (33), זיין ברודער הב' יוסף חיים תפילינסקי ע"ה (20), הב' משה גלנט ע"ה (18), און הב' ישראל מאיר שאשא ע"ה (25).

**שבת ויצא, ו' כסליו:** דער דיקטאטור באשאר-על-אסאד אנטלויפט פון סיריע קיין רוסלאנד, ווען זיין רעזשים צעפאלט.

**מיטוואך וישלח, י' כסלו:** הילד יהושע אהרן טוביה הי"ד (12) בן יבלחט"א הרה"ג רבי דוד זושא שמחה שליט"א, מחשובי קהילת 'פני מנחם', אומגעקומען אין טעראר שיסעריי אטאקע דורך אן אראבישן רוצח אויף א באס נעבן ביתר-עילית.

**דאנערשטאג וישלח, י"א כסלו:** קליינע פליגער וואס פירט צוויי אידן קראכט אויפ'ן "אינטערסטעיט 684" שאסיי נעבן ווייט פלעינס. עס קאסט דאס לעבן פון האברך היקר ר' יעקב פרידמאן ע"ה, 32 יאר פון מאנסי.

**מאנטאג וישב, ט"ו כסליו:** נפטר געווארן הגאון רבי אשר הכהן דויטש זצ"ל, ראש ישיבת פאנאוויזש.

**פרייטאג וישב, י"ט כסליו:** אבלאווע אויף דער קהילה פון 'לב טהור' אין גואטאמאלא, ווען 200 פרויען און קינדער ווערן אפגעפירט צו א פארזיכערטן ארט, און ברענגט ענדגילטיג צו אויפלעזונג פון די ארטיגע קהילה.

**זונטאג ויגש, כ"ח כסליו:** געשטארבן דער 39'סטער אמעריקאנער פרעזידענט, זשימי קארטער. דאס האט דערמאנט דעם באזוך צו אים אין ווייסן הויז, דורך כ"ק האדמו"רים מסאטמאר, באבוב און וויזשניץ זצ"ל, לטובת די אידישע בתי חיים אין אייראפע, דאן אונטער קאמוניסטישע הערשאפט.

**דינסטאג ויגש, ל' כסליו:** נפטר געווארן הגה"צ רבי חיים שלום אייזעקסאן זצ"ל האדמו"ר מנאדבורנא-פילאדעלפיע רב דקהל בית שלמה.

**דינסטאג ויחי, ז' טבת:** וואלדפייערן בוזשעווען אין לאס אנדזשעלעס. איבער פינף הונדערט אידן האבן פארלוירן זייער דאך איבער'ן קאפ.

**מיטוואך ויחי, ח' טבת:** טויזנטער חסידים אין מאנסי באגלייטן למנוחת עולמים די וויזשניצער רביצין, הרבנית הצדיקת מרת מרים האגער ע"ה, אשת חבר כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א פון מאנסי, און טאכטער פונעם אוהעלער רב זצ"ל.

**דאנערשטאג ויחי, ט' טבת:** הילד דניאל רובין ע"ה אומגעקומען אין עקסידענט, אויפ'ן וועג אהיים פון לאנדאן קיין אנטווערפן, צוויי וואכן פאר זיין בר-מצוה.

**דאנערשטאג בא, א' שבט:** צוזאמשטויס צווישן קאמערציאלן פאסאזשיר-פליגער און מיליטערישע-העליקאפטער העכער'ן פאטאמעק טייך אין וואשינגטאן די-סי, קאסט דאס לעבן פון דעם אידישן פלייט-אטענדענט יצחק דוד בן זלמן מסטל ע"ה, פון די חב"ד קהילה פון שארלעט, נארט קאראליינע.

**מיטוואך משפטים, כ"א שבט:** די גופים פון די סאמע יונגסטע כאמאס משכונות, דער פינף-יעריגער אריאל ביבס הי"ד און זיין איין-יעריגער ברודער כפיר הי"ד, מיט זייער מוטער שירי הי"ד, ווערן איבערגעבן צו מדינת ישראל.

**דינסטאג תרומה, כ"ז שבט:** ריזיגער הכנסת ספר תורה אין שיכון סקווירא, געשריבן דורך כ"ק האדמו"ר שליט"א און אלוועלטליכע סקווערער חסידים.

**דינסטאג תשא, י"א אדר:** די ביטערע גזירה קעגן דעם ערליכן חינוך אין ניו יארק סטעיט ווערט פארשארפט, ווען עטליכע מוסדות התורה והחינוך באקומען בריוון פון די סטעיט עדזשוקעישאן דעפארטמענט, אז די מוסדות זענען "נאן עקוויוועלענט" און דעריבער וועט די סטעיט פרובירן זיי אפצושפארן ח"ו.

**שב"ק פקודי, כ"ט אדר:** טראגעדיע אין פלעטבוש, ווען מוטער און צוויי קינדערלעך ווערן טראגיש אוועקגעריסן אויפ'ן וועג אהיים פון שול, דורך א ווילדע דרייווער. מרת שרה סאאדא ע"ה, דינה ע"ה (7), און דבורה ע"ה (5). ע"ה.

**שב"ק שש"פ, כ"א ניסן:** פטירת הגאון והחכם **רבי מאיר ניסים מאזוז זצ"ל, ראש ישיבת כסא רחמים** ומגדולי מנהיגי עדת יהדות ספרד. פטירת הגאון הצדיק המפורסם **רבי מרדכי שטיין זצ"ל גאב"ד פאלטישאן.**

**דינסטאג תז"מ, א' אייר:** וואנדאליזם און שענדונג פונעם קבר פון רבי חיים וויטאל זי"ע אין דער הויפטשטאט דמשק, סיריע, שוידערט אויף יהדות החרדית.

**מאנטאג אמור, פסח שני:** די טעראריסטישע כאמאס גרופע באפרייט דעם אידישן משכון עידן אלעקסאנדער פון ניו-זשוירסי פון געפענגעניש.

**מיטוואך אמור, ט"ז אייר:** אנטווערפן אויפגעשוידערט נאכדעם וואס פאליציי פאלן איבער הייזער פון היימישע מוהלים, און קאנפיסקירן זייערע געצייג.

**דאנערשטאג בה"ב, כ"ד אייר:** שיסעריי אין וואשינגטאן די-סי דורך א פרא-כאמאס עקסטרעם-לינקער פארשוין, ברענגט אום צוויי שטאב מיטגלידער אין דער מדינת ישראל אמבאסאדע, איינס פון זיי שרה מילגרים הי"ד.

**פרייטאג בה"ב, כ"ה אייר:** טראגעדיע אין לעיקוואוד, ווען קאר מיט פינף בחורים שטויסט זיך אן אין א הערש, פירנדיג צום אומקום פון דריי בחורים רח"ל. הב' דוד יצחק האנדלער ע"ה, הב' חיים זעליג בערל ע"ה, און הב' רפאל פאהאם ע"ה.

**דאנערשטאג נשא, ט' סיון:** גופים פון משכונות פארפאלק גדי הגי הי"ד און דזשודי וויינשטיין הגי הי"ד, ווערן אפגעפונען אין עזה נישט בין החיים.

**פרייטאג בהעלותך, י"ז סיון:** מלחמה ברעכט אויס צווישן איראן און מדינת ישראל, נאכדעם וואס די לעצטע האבן אונטערגענומען מאסיווע באמבארדירונגען לענגאויס איראן. עטליכע אידן ליידער אומגעקומען אין רעזולטאט פון דעם מלחמה, און הונדערטער זענען ל"ע פארוואונדעט געווארן.

**דינסטאג שלח, כ"א סיון:** אין ארץ ישראל איז נפטר געווארן דער ויז'ניצער מלחין, הרה"ח רבי יצחק אונגאר ז"ל.

**מיטוואך קרח, כ"ט סיון:** עטליכע רבנים און חזנים פון דער אידישער קהילה אין איראן ווערן אוועקגעפירט צו ווערן אויסגעפרעגט און פארהערט דורך דער רעזשים אין באשולדיגונג אז זיי אין קאלאבארירן מיט מדינת ישראל.

**פרייטאג חקת, ח' תמוז:** נפטר געווארן דער באקאנטער קלארינעט ר' אבי פיאמענטא ז"ל.

**זונטאג בלק, י' תמוז:** בן-תורה פון דער ישיבה וכולל אין לעיקוואוד געהאלטן אונטער ארעסט אן צוטריט פון א לויער, אויף לעכערליכע באשולדיגונגען פון א פופצן-יעריגער ספאנישער. ווערט באפרייט נאך גרויסע דעמאנסטראציעס.

**מאנטאג בלק, י"א תמוז:** מדינת ישראל רעגירונג און מיליטער מעלדט אז זיי וועלן נעמען דראסטישע שריט צו אינפארסירן די גזירה פון גיוס בני ישיבות.

**דינסטאג שופטים**: פטירה פון כ"ק האדמו"ר רבי זיידא אליעזר זאב ראזענבוים מקרעטשניף סיגוט זצ"ל.

**מיטוואך כי תצא:** נפטר געווארן צוויי יונגע בחורים, איינער איז עלעקטעריזירט געווארן אין מקוה רח"ל און דער אנדערער האט זיך נישט ערוועקט פון שלאף.

**מאנטאג כי תבא:** טעראר אטאקע ביי באס-סטאנציע אין ירושלים קאסט דאס לעבן פון זעקס היימישע אידן. השם ינקום דמם.

# אל הנער הזה התפללנו

## א שמועס מיט דעם בעל הנס, אנדערטהאלבן יאר שפעטער

**מיט אן אנדערטהאלבן יאר צוריק איז דער אידישער וועלט ערשטוינט געווארן הערנדיג דעם אומגלויבליכן נס: אין עלטער פון 88 יאר, האט דער גאון רבי צבי קושלובסקי שליט"א, דער ראש-ישיבה פון 'היכל התורה', געהאלזט זיין ערשטער קינד | יעצט ווען דאס קינד איז שוין עלטער און זאגט שוין 'טאטי', הערן מיר א שמועס מיט הרב קושלובסקי און זיין רעבעצין, די בעלי הנס | זיי דערציילן איבער דעם אלוועלטליכן חיזוק-באוועגונג וואס איז געשאפן געווארן אין ליכט פון דעם נס און איבער די נחת וואס זיי שעפן פון דעם זיסן אליהו | למען ידעו דורותיכם**

### 'עס קומט זיך מיר גארנישט'

שטייענדיג אן אנדערטהאלבן יאר נאך דעם נס וואס האט אזוי איבערגענומען די וועלט, איז צייט צו הערן פון הרב קושלובסקי און זיין רעבעצין, על הניסים ועל הנפלאות. דער קליינער אליהו שפרינגט ארום צווישן די שטיבער אין הויז, און ווייסט ניטאמאל וויפיל צענדליגער טויזנטער הערצער האבן זיך מחזק געווען אין זיין זכות.

**וויאזוי זעט דער ראש-ישיבה דעם נס, מיט אן אנדערטהאלבן יאר שפעטער?**

"פונקט ווי אן אנדערטהאלבן יאר צוריק. גארנישט האט זיך געטוישט פון די לויב און דאנק פאר'ן באשעפער און אנערקענונג אין דעם גרויסן חסד וואס ער האט מיט אונז געטון. אויב עפעס, איז פארקערט. דער געפיל פון דאנקבארקייט שטארקט זיך פון טאג צו טאג.

"מיר דארפן לעבן מיט דעם געפיל אז ס'קומט זיך אונז גארנישט. אלע אונזערע בקשות דארפן זיין אז דער באשעפער זאל אונז באגנאדיגן פון דעם אוצר מתנת חנם. דאס דארף זיין אונזער עבודה. מענטשן דאוונען און טראכטן אז אין דער זכות פון זייערע תפילות 'קומט זיך עס אונז'.

"אידן דאוונען, פארגיסן טרערן ווי וואסער, אבער ס'איז נישט זיכער אז זיי דאוונען ריכטיג," זאגט דער ראש-ישיבה, און דאסמאל הייבט ער אויף דעם שטימע.

**וואס מיינט דער ראש-ישיבה?**

"איך וועל געבן א ביישפיל. נאטורליך וויל א מענטש האבן קינדער, און ער מיינט אז ס'קומט זיך אים. פארוואס? ווייל כמעט אלע פארהייראטע מענטשן האבן קינדער. אבער דאס איז נישט די וועג. ווען איך האב געדאוונט צום אייבערשטן, האב איך געזאגט: 'רבונו של עולם, עס קומט מיר גארנישט. איך בין גארנישט. איך וויל קינדער נישט ווייל ס'קומט זיך מיר און נישט ווייל איך פארמאג זכותים. נישט פאר מיינעטוועגן, נאר פאר דיין כבוד אז עס זאל אנטפלעקט ווערן אויף דער וועלט, פון דעם אוצר מתנת חנם. ווייל דו קענסט אלעס טון און דו ווילסט דאס בעסטע פאר מיר.' אזא תפילה, אוודאי ווערט אנגענומען."

אין שייכות מיט דעם ברענגט הרב קושלובסקי א מדרש וואס דערציילט אז ווען משה רבינו איז ארויפגעקומען אין הימל האט דער באשעפער אים געוויזן אוצרות פון שפע. נאך דעם גאנצן 'אוצר' וואס ער האט געזען, פרעגט משה רבינו צו וועמען עס איז אנגעגרייט און די ענטפערס זענען פילפארביג: איינס פאר די גומלי חסדים, איינס פאר די וואס ערציען יתומים, איינס פאר די וואס זענען עוסק בתורה. אינעם קומענדיגן שטאפל האט משה געזען א ריזיגע אוצר וואס איז געווען ענדלאז, און ער גיבט א פרעג דעם באשעפער צו וועמען דאס איז באשטימט. זאגט אים דער אייבערשטער: "דאס איז אן אוצר פון מתנת חנם. דער וואס האט נישט קיינע זכותים, גיב איך פון דעם אוצר."

שפעטער ברענגט דער מדרש אז דער באשעפער כביכול האט זיך מצער געווען אז ער האט געוויזן פאר משה רבינו דעם אוצר און אים אנטדעקט דעם סוד. "דער גאון רבי שמשון פינקוס זצ"ל ערקלערט אז דער 'אוצר מתנת חנם' איז ריזיג און גרעסער פון אלע אנדערע אוצרות," באטאנט דער ראש-ישיבה, "וויבאלד דער מענטש וואס האט געטון חסד אדער געלערנט תורה באקומט לויט זיינע מעשים. די מעשים זענען באגרעניצט איז דעריבער די שכר אויך באגרעניצט. אבער ווען ס'רעדט זיך פון א מתנת חנם, קומט עס נישט פאר יענעם צוליב א געוויסע מעשה וואס האט א גרעניץ, נאר צוליב דעם באשעפער'ס רחמנות וואס איז נישט באגרעניצט, און דעריבער איז עס א חסד וואס האט נישט קיין ענדע."

**וויאזוי קען א מענטש אריינגעמען איין זיך דעם אמת'ן געפיל אז "ס'קומט זיך מיר גארנישט"?**

"ריכטיג, ס'איז א הויכע מדריגה. נישט איינמאל נארט זיך דער מענטש אז ער איז שוין אויף דעם מדריגה, אבער יעדע אנשטרענגונג צו אנקומען צו אביסל רצון פון עבודה פאר כבוד שמים, איז ווערד אלע געלט אין דער וועלט און מ'דארף זיך זייער פרייען דערויף. נישט קיין חילוק וויאזוי דער מענטש בעט, דארף ער באמת שפירן אז עס קומט זיך מיר גארנישט. אויך אויב ער וויל זייער א שידוך, קינדער, פרנסה אדער יעדע אנדערע זאך, דארף ער וויסן אז לויט זיינע מעשים איז ער נישט ראוי עס צו באקומען און ער איז אנגעוואנדן בלויז אין רחמי שמים וואס האט נישט קיין גבול און דער באשעפער גיבט אויך פאר דער וואס איז נישט ראוי."

**נאך אן אנדערטהאלבן יאר וואס דער ראש-ישיבה גיבט איבער דעם מעסעדזש איבעראל, וויאזוי זענען די רעאקציעס?**

"מ'קען זאגן אז דאס איז א מעסעדזש וואס טוישט לעבנס. מענטשן וואס נעמען דאס ערנסט און הייבן אן צו טוישן זייער גאנצע דאוונען און בכלל זייער בליק אויף לעבן, זענען געווארן ווייניגער פארוויטאגט. זיי זענען שוין נישט דערביטערט. זיי האבן געקריגן האפענונג פונדאסניי. אויך פאר די ישועה האבן זיי געשפירט אז זייער 'קוואלעטי' פון לעבן האט זיך גענצליך געטוישט, און פארשטייט זיך אז ס'זענען געווען סיפורים פון ישועות."

אלס ביישפיל צו איינע פון די מעשיות, ברענגט רעבעצין קושלובסקי א מעשה איבער א מיידל וואס האט זיך פארמאסטן מיט א קאמפליצירטע מעדעצינישע פראבלעם. ווען זי האט געהערט איבער דעם קינד וואס איז געבוירן געווארן ביי די קושלובסקי משפחה, האט זי געשפירט אז זי וויל זיך זייער משתתף זיין ביים ברית.

"הונדערטער מענטשן זענען געווען ביי אונזער ברית, וואס איז געפראוועט געווארן אינעם היכל הישיבה און איבער דער גאנצער וועלט האט מען עס נאכגעפאלגט, אבער דאס מיידל האט נישט פארלאזט דעם פלאץ. אסאך נאכדעם וואס דער ברית האט זיך געענדיגט און דער גאנצער ציבור האט זיך געוואנדן צום סעודת מצוה, איז זי פארבליבן דארט אויפ'ן ארט און פאר שעות געדאווענט און אויסגעגאסן איר הארץ."

און דא קומט דער איבערראשענדער ענדע. "נאך א תקופה," דערציילט די רעבעצין, "האט זיך דאס מיידל צו מיר פארבינדן און דערציילט מיט טרערן, אז איר מעדעצינישע פראבלעם איז פארשוואונדן ווי ס'וואלט קיינמאל געווען."

### 'די חדרים קריגן זיך אויף אים'

זינט די געבורט פון זייער זון אליהו האט די רעבעצין זיך געטראפן אין א דאפלטע אויפגאבע. צוערשט איז זי די רעבעצין פונעם ראש-ישיבה, פארוועמען זי זארגט מיט איבערגעגעבנקייט אז ער זאל קענען פארזעצן צו לערנען תורה, ארויסגעבן ספרים און דינען אלס ראש-ישיבה וואס גיבט

טעגליכע שיעורים. אין צוגאב צו דעם, פירט זי די אפיס אין דער ישיבה און מוטשעט זיך צו מסדר זיין די פינאנצן און צאלן די געהאלטן פאר די רבנים און יונגעלייט.

פונעם אנדערן זייט איז רעבעצין קושלובסקי א מאמע פאר זיבן קינדער פון איר ערשטע זיווג, וואס טייל זענען נאכנישט חתונה-געהאט, און פארשטייט זיך א מאמע פאר א קליינטשיקס וואס פארלאנגט זיין ליבשאפט און 'קעיר'.

"איך האב זיך אלעמאל געפרעגט וויאזוי איך האב זוכה געווען צו זיין די פרוי פון א ראש-ישיבה און זיין א טייל פון דעם גרויסן נס וואס האט דא פאסירט," זאגט זי. "איך בין א געוועגליכע פרוי, גארנישט באזונדערס. איך האב אלעמאל געדאוונט אז איך זאל זוכה זיין צו הייראטן א בן-תורה און דער באשעפער האט אויסגעהערט מיין תפילה און כ'האב זוכה געווען צו א ספר-תורה ביי מיר אין שטוב. איך שפיר צו אים א סארט רוחניות'דיגע פארכט, פשוט'ע יראת הכבוד.

"פון ווען אליהו איז געבוירן געווארן, שפיר איך א שטארקע דראנג צו דאנקען דעם באשעפער. אויך אויף דעם קינד און בעיקר אויף דעם קידוש השם וואס איז געמאכט געווארן אין זיין זכות, אויף דעם גרויסן מתנה וואס דער באשעפער האט אונז געשאנקען. איך וויל אזוי שטארק זיין אלעמאל אין א מצב פון דאנקען און לויבן, אבער דער יצר-הרע ווארפט אויף אונז ארויף טירדות און מאכט פון אונז פארגעסן די חסדים פון באשעפער.

"אונזער דור," האט די רעבעצין געזאגט, "איז אזוי אנגעשטרענגט און דער מח קען קוים געדענקען צו דאנקען. דעריבער האב איך געטראכט זיך אליין צו דערמאנען יעדן טאג צו זאגן 'מזמור לתודה': איך האב אויפגעהאנגען ביי אונז אין שטוב א 'מזמור לתודה' שילד, הארט נעבן דעם ברכה פון 'אשר יצר' וואס געפונט זיך ביי דעם קראן, אזוי אז יעדעס מאל וואס איך זאג אן 'אשר יצר', זאג איך אויך 'מזמור לתודה'."

**וויאזוי שפירט זיך צו זיין די מאמע פון אליהו, דער וואונדערליכער קינד?**

"ס'איז א וואונדערליכע געפיל. פון דער מינוט וואס ער איז געבוירן, האב איך געהאט א געפיל אז ער איז ממש א וואונדערליכער קינד. איך גיי אויפ'ן גאס מיט אליהו אדער קום מיט אים צום דאקטער, און מענטשן שטעלן מיר אפ, מ'קוקט אויף מיר און מ'דערציילט אז מ'האט זיך מחזק געווען פון אונזער נס. איך שפיר אז אליהו איז א קינד פון כלל ישראל. מענטשן רופן אים דער 'מיריקל בעיבי'."

דער קליינער אליהו איז געווארן א חלק פון דער ישיבה. "נישט לאנג צוריק בין איך געווען אין ישיבה אינמיטן נאכט," מישט זיך דער משגיח אריין אינעם שמועס. "איך זע די לעקטער ברענט אין אן אפיס און ס'האט ערוועקט מיין פארדאכט. איך בין אריינגעגאנגען און געטראפן די רעבעצין זיצן ביי דעם קאמפיוטער, ווען דער קליינער אליהו זיצט אויף איר און מיט די אנדערע הענט פרובירט זי טון די ארבעט וואס זי האט נישט אנגעיאגט במשך פון דעם טאג.

"און אגב, נישט איינמאל אנטלויפט אליהו פונעם אפיס און גייט אריין אין בית-המדרש," זעצט דער משגיח פאר. "די בחורים האבן אים זייער ליב און לאכן פון דעם וואס ער לויפט פאראויס מיט די צייט. אלע קריגן זיך פאר דעם זכות אים צו האלטן, אבער ער זוכט אלעמאל זיין טאטע. אליהו איז נאך ניטאמאל צוויי יאר, און די חדרים אין הר-נוף קריגן זיך שוין ווער ס'וועט זוכה זיין אים צו האבן פאר א תלמיד."

## 'אליהו שרייט טאטי'

"ברוך השם אז אליהו איז זייער אן אנטוויקלט און קלוגער קינד, און בעיקר נישט קיין קליינער חברה-מאן," לייגט די מאמע צו מיט א מוטערליכע ליבשאפט. "ער געפונט זיך אין שטוב מיט מיר, גייט נישט אין 'פלעי גרופ' אדער צו א 'בעיבי סיטער' און דאס איז א שטארקע טשאלענדזש. ער איז זייער 'קאנעקטעד' צו מיר און וויל זיך נישט שיידן. אויך ווען איך גיי ארויס צו דרשות קומט ער מיט מיר, אמאל האלט איך אים און אמאל איז ער מסכים אז א 'בעיבי סיטער' זאל אכטונג געבן אויף אים ווען ער געפונט זיך נעבן מיר."

דער ראש-ישיבה לייגט צו: "אליהו איז א ספעציעל קינד אין זכות פון די תפילות וואס מ'האט פאר אים געדאוונט. ווייל ווען א מענטש דאוונט, מאכט ער א שינוי אין דעם נפש פארוועמען ער דאוונט. מיר לערנען דאס ארויס פון חנה וועלכע האט געדאוונט זוכה צו זיין צו א זון, און זי האט טאקע געקריגן שמואל הנביא, וועלכער איז געווען שקול קעגן משה און אהרן.

"ווען שמואל איז אלט געווען צוויי יאר, האט ער גע'פסק'נט א הלכה פארנט פון זיין רבי'ן און ער איז געשטראפט געווארן בידי שמיים, ווי חז"ל שילדערן. ווען חנה האט געהערט דערוועגן, איז איר הארץ געבראכן געווארן און זי האט זיך געבעטן פאר עלי הכהן אז ער זאל מוחל זיין איר זון. עלי האט איר געוואלט העלפן, אבער דאס איז געווען די הלכה. נאכ'ן טראכטן א לאנגע צייט האט עלי געפונען א לעזונג: ער האט צוגעזאגט פאר חנה אז ער וועט דאוונען פאר איר אז זי זאל זוכה זיין צו א זון נאך גרעסער פון שמואל, אבער זי האט נישט געוואלט און זי האט געזאגט פאר עלי: 'אל הנער הזה התפללתי!'

"פרעגט הרב פינקוס: פון נביא לערנט מען ארויס אז חנה'ס מעשים זענען געווען בלויז לשם שמים און אויך די ווילן צו האלזן א קינד אז ער זאל זיין אן עובד השם. פארוואס, אויב אזוי, האט זי זיך פאר'עקשנ'ט אז שמואל זאל בלייבן לעבן און זי האט נישט אנגענומען דעם פארשלאג פון עלי אז זי זאל האבן נאך א קינד וואס וועט זיין א גרעסערער צדיק? אויב איז דאס די הלכה, פארוואס האט זי זיך גע'טענה'ט און פאר'עקשנ'ט? די ענטפער איז געווען אז חנה האט געזאגט פאר עלי: שמואל איז א ספעציעלע קינד, ער איז א קינד פון תפילות. ער איז געבוירן נאך פילע טרערן, מ'האט אין אים אינוועסטירט אסאך תפילות און טרערן און דעריבער וועט קיין שום אנדערער קינד, זאל ער זיין דער גרעסטער צדיק, נישט זיין גלייך צו אים. א קינד וואס איז געבוירן נאך אזויפיל תפילות, וועט האבן די שטארקסטע קשר צום באשעפער."

**וויאזוי איז דער קשר פון אליהו מיט דעם ראש-ישיבה?**

"זייער א שטארקער קשר," זאגט זי עדות. "ווען דער ראש-ישיבה קומט אהיים, צו דעם דירה העכער די ישיבה, און ער זעט אליהו זיך שפילן און שמייכלען צו אים, צעגייט ער פאר אים. ס'איז דא צווישן זיי אן אהבת נפש.

"מ'זעט אויף אליהו אז ער האט זייער א ספעציעלער טאטע, וואס דאוונט שוין פאר אים זעכציג יאר. אויך אויב ער איז אינמיטן עסן און הערט א ברכה, איז ער מפסיק און ער זאגט 'אמן'. ווען ער הערט דאוונען אין שטוב אדער אינעם דערנעבנדיגן בית-המדרש, ווען מיין מאן דער ראש-ישיבה דאוונט אויפ'ן קול ווי געווענליך און ענטפערט 'אמן יהא שמיה רבה', דערקענט אליהו דעם קול צווישן די קולות פון אלע מתפללים און זאגט 'טאטי'."

## נס גוררת ניסים

**אסאך אידן דאוונען שוין לאנגע יארן און זענען נאכנישט געהאלפן. וויאזוי זאל א מענטש נישט ווערן געפאלן ווען ער זעט אז ער דאוונט און ווערט נישט געענטפערט?**

"מ'דארף וויסן אז דער באשעפער איז א טוב ומיטיב און ער וויל אונז גוטס טון," ענטפערט דער ראש-ישיבה. "מ'דארף וויסן און גלייבן און שפירן אז אויב מיר האבן עפעס נישט באקומען, טוט דאס דער באשעפער פאר אונזער טובה, אונז צו אויסלייטערן אז מיר זאלן זיך דערנענטערן צו אים און דאן וועלן מיר קענען באקומען מער ברכה.

"אויך איך, ווען כ'האב נישט באקומען מיין געבעט, האב איך פארשטאנען אז דער באשעפער וויל מיר אויסלייטערן. ווי די יארן זענען אריבער, האב איך געמאכט פארשריט און זיך פארבעסערט. דאס איז אויך דער ענטפער צו דעם באוואוסטן פראגע: אויב א מענטש ווייסט אז אלעס איז לטובה, פארוואס דארף ער בכלל דאוונען צו טוישן דעם מציאות? דער

ענטפער איז, אז אמת טאקע אז יעצט אין דיין מצב איז די בעסטע, אבער דאס איז צוליב דיין מדריגה.

"אויב דער מענטש וועט באקומען די שפע ווען ער איז אין א נידעריגע מדריגה, קען די שפע אים שעדיגן. ווען דער מענטש דאוונט, שטייגט ער אין זיין רוחניות'דיגער מצב און אזוי איז ער ראוי צו מקבל זיין די שפע. דער באשעפער האט באשאפן די אימהות וואס זענען עקרות, ווייל ער האט געוואוסט אז נאר אזוי וועלן זיי אנקומען צו זייער גרויסע מדריגה. אין יעדע מצב פון צער אדער שוועריגקייט, דארף דער מענטש וויסן אז דער באשעפער וויל משפיע זיין אויף אונז נאר גוטס, און מיר דורך אונזערע מעשים האלטן עס צוריק פון אונז. א מענטש וואס האט ליב דעם באשעפער וועט טון אלעס כדי צו זיין ראוי צו די שפע, כדי צו דערפרייען דעם באשעפער, וואס זיין גרעסטע נחת-רוח איז צו משפיע זיין א שפע פון גוטס.

"ווען מ'דאוונט פון טיפעניש פון הארצן אויף עפעס, הערט דער באשעפער אויס די תפילות. א מענטש טאר זיך נישט מייאש זיין, ניין, נאר ווייטער דאוונען. איך האב געשריגן צו אים און זיך געבעטן מיט געוויין, 'דו מוזט מיר העלפן,' און דער באשעפער האט אויסגעהערט מיין תפילה און מיר געגעבן א קינד פון תפילות. ווען מ'דאוונט אזויפיל יאר, מאכט מען א שינוי אינעם נפש און א שינוי אין דעם מציאות."

דער ראש ישיבה דערציילט: "צוויי טעג פאר אליהו'ס ברית איז געקומען צו אונז א פארפאלק וועלכע ווארטן שוין עלף יאר אויף קינדער. זיי האבן געהערט איבער דעם נס וואס האט צו אונז פאסירט און געבעטן א ברכה. איך האב זיי געזאגט אז דער באשעפער האט זיי ליב און זיי דארפן דאוונען מיט אזא כוונה. איך האב זיי געברענגט א נוסח וואס צו דאוונען, און זיי זענען נתרגש געווארן און געזאגט אז זיי נעמען אויף זיך צו זאגן דעם תפילה יעדן טאג.

**רבונו של עולם, אני יודע שלפי מעשי לא מגיע לי כלום, ולכך אני מתחנן לפניך שאל תדון אותי בשמים במקום של הסנהדרין, אלא תכנס להיכל הגבוה היכל הקודש קדשים שבשמים המכוון כנגד בית-המקדש והכותל-המערבי, ששם אתה נמצא לבד ולא נכנס שום דין ושום חטא, אלא רק הרחמים והחסד שלך, ומשם תביא לי את הישועה שאני צריך, שהרי אתה טוב ומטיב, ואתה רוצה שיהיה לנו טוב, ורק החטאים שלנו מעכבים את הישועה, ולכך אני מתחנן לפניך שתכנס להיכל הרחמים ששם לא נכנס שום חטא, ומשם תביא לי את הישועה שהרי זה רצונך שיהיה לנו טוב, ועל ידי זה שנוושע יהיה לך נחת רוח.**
**יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ד' צורי וגואלי.**

ביי דעם שטאפל קומט די שטוינענדע בשורה פונעם ראש-ישיבה: "מיט א חודש צוריק איז צו זיי געבוירן געווארן א יונגעלע!"

# היפלא מד' דבר

אליהו'ס נס האט זיך נישט אנגעהויבן ביי זיין געבורט, נאר אסאך פריער. בעפאר איר חתונה צו דעם ראש ישיבה, איז די רעבעצין געווען א מאמע פאר זיבן קינדער. זי האט געוואלט חתונה האבן צו א געהויבענער פערזענליכקייט, כאטש וואס אסאך פון אירע באקאנטע האבן נישט געטראכט אז זי האט האפענונג דערויף. זי האט אבער נישט מוותר געווען. זי האט גערדאוונט, געגעבן צדקה און בעיקר זיך מחזק געווען מיט אמונה ובטחון אז זי זאל זוכה זיין צו זיין אן אשת חבר.

ערב ראש חודש אב יאר תשע"ח האט די רעבעצין גערדארפט ארויסגיין מיט איינער פון אירע קינדער צום דאקטער. ווען זי האט זיך אומגעקערט, איז זי אראפגעפאלן די שטיגן און זי האט זיך צעקלאפט איר פיס. עס איז געווען דאנערשטאג, און די הכנות צו שבת זענען געווען אויף איר קאפ און די וועש וואס איז געוואקסן צו א בארג האט געזאלט געוואשן ווערן. זי איז געזעסן פארלוירן און געמוזט אויסטיילן אויפגאבעס פאר אירע קינדער.

אזוי זיצנדיג זענען אירע אויגן געפאלן אויף איר קאלענדער וואס איז געלעגן אויפ'ן טיש אפן צו דעם דאטום פון ט"ו באב. "בעזרת השם יתברך חתונה," איז געווען געשריבן דארט. די רעבעצין האט זיך געוואונטשן אז זי זאל זוכה זיין צו גיין אונטער דער חופה דעם טאג.

זי קוקט אויף דעם לוח און א מחשבה לויפט דורך איר הארץ: ווי איז עס בכלל מעגליך? וויאזוי קען מיין חתונה זיין ט"ו אב? עס איז שוין ראש-חודש אב און ס'איז נישטא קיין שום האפענונג אז אין צוויי וואכן זאל זי חתונה האבן מיט א תלמיד-חכם. אבער א מינוט דערויף האט זי זיך אליין אנגעשריגן: 'היפלא מד' דבר? דער באשעפער קען דיר נישט חתונה מאכן מיט דעם גרעסטן תלמיד חכם אין די קומענדיגע צוויי וואכן? דו האסט געארבעט אויף זיך מיט מוסר, אמונה און בטחון. וויאזוי גלייבסטו נישט?'

אום שבת האט די רעבעצין נאר פארשטארקערט איר אמונה און א גאנצע צייט גע'חזר'ט אז 'אין עוד מלבדו'. מוצאי שבת האט זי געשפירט ווי זי איז פון פריש געבוירן געווארן, און דאן האט זי געקריגן א טעלעפאן-קאלל פון הרב יוסף קראהן, וועלכער האט איר דערציילט איבער הרב קושלובסקי וועלכער איז פאר'אלמנ'ט געווארן און ער וויל נאכאמאל חתונה האבן, אבער ער וויל נישט רעדן דערפון ביז נאך תשעה באב.

צומארגענס איז די רעבעצין געפארן זיך באראטן איבער דעם שידוך מיט א פריינדינע. אזוי שמועסנדיג פארבינדט זיך דער שדכן און דערציילט אז רבי צבי וויל זיך טרעפן נאך יענעם אוונד. צעמישט האט זי געענטפערט אז יא. ביי דעם ענדע פון זייער באגעגעניש האט רבי צבי געפרעגט: "ווען ווילסטו חתונה האבן?" רעבעצין רחל האט נישט געשפירט באקוועם צו ענטפערן, און דער ראש-ישיבה האט ווידער געפרעגט די שאלה. ביים דריטן מאל האט ער געקלאפט אויפ'ן טיש און געזאגט: "ס'איז דא א שאלה אויפ'ן טיש. ווען ווילסטו מיר זאלן חתונה האבן?" די רעבעצין האט זיך פלוצלינג דערמאנט אין וואס זי האט געשריבן אינעם לוח. "חמשה עשר באב איז א גוטע דאטום," האט זי געזאגט און הרב קושלובסקי האט מסכים געווען. חמשה-עשר באב איז יענעם יאר געפאלן פרייטאג און זיי האבן געוואלט באשטימען דעם חתונה פאר פרייטאג-צונאכטס, אין דער ישיבה אין הר-נוף. ס'איז נאר געווען איין קליינע פראבלעם: אן אנדערער תלמיד פון דער ראש-ישיבה האט שוין קובע געווען זיין חתונה פאר יענעם נאכט, אויפ'ן זעלבן פלאץ. רבי צבי, מיט זיין איידלקייט, האט נישט געוואלט צושטערן די שמחה פון יענעם תלמיד. פרייטאג-צונאכטס זענען די ישיבה-בחורים זיך צוזאמגעקומען צו יענעם תלמיד'ס חתונה, און רבי צבי איז געווען דער מסדר קידושין, און צומארגענס, פרייטאג אליין צען אזייגער צופרי, איז ער געווען דער חתן אויפ'ן זעלבן פלאץ, און דער פוסק הדור הגאון רבי משה שטערנבוך איז געווען דער מסדר און ער האט אנגעוואונטשן דעם פרישן פארפאלק מיט זרעא חייא וקיימא. דאס איז דער סיבה, אגב, אז ווען רבי צבי איז ארויס פון שפיטאל נאך דעם געבורט פון זיין זון האט ער געוואנדן זיינע טריט צום שטוב פון רבי משה שטערנבוך, אים דערציילן איבער דעם ברכה וואס איז מקויים געווארן.

"מיר האבן אמאל געלערנט א שטיקל מהר"ל," דערציילט א תלמיד. "איך האב פארגעלערנט דעם שטיקל הויעך, און פלוצלינג האב איך באמערקט אז דער נושא איז קינדערלאזקייט. דער מהר"ל האט געשריבן עטליכע בלעטער איבער דעם נושא, וואס זענען געווען זייער שרעקעדיג. וויבאלד איך האב געשפירט אומבאקוועם, האב איך עס געליינט גאר שנעל. אבער דער ראש-ישיבה האט געליינט יעדעס ווארט פאמעליך. איך האב באמערקט ווי דער ראש-ישיבה שמייכל מיט צופרידנקייט. ס'האט מיר נישט אויסגעזען ווי ער איז בכלל געבאדערט דערפון, נאר פארקערט. ער האט מיר ערקלערט יעדע שטיקל, ווי ער פלעגט אלעמאל טון.

"ווען מיר האבן געענדיגט לערנען האב איך געשפירט א גרויסע צער איבער דעם ראש-ישיבה, אבער ווען איך האב געהערט איבער דעם קינד וואס איז אים געבוירן געווארן, האב איך זיך פלוצלינג דערמאנט אין יענעם לימוד. יעצט האב איך פארשטאנען פארוואס דער ראש-ישיבה איז נישט געווען געבאדערט. ער האט געגלייבט מיט זיין גאנצע הארץ אז די ווערטער באציען זיך נישט צו אים און ער וועט נאך זוכה זיין צו האלזן א קינד, ווי ער האט זיך נישט איינמאל אויסגעדריקט."

שטוינענד.